STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10952

DER KRIZIS FUN DER IDISHER KOLONIZATSYE IN ARGENTINA UN DER MORALISHER BANKROT FUN DER IKA-ADMINISTRATSYON

Leon Chasanowich

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאן חאזאנאָוויטש

דער קריזיס פֿון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארגענטינא

און

דער מאָראַלישער באנקראָט פֿון דער יק"א־אַדמיניסטראציאן

פֿערלאַג „בילדונג" סטאַניסלאַוו

1910

דרוקעריי: א. סאלאט, לעמבערג

פֿאָרוואָרט:

דאָס פֿאָרליגענדע ביכעל, מיט וועלכען איך זעץ די יק"א־אַדמיניסטראַציע אויף די אַנקלאַגע־באַנק פֿון דער עפֿענטליכער מיינונג צוליעב דעם, וואָס זי האָט געטהון און פֿערנאַכלעסיגט אין אַרגענטינא אין פֿערלויף פֿון צוויי צעהנדליג יאָהר, האָב איך אָנגעהויבען שרייבען אין דיזען לאַנד גופֿא, קומענדיג פֿריש פֿון אַ לענגערער רייזע איבער כמעט אַלע אידישע און אַ רייהע ניט אידישע קאָלאָניען, און שטעהענדיג אונטער דעם מעכטיגען איינדרוק, וואָס די ערשיטערנדע צושטענדע פֿון יק"א'ס קאָלאָניען האָבען אויף מיר געמאַכט. עס איז מיר ניט געווען בעשערט גלייך צו ענדיגען די אַרבייט און דאָרט, וואו איך האָב איהר אָנגעהויבען, ווייל דער שטן אין געשטאַלט פֿון יק"א־בעאַמטע האָט זיך אַריינגעמישט און מיך פּלוצליגג אין מיטען איבערגעריסען. אויף יק"א'ס מזל איז גראָד אין יענע טעג ערקלערט געוואָרען דער בעלאַגערונגס־צושטאַנד איבער'ן לאַנד און ס'זענען אויסגעבראָכען פֿערפֿאָלגונגען געגען די „אַנאַרחיסטען", בעזונדערס געגען די אויסלענדער, גאַנץ בעזונדערס געגען די „רוסען", ד. ה. אידען. בעת די אידישע בעפֿעלקערונג אָהן אונטערשיעד פֿון קלאַס האָט איבערגעלעבט דעם גרעסטען פּחד, האָבען זיך די יק"א־פֿאָרשטעהער בענוצט מיט'ן „שעת הכושר", האָבען מיך געמסר'ט פֿאַר אַ „געפֿעהרליכען אַנאַרחיסט", בעהויפּטענדיג אַז איך האָב אַגיטירט אין די קאָלאָניען פֿאַר אַ „רעוואָלוציאָנערען אויפֿשטאַנד", מיט וואָס זיי האָבען דערגרייכט, אַז איך בין אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט געוואָרען פֿון לאַנד. דיזעלבע פֿאַקטען, וואָס איך האָב פֿאַר דעם אינצעדענט געוואָלט איבערגעבען, דיזעלבע מיינונגען און אורטיילען, וואָס איך האָב געוואָלט אַרויסזאָגען שריפֿטליך, ווי איך האָב זיי פֿריהער אַרויסגעזאָגט אין די קאָלאָניען מינדליך, וועט דער לעזער געפֿינען אין די פֿאָלגענדע בלעטער.

איך האָב געפֿונען פֿאַר נויטיג צו דערצעהלען דיזע קורצע ענטשטעהונגס־געשיכטע פֿונ'ם פֿאָרליגענדען ביכעל, הגם מיר איז דערביי אויסגעקומען צו רעדען פֿון מיין פּערזאָן און צו דערמאָנען זאַכען, וואָס זענען שוין לאַנג בעקאַנט געוואָרען דורך די טאָג־פּרעסע,

כדי לכתחלה צו בעזײַטיגען אַ חשד, װאָס װאָלט ביי מאַנכע לעזער געקענט ענטשטעהן, דעם חשד געמליך, אַז מײַן קריטיק געגען יק״א איז װען ניט אַרױסגערופֿען, װעניגסטענס בעאײַנפֿלוסט געװאָרען דורך נקמה־געפֿיהלען געגען איהר צוליעב דעם אונרעכט, װאָס איך האָב מצד איהרע בעאַמטע געליטען. װי מען זעהט, האָט זיך די יק״א, ד. ה. איהרע אַרגענטינישע פֿאָרשטעהער, אָן מיר נוקם געװען, ניט איך אָן איהר. איבריגענס װאָלט דער פֿאַקט פֿון פֿאַלשע מסירות מצד די פֿאָרנעהמע יק״א־פֿילאַנטראָפּען און נאָך אונטער די דערמאָהנטע אומשטענדען געבליבען גאַנץ אונפֿערשטענדליך אָהן אַנ׳אמת׳ע בעלײַכטונג פֿון די פֿערהעלטנישען אין יק״א׳ס זיד־אַמעריקאַנישע קאָלאָניען. נאָכדעם װי די װעלט װעט ערפֿאַהרען דעם אמת פֿון אַרגענטינאַ, װעט קײנער מעהר ניט שאָקלען מיט׳ן קאָפּ איבער אַזאַ טהאַט, נאָר זי געפֿינען פֿאַר „נאַטירליך״, װײַל זי שטעלט מיט זיך פֿאָר נאָר אַנ׳אײנצעל און גוטװענדיג רינגעל אין אַ לאַנגער קײט פֿון פֿערברעכענס.

דער צװעק פֿון דער פֿאָרליגענדער שריפֿט איז אַ דאָפּעלטער: פֿון אײן זײַט אױפֿמערקזאַם צו מאַכען די אידישע עפֿענטליכקײט אױף די צושטענדע אין אַרגענטינאַ, אַרױסצורופֿען אין די ברײטע אידישע קרײזען די סימפּאַטיע פֿאַר דער קאָלאָניסטישער אונאָבהענגיגקײטס־בעװעגונג, װאָס זי פֿעדערט, פֿון דער אַנדער זײַט, צו געבען דיזער בעװעגונג אַ זיכערע ריכטונג, אַרײַנצובריינגען אין איהר פּלאַנמעסיגקײט און קלאָרהײט. דיזער צװעק פֿון דער בראָשורע און איהרע בעשרענקטע ראַהמען האָבען עס מיר אונמעגליך געמאַכט אָבצוגעבען פֿיעל אָרט פֿאַר רײזע־אײנדריקע, װעלכע איך האָב אָפֿט געמוזט אָבשטופּען צוליעב טעאָרעטישע אונטערזוכונגען און היסטאָרישע ריקבליקען, כדי צו געבען די לעזער די מעגליכקײט זיך צו בילדען אַ מעגליכסט אַלזײַטיגען אורטײל איבער די יק״א־קאָלאָניזאַציע, איבער איהר ענטשטעהונג, לאַגע, פֿעהלער און דעם מעגליכען אױסגאַנג פֿון דעם עקזיסטירענדען קריזיס.

עס איז ענדליך צײַט, אַז די אידישע עפֿענטליכקײט זאָל זיך אָנהױבען צו בעשעפֿטיגען מיט דעם קלײנעם, אָבער אַזױ װיכטיגען צװײַג פֿון אונזער לעבען, מיט דער אַרגענטינישער קאָלאָניזאַציע, װאָס האָט געקענט װערען אַ מקור פֿון ברכה פֿאַר׳ן יודענטום און װאָס האָט זיך פֿערװאַנדעלט אינ׳ם רײנסטען היפּוך דערפֿון. עס איז ענדליך צײַט, אַז דאָס יודענטום זאָל פֿערלאַנגען פֿון יק״א אַ דין וחשבון איבער דעם גרױסען פֿערמעגען, װאָס איז געלעגט געװאָרען אין איהרע הענד לטובה פֿון דער פֿאָלקס־רעטונג און װאָס זי פֿערװענדעט און פֿערשװענדעט אָהן אַ קאָנטראָל.

אַרגענטינאַ איז פֿאַר אונז געבליבען אַ טערראַ אינקאָגניטאָ, אַנ־אונבעקאַנט לאַנד, נאָכדעם ווי דער רעש און געפילדער פֿון דער ערשטער גרינדונגס־פעריאָדע זענען ענטשוויגען געוואָרען. דאָס וועניגע, וואָס די אידישע וועלט ווייס היינט איבער אַרגענטינאַ, שטאַמט על פּי רוב פֿון אָפֿיציעלע יק״א־קוועלען, ד. ה. אַזוי ווייט ווי די אידישע וועלט ווייס עפּיס פֿון אַרגענטינאַ, איז עס דאָס געגענטייל פֿונ׳ם אמת. די יק״א אין איהר אייגענער בעלייכטונג איז אַ מוסטער פֿון מענשענליעבע, פֿון פֿעהיגקייט, דער אידעאַל פֿון אַ קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפֿט. נאַטירליך!.. ווי עס ווערען פֿאַבריצירט די יק״א־בעריכטען, פֿון וועלכע די אידישע פרעסע און זאָגאַר די אידישע ענציקלאָפעדיען שעפּען, וועלען מיר אונטען זעהן. געגענאיבער דיזע בעריכטען לעג איך פֿאָר דעם דעת הקהל דעם פֿאָלגענדען בעשולדיגונגס־אַקט, וואָס איך האָב פֿערפֿאַסט לויט׳ן בעסטען וויסען און געוויסען. די אָנגע־קלאָגטע איז די יק״א, ד. ה. איהר אַדמיניסטראַציאָן. זאָל די וועלט אַרויסטראָגען איהר שטרענגען, אָבער גערעכטען אורטייל.

לעמבערג, מאַי, 1910.

דער פֿערפֿאַסער.

I. דאס רעזולטאט פון צוויי צענדליג יאהר.

1. די ערוואַרטונגען פונם פאלק און פון זיין וואוילטעטער.

פאר צוואנציג יאהר צוריק האט זיך געטראגען מיט דער שנעלקייט פונ'ם ווינד א פרעהליכע בשורה דורך דאס מזרח־יודענטום, בעזונדערס דורך דאס יודענטום אין רוסלאנד, א בשורה, וועלכע איינער האט זיך געאיילט מיטצוטיילען דעם אנדערן מיט א האַריץ, וואס האט געציטערט פון פרייד און וועלכע האט פלוצלינג אריינגעווארפען די פערצווייפעלטע מאסען אין א שכרות פון האפנונג. אין אלע גאסען און ווינקלען, אין די בהרחבה'דיגע בעלי־בתי'שע הייזער, ווי אין די ארימע קעלערס, אין די גרויסע שטעדט, ווי אין די פערווארפענסטע נעסטען האט מען געהאלטען אין איין רעדען, אז פאר אידען איז אויפגעשטאנען א נייער גואל, וואס וועט זיי אויפריכטען פון זייער שרעקליכען דלות, פון זייערע בלוטיגע פערפאלגונגען, פון זייער צעבראכענהייט און אז אט וועט נעהמען א סוף צום גאנצען עלענד און יאמער פון לאנגע יאהרהונדערטער. ווי א בליץ אין א שטאק פינסטערער נאכט האט די נאכריכט געווירקט און מיט אמאל אנגעצונדען דאס ליכט פון האפנונג צווישען די מענשען, וואס האבען געהאט פערלוירען דעם גלויבען אין זיך און אין דער וועלט.

און עס איז געווען די העכסטע צייט צו מאכען א גרינדליכע ענדערונג אין דער אידישער לאגע, דען די נויט האט דערגרייכט אן אונערטרעגליכע מדרגה. די אידישע מאסען אין רוסלאנד זענען געשטאנען פאר אן'עקאנאמישען חורבן און זענען געווען געזעצליך פויגעלפריי. די אידישע עקאנאמיק איז דערשיטערט געווארען ביז'ן יסוד, דער אידישער „יורד” איז געווארען א שטארק פערברייטעטער טיפ, די בעשעפטיגונגס־לאזיגקייט איז געווארען אן'אלגעמיינע ערשיינונג. עס איז ענטשטאנען דער אידישער לופט־מענש. דערצו האט דער רעגירונגס־אנטיסעמיטיזם אין געשטאלט פון אויסנאהמס־געזעצען געטראשעט צו דערשטיקען די אידישע מאסען אין א ים פון עלענד, זיי אויסצוהונגערן און צו פערניכטען.

און דא אנשטאט די אויסנאהמס־געזעצען און פאליציי־ווילקיר פון דער דעספאטישער מלוכה — רעכטליכער שוץ אין א פרייער רעפובליק, אנשטאט ארימקייט — וואוילשטאנד, אנשטאט דער פעראכטעטער קליינקרעמעריי און לופט־פרנסות — זיכערע און נוצליכע בעשעפטיגונגען, אלגעמיין געשעצטע לאנדווירטשאפטליכע טעטיגקייט, אנשטאט דא

שטאָדטישע לעבען אין די שמוציגע געסלעך, אין די פינסטערע קעלערס און די נאַסע בוידעמס — א לעבען אין דער פרייער נאַטור, אין לופט און זונענשיין, אָנשטאָט האַס און פעראַכטונג — סימפּאַטיע און כבוד—דאָס איז געווען דער גרויסער אידעאַל, וואָס האָט אויפגע־שיינט פאַר דעם אידישען פאָלק, א אידעאַל, וואָס האָט ביי איהם אַרויסגערופען א פלאַמענדע בעגייסטערונג, וואָס האָט געגעבען נייע קראַפט די אָבגעשוואַכטע און האָט פונאַנדערגעפלאַקערט דעם מוט אין די הערצער פון יענע, וואָס האָבען אין זייער יאוש אַראָבגעלאָזט די הענד.

יעדער ווייס, ווער עס האָט דיזען אידעאַל געוויזען דער אידי־שער מאַסע: דער אידעאַלער באַראָן ה י ר ש, וואָס האָט גע'חלומ'ט א גרויסען אידישען חלום און וואָס האָט צו זיין פערווירקליכונג געמאַכט דעם אידישען פאָלק א קעניגליכען געשאַנק.

יע, א גרויסען טרוים האָט הירש געטראַכט צו מאַכען פאַר א ווירקליכקייט, א טרוים, וואָס האָט אַריבערגעשטייגט אַלע ווירקליכקייטס־מעגליכקייטען, און מיט דער איינציגער כונה צו ראַטעווען זיין פאָלק, וועלכען ער האָט כמעט גאָר ניט געקענט. די אידישע דאָפּעל־נאַטור איז אין איהם ווידער אַרויסגעטרעטען אין איהרע שאַרפסטע הפכים. דער געלד־איד, דער אייזענבאַהן־ספּעקולאַנט, וואָס שאַרט צוזאַמען די מיליאָנען, זיך ניט שטאַרק פונאַנדערקלייבענדיג אין די מיטלען, ווערט דער גרעסטער וואוילטעטער; דער חשבון־מענש מיט דעם שטאַרקען ווירקליכקייטס־זין, וואָס ווייס אָבצושאַצען און אָבצוווענען אַלע פאַק־טאָרען, אַלע שוועריגקייטען, פערלירט מיט אַמאָל, קומענדיג צום יודענטום, יעדע מאָס פאַר די זאַכען, טראָגט זיך אַרום מיט פאַנטאַסטישע פאָלקס־רעטערישע פּלענער, וואָס די וועלט וואָלט ערקלערט פאַר דעם גרעסטען שגעון, ווען הינטער זיי וואָלטען ניט געשטעקט די מיליאָנען, וויל מיט אַמאָל ווי דורך א כשוף מאַכען אַן איבערקעהרעניש אין'ם לעבען פון א פאָלק און דאָס, וואָס צוויי יאָהרטויזענדער האָבען פערדאָרבען, גוט מאַכען אין א פּאָר צעהנדליג יאָהר. דער משיח־געדאַנק, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו דרעמלען אין'ם אידישען פאָלקס־בעוואוסטזיין און וואָס האָט ניט איין מאָל געלאָזט אויפשטעהן אין'ם יודענטום מוטיגע מיסטיקער, וואָס האָבען געזוכט אַראָבצוציהען דעם הימעל אויף דר'ערד, האָט זיך דעם מאָל פער'גנב'ט אין'ם מח פון אַן אייראָפּעאיש ערצויגענעם אידישען מיליאָנער, וועלכער האָט געטראַכט צו ברענגען די גאולה אין דער געשטאַלט פון א אידישער מאַסען־קאָלאָניזאַציע אין אַזא גרויסאַרטיגען סטיל, ווי די וועלטגעשיכטע האָט נאָך ניט געזעהן.

הירש האט געפלאנעוועט צו קאלאניזירען אין דער ארגענטיני-
שער רעפובליק ניט וועניגער ווי דריי און א פערטעל מיליאן רוסלענ-
דישע אידען אין דעם משך פון 25 יאהר, אנהויבענדיג דאס ערשטע
יאהר מיט 25 טויזענד און פערגרעסערנדיג אליך ווייטער די צאהל פון
די, וואס ווערען יעהרליך בעזעצט. דיזער פאנטאסטישער פלאן איז
זאגאר פארגעלעגט געווארען דורך דעם ענגלענדער ארגאלד אואייט
דער רוסישער רעגירונג ביי די פערהאנדלונגען, וועלכע ער האט אין
הירש'ס נאמען מיט איהר געפיהרט און פון וועלכע מיר וועלען אונטען
נאך רעדען. ווען דער פלאן וואלט אויסגעפיהרט געווארען אין לעבען,
וואלט ער בעדייטעט ניט מעהר און ניט וועניגער ווי די לעזונג פון דער
אידען-פראגע, וואס איז געווען הירש'ס אידעאל. קודם כל וואלט די
אידען-פראגע פערשוואונדען אין רוסלאנד, וואו עס געפינט זיך דער
רוב מנין ורוב בנין פון אונזער פאלק. נאך דעם ערשטען פערטעליאהרהונ-
דערט וואלט זיך די צאהל אידען אין רוסלאנד פערקלענערט אויף א
העלפט און עס וואלטען דארט געבליבען גראד אזויפיעל, וויפיעל עס
קען פערדייען; אין א נויטיגען פאל וואלטען נאך מעהר געקענט
אויסוואנדערן. דאס איז אבער ניט אליך. ארגענטינא, וואו עס וואלט
אויפגעבליהט א צאהלרייכער און קרעפטיגער אידישער בויערן-קלאס,
וואלט געווארען א מעכטיגער און איינפלוסרייכער אידישער צענטער.
די אידען וואלטען דארט געבילדעט אין איינער אדער מעהרערע פראָ-
ווינצען א מעהרהייט און וואלטען געגאסען א ברייטע פראווינץ-
אויטאנאמיע. ארגענטינא וואלט דערמיט געווארען אן'אנציהונגס-פונקט
פאר די אידען פון אלע לענדער, אן'ארט פון ווירטשאפטליכען און
פאליטישען אויפשטייגען. אהין וואלטען זיך געראטעוועט אלע נויט-
בעדערפטיגע און פערפאלגטע פון אונזער פאלק. דערמיט, וואס די זיד-
אמעריקאנישע רעפובליק וואלט פארגעשטעלט אן'אבלייטונגס-קאנאל
פאר דער אידישער נויט, וואלט דער אידען-דרוק נאכגעלאזען אין
גאנץ מזרח-אייראפא, ווייל די אידען וואלטען אויפגעהערט זיך צו מא-
כען געגענזייטיג א טויטליכע קאנקורענץ. פון דער אנדער זייט וואלט דאס
אידישע אנזעהן איבעראל געוואקסען, דאס גאנצע שפינוועבס פון אנ-
טיסעמיטישע רכילות און פערלייםדונגען איבער יודישע עקספלא-
אטאציע און ארבייטס-אונ'חשק וואלט געמוזט פערשווינדען געגענ-
איבער די רעדעוודיגע פאקטען פון ארגענטינא, ווייל די גאנצע וועלט
וואלט איינגעזעהען, וואס די אידען קענען אין פרייהייט אויפטהון, ווי זיי
קענען ווערען א ברכה פאר'ן לאנד, ווען מען לאזט זיי נאר פונאנדער-
וויקלען זייערע געזונדע קרעפטען, מיט אנדערע ווערטער: די ארגענ-
טינישע קאלאניזאציע האט געזאלט זיין ניט נאר א וואוילטהאט פאר די,

וועלכע וואָלטען זיך בעזעצט אין דיזער זיד־אַמעריקאַנישער רעפּובליק, נאָר זי האָט געוואָלט אויך האָבען די גינסטיגסטע צוריקווירקונגען אויף די אידען, וואָס וואָלטען געבליבען אין דער אַלטער וועלט. האָט געוואָלט אויפהויבען זייער מצב און זיי ענדליך פערשאַפען רוה און פרידען.

הירש האָט אויף אַזוי ווייט געגלויבט אין דעם ערפאָלג פון זיין אונטערנעהמונג, אַז ער האָט געמיינט, דאָס איהם וועט זאָגאַר פעהלען מענשענמאַטעריאַל, ווען ער זאָל מוזען אויסקלייבען זיין קאָלאָניזאַציאָנס־עלעמענט צווישען יענע רוסלענדישע אויסוואַנדערער, וואָס זייער צאָהל איז שוין דאַן געוועזען ניט קיין קליינע. ער האָט דערפאַר געזוכט אַ וועג די אויסוואַנדערונג צו פערלייכטערן און האָט עס דערגרייכט דורך דעם, וואָס ער האָט אויסגעפועל'ט ביי דער רוסישער רעגירונג אַנ'ער־לויבניס פאַר דער טעטיגקייט אין רוסלאַנד פון יענער געזעלשאַפט, וואָס ער האָט צוליעב זיינע צוועקען געגרינדעט, פון יק"א, און ער־לייכטערונגען פאַר די עמיגראַנטען ביי זייער פערלאָזען דאָס לאַנד אונטער יק"א'ס שוץ. די רוסישע רעגירונג, וואָס האָט געזעהן אין הירש'ס פלענער אַ לייכטען מיטעל פטור צו ווערען פון דער אידען־פראַגע, וועלכע איז איהר געוואָרען אונבעקוועם, האָט זיך ענטשלאָסען צו מאַכען פאַר די יק"א־עמיגראַנטען אַנ'אויסנאַהם פון דעם כלל. ווער עס פער־לאָזט רוסלאַנד אונטער יק"א'ס שוץ בעקומט אַנ'אומזיסטיגע ענטלאַ־סונגס־צייגניס (Выходное свидѣтельство) אין וועלכער עס הייסט, אַז דער בעזיצער האָט „פערלאָזען רוסלאַנד אויף שטענדיג" און וועל־כע בעפרייט איהם פון אַלע פערפפליכטונגען געגען רוסלאַנד ווי מיליטער־דיענסט, א. א. וו., אַזוי אַז זיינע קרובים דאַרפען ניט צאָהלען די געוועהנליכע שטראָף־סומע פאַר זיין ניט־מעלדען־זיך צום פריזיוו.

ווי הערליך האָט עס זיך הירש אויסגעמאָלט! ביי זיין דענק־ווירדיגער בעגעגעניש מיט הערצל'ען, ליידער דער איינציגער, וואָס איז צווישען דיזע צוויי גרויסע מענער פאָרגעקומען און וואָס הערצל האָט ניט אינגאַנצען מיט רעכט אָנגערופען די בעגעגעניש פון אַ געלד־אידען מיט אַ גייסטעס־אידען, ביי דיזער בעגעגעניש הערען מיר מיט ענטציקונג הירש'ן פאַנטאַזירען פון אַנ'עקסטראַ־שיף, וואָס ער דענקט צו שיקען אויף זיין חשבון אין אַרגענטינאַ, בעזעצט מיט 500 זשורנאַליסטען, וועלכע זאָלען פאַר דער וועלט שילדערן דעם אידישען אַרבייטס־פלייס, קאָלאָניזאַציאָנס־טאַלענט, די גרויסע טהאַטען, וואָס אידען קענען אויפ־טהון, ניט זעענדיג בעדריקט פון אויסנאַהמסגעזעצען און פיינדליכע פאָראורטהיילען. *)

*) טהעאָדאָר הערצל'ס „ציוניסטישע שריפטען", אונטערהאַלטונג מיט באַראָן הירש, באַנד I, דייטש.

דיזע שעהנע צוקונפטס־האפנונגען און די אויפאפפערונג פון זיין פערמעגען פאר זייער פערווירקליכונג וועלען אויף אייביג זיכערן הירש'ן א גלענצענד בלאט אין אונזער געשיכטע, וועלכע רעזולטאטען זיין אונטערנעהמונג זאל אויך ניט האבען.

ווי הירש זעלבסט, אזוי האט אויך דאס פאלק, ווי מיר האבען אויבען געזעהן, אין זיין שליחות נעגלויבט. אין דער נשמה פון דער פאלקס־מאסע איז פארגעקומען אזוינס, וואס האט שטארק דערמאהנט אן די שבתי צבי־בעוועגונג אהן, נאטירליך, איהר מיסטיש־רעליגיעזען חאראקטער.

זייט יאהרהונדערטער האט קיין זאך דעם אידישען עולם ניט אזוי שטארק אויפגערעגט, אויפגערודערט, בעגייסטערט ווי די ארגענטינא־אונטערנעהמונג, און ניט בלויז דעם המון, נאר אויך ניט ווענינער די אינטעליגענץ. אין דעם פערגליווערטען פאלקס־קערפער האט אנגעהויבען מיט אמאל ראש צו צירקולירען דאס בלוט, דער פולם הויך צו קלאפען און א זודיגעס לעבען האט גענומען פליסען דורך אלע גלידער. די אידישע גאס איז געווען אנגעזאפט מיט הירש'ס פלענער, די אידישע פרעסע האט געקאכט און געלארעמט פון ארגענטינא. ארגענטינא־נייעס, ארגענטינא־קלאנגען, ארגענטינא־לעגענדען האבען זיך געטראגען איבער דאס אידישע גהעטא. דאס ווייטע לאנד אויף דער צווייטער זייט פון אטלאנטיק, אויף דער צווייטער זייט פון עקוואטאר, וואס דער עולם האט פריהער אפילו זיין נאמען ניט געוואוסט, איז געווארען בעקאנט און פערטרויט יעדען אין פאלק. די פאנטאזיע האט זיך שטארק פונאנדערגעשפיעלט און דארט, וואו עס האט געפעהלט קענטשאפט, האט געמאלט איהר פענזעל.

יע, דאס פאלק האט אין הירש'ן געגלויבט. אויף איין וואונק פונ'ם גואל זענען טויזענדער און הונדערט־טויזענדער געווען גרייט איבערצורייסען די בעציהונגען מיט דער אלטער היים, צו ווארפען אלע געשעפטען, צו פערקויפען אלץ, וואס לאזט זיך ניט מיטנעהמען, בחצי חנם, און זיך צו לאזען אין וועג ביז עק וועלט. ביי פיעלע האט אפילו געפעהלט די געדולד צו ווארטען אויף דיזען וואונק. אין דער מורא, אז אין דער איילעניש פונ'ם נייעם יציאת מצרים וועט מען זיי ניט בעמערקען און זיי איבערלאזען, האבען זיי גענומען ניט געהיימענערהייט, דעם וואנדער־שטעקען אין דער האנד און זיך א לאז געטהון איבער די גרעניץ צו הירש'ס קאמיטעטען, וואס זענען פשוט בעלאגערט געווארען פון אזוינע טויזענדער און טויזענדער אונגעדולדיגע ארגענטינא־„פאטריאטען”. אנ'ארגענטינא־פיבער האט אויפגעטרייסעלט די מאסען און זיי געזעצט אין בעוועגונג. עס זענען נויטווענדיג געווען די איבערגע'חזר'טע אזהרות פון הירש'ס מענשען, ניט צו לויפען פאר דער צייט, איידער דאס נייע

לאַנד איז „צוגעגריייט", כדי עטוואָס אָבצוקיהלען די געמיטער און אָבצושוואַכען דאָס וואַהנזיניגע לויפען, וואָס האָט געקענט ברענגען צו שווערע קאַטאַסטראָפען. אָבער אויך דאָס מאָל האָט זיך די נבואה אַרויסגעוויזען שטאַרקער פאַר'ן נביא. די, וואָס וואָלטען הירש'ן גערן געפאָלגט צו געהן, וואוהין ער וואָלט זיי ניט גערופען, האָבען איהם ניט געוואָלט הערען צו בלייבען אויף די ערטער, און ער איז געווען געצוואונגען, צו לאָזען שיקען עמיגראַנטען אין אַרגענטינאַ. נאָך איידער דאָרט זענען געמאַכט געוואָרען די אַלערנויטווענדיגסטע פאָרבערייטונגען.

---

2. די ערפילונגען.

ווי געזאָגט, האָט הירש געאָפפערט אַגרויסען טהייל פון זיין פערמעגען פאַר דער פערווירקליכונג פון זיינע קאָלאָניזאַציאָנס-פּלענער. כדי צו געבען זיין אונטערנעהמונג אַ דויערענדען האַראַקטער און צו זיכערען איהר פאָרטזעצונג אויך נאָך זיין טויט, האָט ער געגרינדעט סוף 1891 די דערמאָהנטע ענגלישע אַקציען-געזעלשאַפט, וואָס מיר זענען געוואוינט צו רופען יק"א נאָך איהרע ראשי תיבות פון Jewish Colonization Association (דזואיש קאָלאָניזיישען אַססאָסיאיישען ד. ה. יודישע קאָלאָניזאַציאָנס-געזעלשאַפט). געגרינדעט האָט ער איהר מיט אַ קאַפּיטאַל פון 2 מיליאָן פונט שטערלינג (50 מיליאָן פראַנק). שפּעטער האָט ער דיזען קאַפּיטאַל פערגרעסערט אויף 10 מיליאָן פונט (250 מיליאָן פראַנק). די אַקציעס האָט ער פערטיילט צווישען די דריי יודישע קהילות: בערלין, פראַנקפורט אַם מאיין און בריסעל און צווישען דער אליאַנס (חכי"ח) און דער אַנגלאָ דזואיש אַססאָסיאיישען. דיזע געמיינדען און חברות זענען עס די יורידישע בעזיצער פון דער גרויסער פאָלקס-מתנה. זיי קלויבען אויס דעם אַדמיניסטראַציאָנס-ראַט פון יק"א, וועלכער האָט אָנצופיהרען די טעטיגקייט, צו בעשטימען איהר ריכטונג, אָנצונעהמען אָדער אָבצוואַרפען דעם טעטיגקייטס-בעריכט פון דער אַדמיניסטראַציאָן, צו בעשטימען אָדער אַראָבצוזעטצען די העכערע בעאַמטע און איז אַלזאָ די העכסטע אינסטאַנץ אין אַלע ענינים פון דער געזעלשאַפט. דאָס איז אָבער נאָמינעל, על פּי דין; פאַקטיש בענוצט זיך דער אַדמיניסטראַציאָנס-ראַט אַזוי גוט ווי גאָר ניט מיט זיינע רעכטען. אויסער דער קורצער זיצונג פון דער יעהרליכער גענעראַל-פערזאַמלונג, וואָס טראָגט אַ ריין פאָרמעלען האַראַקטער, לאָזט ער אַליץ איבער דער דירעקציאָן פון בעצאָהלטע בעאַמטע, אין וועמענס הענד עס ליגט אַלזאָ די גאַנצע מאַכט, וואָס זי קען געברויכען און מיסברויכען ווי דאָס האַרץ גלוסט איהר.

הויפּטזעכליך געגרינדעט צוליעב דער קאָלאָניזאַציאָן אין אַרגענטינאַ.

איז דיעזע נאָך עד היום די הויפּט-טעטיגקייט פון יק"א. אָבגלייך זי צובּרעקעלט איהרע מיטלען אויך אויף פיעלע אַנדערע אונפרוכטבּאַרע ענינים, וואָס זענען להלוטין ניט געלעגען דעם גרינדער אין זינען, אין עטליכע יאָהר אַרום וועט יק"א שוין האָבּען צו פייערן איהר 25-יעהריגען יובּילעאום, אין עטליכע יאָהר אַרום וועט שוין זיין פערפלויל די צייט, אין וועלכער יק"א האָט געזאָלט בּעזעצען אין אַרגענטינאַ דריי און אַ פערטעל מיליאָן אידישע קאָלאָניסטען און עס מאַכען פאַר אַ מין נייעם ארץ-ישראל. מען וועט אַלזאָ שוין מעגען פרעגען, וואָס יק"א האָט פאַר דער צייט אויפגעטהאָן, ווי זי האָט ערפילט די צוואה פון איהר גרינדער.

מיר פאַלט נאַטירליך ניט איין, ווירקליך צו פאָדערן פון יק"א די גאַנצע דריי און אַ פערטעל מיליאָן קאָלאָניסטען. עס איז ניט איהר שולד, וואָס הירש האָט אַזוי איבּערגעשאַצט זיינע אייגענע כוחות און אַזוי אונטערגעשאַצט די שוועריגקייטען, וואָס זיינע פּלענער האָבּען געמוזט בּעגעגנען, וואָס ער האָט זיך אָבּגעגעבּען מיט אַזוינע נאַאיווע פאַנטאַסטישע האָפנונגען. די קאָלאָניזאַציאָן איז שטענדיג געווען און איז עד היום נאָך אַ שווערע און אַ לאַנגזאַמע קונסט אויך בּיי אַנדערע פעלקער, אַ פשיטא בּיי אונז אידען. אויך שטאַרקע און רייכע פעלקער מיט אַ גוט פונקציאָנירענדער מלוכה-מאַשין, מיט אַ גוט דיסציפּלינירטען און געשולטען בּעאַמטען-פּערזאָנאַל, מיט אַנ'אַלטער בּויערן-בּעפעל-קערונג קענען נאָר בּיי אַ פאָרזיכטיגער, לאַנגזאַמער, בּהדרגה'דיגער טעטיגקייט פּראָגרעסירען אויף דעם קאָלאָניזאַציאָנס געביעט. מיר וועלען אַלזאָ גערן מוחל זיין דער יק"א די דריי מיליאָן, מיר וועלען זיך אויך בּעגנוגנען מיט ווייניגער ווי דעם לעצטען פערטעל מיליאָן, אָבּער עטוואָס ערנסטעס האָט מען דאָך געקענט פערלאַנגען פון אַ געזעלשאַפט, וואָס אַרבּייט מיט אַזוינע קאָלאָסאַלע געלדמיטלען ווי די יק"א און בּיי דעם ענטהוזיאַזם, וואָס די קאָלאָניזאַציאָנס-אידעע האָט צווישען די אידישע מאַסען אַרויסגערופען. וואָס איז אַלזאָ געשעהען אין פערלויף פון בּאַלד 20 יאָהר? איז געלעגט געוואָרען אַ פעסטער יסוד פאַר אַ אידישען בּויערן-שטאַנד אין אַרגענטינאַ? געפינט זיך דאָרט אַ קענטיגע צאָהל אידישע קאָלאָניסטען אין געזיכערטע לעבּענס-פערהעלטנישען? בּליהט די אידישע קאָלאָניזאַציע, וואַקסט זי, איז זי צוקונפטס-שוואַנגער? זענען עפּיס ניכר די ווירקונגען פון דיזער קאָלאָניזאַציע אויף די לאַגע פון די אייראָפּעאישע אידען, האָט זי עפּיס פערקלענערט זייער נויט, פערשטאַרקט זייער אַנזעהען? האָט זי וועניגסטענס טיילווייז אַ רעגולירענדען איינפלוס אויף די יודישע עמיגראַציאָן?

וואָס איז נוגע דעם לעצטען פּונקט, די צוריקווירקונגען פון דער

קאָלאָניזאַציע אויף דעם איראָפּעאישען יודענטהום, ווייס יעדער אַז זי איז אין דער בעציהונג אָהן אַ שום בעדייטונג. אָהן אַנ׳אויפהער און אַלץ העכער און האַסטיגער יאָגען זיך די חוואַליעס פון דער אידישער עמיגראַציע, אָבער ניט אין דער ריכטונג, וואָס הירש האָט איהר געטראַכט צו געבען און ניט צוליעב די ציעלען, וואָס ער האָט איהר געשטעלט. אין די לעצטע יאָהרען האָט דאָס מזרח־יודענטהום דורכגעמאַכט די טראַגישעסטע ערשיטערונגען, וועלכע האָבען דעם אידישען עמיגראַציאָנס־שטראָם אונגעהויער פערגרעסערט. פון דער אַנדער זייט האָבען די ביז־אַהעריגע איינוואַנדערונגס־לענדער טיילווייז פערשפּאַרט אָדער זוכען צו פערשפּאַרען זייערע טויערען פאַר דער אידישער איינוואַנדערונג. אין דער טיעפסטער פערצווייפלונג שטעהט דער איד מיט דעם וואַנדער־שטעקען אין דער האַנד, מיט דער וואַנדער־טאָרבע אויף דער פּלייצע, זוכענדיג מיט דעם מידען בליק אַ מקום מנוחה. אַרגענטינאַ, דאָס לאַנד, ווי מען האָט גערעכענט, פון די אונבעגרענצטע פאַר׳ן יודענטהום מעגליכקייטען, איז אָבער אַזוי ווענינ געוואָרען אונזער מקום מקלט, אַז עס איז ווי אינגאַנצען אַרויסגעפאַלען פונ׳ם אידישען פאָלקס־זכרון. ווען אַהין ווענדעט זיך אַ קליינע אין דער צאָהל אידישע עמיגראַציע, איז עס ניט צוליעב די גינסטיגע פערהעלטנישען, וואָס זענען געשאַפען געוואָרען דורך יקא״ס קאָלאָניזאַציאָנס־טעטיגקייט, נאָר ווייל דער אידישער וואַנדערונגס־שטראָם, וואָס פערפעהלט ניט קיין לאַנד, האָט נאַטירליך אויך ניט דורכגעלאָזט די רייכסטע זיד־אַמעריקאַנישע רעפּובליק. דער בעסטער סימן דערפאַר איז, וואָס די אידישע שטאָדט־בעפעלקערונג אין אַרגענטינאַ, וועלכע איז ענטשטאַנען אין איהר גרעסטער מערהייט אַ דאַנק דער איינוואַנדערונג פון די לעצטע יאָהרען, שטייגט אויף פיער מאָהל אַריבער די אידישע קאָלאָניזאַציאָנס־בעפעלקערונג און האָט אין איהר אַזוי גוט ווי גאָר קיין שטיצע ניט, אַזוי אַז איהר עקסיסטענץ איז אָבהענגיג אינגאַנצען פון דער ניט־אידישער בעפעלקערונג, וואָס מאַכט איהר צוקונפט גאַנץ אונזיכער. נאָך מעהר: אין אַרגענטינאַ גופא איז ענטשטאַנען אַנ׳ אַנטיסעמיטישע בעוועגונג, וואָס האָט טיעפע וואָרצלען אין פאָלק און וואָס קען נאָך ברענגען די דאָרטיגע אידען צו שווערע קאַטאַסטראָפען. ווי רייך איז דאָך די היסטאָריע אין פּאַראַדאָקסען! דאָס לאַנד, וואָס האָט געזאָלט ראַטעווען די יודישע מאַסען פון איראָפּאַ פון פערפאָלגונגען, האָט זעלבסט אַרויסגעבראַכט די ערשיינונגען, פון וועלכע זיי ענטלויפען.

פון די ערוואַרטעטע גינסטיגע צוריקווירקונגען פון דער אַרגענטינישער אונטערנעהמונג האָט זיך אַלזאָ אויסגעלאָזט אַ בוידעם, און אַרגענטינאַ זעלבסט אונטערשיידעט זיך לטובה מיט גאָר נישט פון די אַנדערע אידישע איינוואַנדערונגס־לענדער. דאָס מוז נאַטירליך שטעהן אין דעם

ענגסטען צוזאַמענהאַנג מיט יק״א'ס קאָלאָניזאַציאָנס־טעטיגקייט, וועלכע האָט זיי אין כמות ניט געגעבען ניט בלויז דאָס, וואָס מען האָט פֿון איהר אָהן גרונד געהאָפֿט, נאָר אויך אפילו דאָס מינימום, וואָס מען האָט פֿון איהר גערדאַרפֿט ערוואַרטען און וועלכע האָט זאָגאָר געווירקט אין דער ענטגעגענגעזעצטער ריכטונג פֿון איהרע ציעלען.

ווי גרויס איז די צאָהל פֿון יק״א'ס קאָלאָניסטען און ווי איז זייער מצב? לויט דעם לעצטען יאָהר־בעריכט פֿון יק״א איבער 1908 האָט זיך די בעפֿעלקערונג פֿון איהרע 7 אַרגענטינישע קאָלאָניען פֿערטיילט אויף'ן פֿאָלגענדען אופֿן:

קאָלאָניעס	קאָלאָניסטען: קאָנצעסיאָנערן	קאָלאָניסטען: פֿאַמיליען	קאָלאָניסטען: נפשות	אימיגראַנטען: פֿאַמיליען	אימיגראַנטען: נפשות	סך־הכל: פֿאַמיליען	סך־הכל: נפשות
מאזעס וויל	375	511	2770	129	1040	640	3810
מויר יציא	243	317	1614	170	700	487	2314
קל אַראַ	522	631	3477	198	1061	829	4538
סאַן אנטאָניאָ	128	151	861	14	82	165	943
לוסיענוויל	234	316	1767	203	1232	519	2999
באַראָן הירש	129	143	728	43	164	186	892
סאנ. איזאבעל	47	47	275	—	—	49	275
סך־הכל	1678	2116*	11492	757	4279	2875	15771

דער סך הכל פֿון אַלע קאָלאָניען איז אַלזאָ אַ בעפֿעלקערונגס־צאָהל פֿון ווייניגער ווי 16 טויזענד נפשות, ד. ה. ווייניגער ווי עס געפֿינען זיך אידען אין איין רוסישער אויעזד־שטאָדט אָדער אין איין גאַס אין ווילנא. דיזע קלאָנגעדיגע צאָהל שרייבט אָבער יק״א מיט אונרעכט איינגאַנצען אויף'ן חשבון פֿון איהר פֿערדיענסט. דען קודם כל מוז מען אַראָפּרעכנען די 757 פֿאַמיליען מיט 4279 נפשות פֿון די „אימיגראַנטען", וואָס וואַרטען מען זאָל זיי ערשט קאָלאָניזירען, ווייטער פֿאַלען אַ וועק אַהיבשע צאָהל „קאָלאָניסטישע" פֿאַמיליען, וואָס זענען נאָך ניט קאָלאָניזירט. וואָס בעדייטעט עס, אַז די צאָהל פֿון די קאָלאָניסטישע פֿאַמיליען איז גרעסער פֿון דער צאָהל קאָנצעסיעס, אַז אויף 1678 קאָנצעסיאָנערן לעבען 2116 פֿאַמיליען? דאָס מיינט, אַז אויף איין טשאַקראַ (פֿאַרם) זיצען אָפֿט 2 אָדער מעהר פֿאַמיליען, דאָס זענען פֿערהייראַטע זיהן אָדער איידעמס פֿון די קאָלאָניסטען, וועלכע וואַרטען, מען זאָל זיי אַראַנזשירען

* ביי יק״א ע״ם טעות 2.118

און וועלכע, ניט האָבענדיג וואו זיך אַהין צו טהאָן מיט זייערע פֿרויען און קינדער, לעבען „דערווייל" ביי זייערע עלטערן אָדער שוויגער־עלטערן, פֿאַלענדיג זיי צו לאַסט. אַזוינע איבריגע פֿאַמיליען, וואָס בעזיצען גאָר ניט גיט עס 440. די יק"א־בעלי־חשבון מאַכען עס זעהר חיטרע, רעכנענדיג די צאָהל נפשות פֿון אַלעמען צוזאַמען, דורך וואָס מען בעקומט די אַלגעמיינע ציפֿער פֿון 11492, גלייך ווי יק"א וואָלט זיי שוין אַלעמען פֿערזאָרגט. ווען מען ציהט אָבער אָב די צאָהל נפשות פֿון די ניט־קאָלאָניזירטע פֿאַמיליען און מען רעכענט אין דורכ־שניט 5 און 4 צעהנטעל נפשות אויף אַ משפחה דאַן בלייבען ווענ̇יג איבער 9000 נפשות, וועלכע געניסען דירעקט די טובות פֿון יק"א.

דאָס איז נאָך ניט אַלץ. אין די קאָלאָניען פֿון דער פּראָווינץ ענטרע־ריאָס, דאָס איז אין קלאַראַ, סאַן אַנטאָניאָ, לוסיענוויל, סאַנטאַ איזאַבעל שטאַמען 40 פּראָצענט *) פֿון די קאָלאָניסטען פֿון די דרום־רוסישע קאָלאָניען, וועלכע זענען געגרינדעט געוואָרען דורך די קיסרים אַלכסנדר I. און ניקאָלאַי I. און זענען ערד־אַרבייטער פֿון דער היים. אויף דעם גאַנצען סכום פֿון די קאָלאָניסטען מאַכט עס אויס אַנ'ערך 25%. קיינער וועט זיכער אין דעם ניט זעהען קיין בעזונדערן פֿערדיענסט, וואָס יק"א קאָלאָניזירט — קאָלאָניסטען. דערצו איז זי דאָך ניט געגרינדעט געוואָרען. רעכענט מען אָב דיזען פֿערטעל פֿון יק"א'ס פֿערדיענסט־קאָנטאָ, בלייבען אַ 1260 פֿאַמיליען מיט קיין פֿולע 7000 נפשות. קיין מאָל האָבען נאָך ניט אַזוי הויך געשריגען די בערג און געבאָרען אַזאַ קלאָגעדיג מייזעל ווי ביי דער יק"א־אונטערנעהמונג.

ווי אין כמות, אַזוי איז אויך אין איכות יק"א'ס אַרגענטינישע קאָלאָניזאַציע לחלוטין אונבעפֿריעדיגענד. איך וויל דערווייל איבערגעהן מיט שטילשווייגען איבער די שרעקליכע לאַגע פֿון די „אימיגראַנטען", ווי פֿון די „קאָלאָניסטישע" פֿאַמיליען, וואָס זענען נאָך ניט קאָלאָניזירט. דער מצב פֿון די אַנדערע איז אויך אַ גענוג טרויעריגער.

ניט איבעראַל זענען נאַטירליך די פֿערהעלטנישען גלייך, איבעראַל זעהט מען אָבער אָרימקייט און נויט, איבעראַל איז אויסגעגאָסען אַ שרעקליכער אומעט אויף די פּנים'ער פֿון די קאָלאָניסטען, אַנ'אונבע־שרייבליכע האָפֿנונגסלאָזיגקייט, יאוש, אַפּאַטיע, וואָס פּאַראַליזירען יעדע ענערגיע און טויטען יעדען אונטערנעהמונגס־גייסט, האָבען זיך איבעראַל איינגעוואָרצעלט אין די קאָלאָניסטישע הערצער.

פֿונ'ם קאָלאָניזאַציאָנס־גייסט מערקט מען גאַנץ שוואַכע שפּורען. שוין דאָס אויסערע בילד פֿון די קאָלאָניען מאַכט זיי ווענ̇יג אַנצי־

*) קיין סטאַטיסטיק עקזיסטירט דעריבער ניט. איך גיעב אָן די צאָהל אויפֿ'ן יסוד פֿון אייגענע פֿעסטשטעלונגען.

הענד. דאָ און דאָרט רינגלען אַרום עטליכע בוימער די הייזער, איינ־צעלנע געשיקטע און אידעאַלע קאָלאָניסטען האָבען זיך זאָגאַר איינגע־אָרדנעט פּראַכטפֿולע גערטנער, אין אַלגעמיין אָבער זעהט מען אַ פּוסטע לאַנדשאַפֿט, וואָס ווירקט לאַנגווייליג און ערמידעט שנעל דעם בליק. אמת, די קאָלאָניסטען פֿלאַנצען בכלל פֿיעל בוימער, מיט וואָס זיי ווייזען אַרויס אַ אינטערעס פֿאַר דער זאַך, אָבער זיי קענען זיי ניט דערהאַלטען ביים לעבען, ווייל זיי בעזיצען ווייניג קענטשאַפֿט און געדולד צו דער בעקעמפּפֿונג פֿון די שעדליכע מוראַשקעס און אַנדערע אינזעקטען. ערנסטער פֿאַר דער ערשיינונג איז אָבער דער פֿאַקט, וואָס עס ווערען פֿערנאַכלעסיגט וויכטיגע צווייגען פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט. אַזוי איז די מילך־ווירטשאַפֿט שוואַך ענטוויקעלט, די מילך־אינדוסטריע, די בעאַרבייטונג פֿון פּוטער, קעז א. א. וו. פֿאַר'ן מאַרק פֿעהלט אינ־גאַנצען. נאָך ווייניגער אויפֿמערקזאַמקייט ווערט געשענקט דער גרינס־גערטנעריי און עופות־האָדעווען, וואָס קלעקען אָפֿט זאָגאַר ניט פֿאַר דעם אייגענעם געברויך, שוין אָבגערעדט פֿון דער פּראָדוקציאָן פֿאַר'ן מאַרק. פֿון דער אויבס־גערטנעריי איז ניטאָ קיין זכר. מיט אַנדערע ווערטער: די אידישע לאַנדווירטשאַפֿט איז געשטעלט כמעט בלויז אויף אַקערבוי און פֿיה־צוכט. איהר פֿעהלען די ערגענצענדע צווייגען און די זייטיגע הכנסות. אמת, אַז בכלל שפּיעלען אין דער אַגריקולטור פֿון די ווייטע לענדער ווי אַרגענטינאַ די זייטיגע הכנסות ניט אַזאַ ראָלע ווי אין אייראָפּאַ, אָבער ביי די אידען טרעט די איינזייטיגקייט שוין צו בולט אַרויס. אַן'אַנדער פֿערנאַכלעסיגטעס געביעט אין די אידישע קאָלאָניען איז די בעקעמפּפֿונג פֿון פֿיה־קראַנקהייטען, וואָס שפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַרגענטינישער לאַנדווירטשאַפֿט. די פֿערלוסטען פֿון די אידען אויף דעם געביעט זענען גאָר ניט אָבצושאַצען. די אידישע קאָלאָניסטען פֿיהלען אויף אַזוי ווייט די אָבגעשטאַנענקייט פֿון זייערע ווירטשאַפֿטען, אַז זיי נעהמען ניט קיין אַנטייל אין דער וועלט־אויס־שטעלונג, וואָס קומט פֿאַר אינ'ם לויפֿענדען יאָהר, 1910, אין דער הויפּטשטאָדט פֿון דער רעפּובליק בוענאָס איירעס, לכבוד דעם הונדערט־יעהריגען יובילעאום פֿון דער אונאָבהענגיגקייט פֿון אַרגענטינאַ.

איינע פֿון די בעדויערנסווערטעסטע ערשיינונגען, וואָס מוז פֿעסט־געשטעלט ווערען, איז דאָס אָפֿטע פֿערדינגען פֿון די פֿאַרעמס, דורך וואָס דער אידישער האַראַקטער פֿון די קאָלאָניען ווערט אָבגעשוואַכט און סטראַשעט מאַנכמאָל אין אַ ניט ווייטער צייט אין גאַנצען פֿערלוירען צו געהן.

די קאָלאָניסטען וואוינען על פּי רוב אין ענגע הייזלעך פֿון דינע וועגד מיט שטרויענע, אין בעסטען פֿאַל בלעכענע דעכער, די

סופּיטען פֿון לײַװענד און אָהן פּאָדלאָגעס, אַזוי אַז די װאָהנונגען געבען װעניג שוץ געגען געװיטער, אַז מאַנכמאָל װערען די דעכער אָראָבגעריסען דורכ׳ן שטאַרקען װינד און אַז דער רהײַמאַטיזם, אַ פֿאָלגע פֿון דער פֿײַכטקייט, איז אַ געװעהנליכע ערשײַנונג אין די אידישע קאָלאָניען. די קאָלאָניסטען נעהרען זיך בכלל זעהר שלעכט און הונגערן אין פֿערגלײַך מיט די „קריאָזשעס", די קינדער פֿון די עראָבערער פֿונ׳ם לאַנד אָדער מיט די נײַ־אײַנגעװאַנדערטע שפּאַניער, איטאַליענער, דײַטשען. עס קומט ניט זעלטען פֿאָר, אַז מ׳מוז צונויפֿקלײַבען נדבות פֿאַר אַ קאָלאָניסט, בעזונדערס אויף מעות חטים.

די קאָלאָניסטען װערען דערשטיקט פֿון די בערג חובות, מיט װעלכע זיי זענען פֿערװאָרפֿען, ניט בלויז צו דער יק״א נאָר אויך צו פּריװאַט־פּערזאָנען, בעזונדערס אין די קלייטען, װאָס נעהמען בײַ זיי װאָכער־פּרײַזען און צו פּראָצענטניקעס, װאָס שינדען פֿון זיי אַראָב די הויט.

פֿון גרויסער בעדײַטונג אין אונזער אונטערזוכונג איז אויך אַן אַנדער מאָמענט, דער פֿאַקט נעמליך, װאָס אונזער אַרגענטינישע קאָלאָניזאַציע האַלט זיך קינסטליך און פֿערגרעסערט זיך קינסטליך — אויף דעם ערשטען קוק װעניגסטענס. זי נויטיגט זיך אָהן אויפֿהער אין דער שטיצע פֿון יק״א. װאָלט זי אויפֿהערען איהר שטענדיג אונטערצוהעלפֿען, דאַן װאָלט — שײַנבאַר — פֿון אַלץ װערען אַ תל. װי די אַלטע קאָלאָניען, אַזוי װערען אויך די נײַע, געגרינדעט דורך די איניציאַטיװע פֿון יק״א און מיט איהרע מיטלען. קיין נאַטירליכע ענטװיקלונג, קיין װאַקסען פֿון אינװעניג אַרויס, מיט די מיטלען פֿון די קאָלאָניסטען גופא. דיזע קאָלאָניזאַציע שטעלט מיט זיך ניט פֿאָר אַ יונג בוימעל, װאָס האָט זײַנע װאָרצלען טיעף אין דער ערד, פֿון װאַנען ער זויגט זײַן יניקה, אויסװאַקסענדיג אַלץ מעהר אין דער הויך און דער ברייט און זיך בעדעקענדיג מיט צװײַגען און בלעטער. ניין, זי מאַכט גיכער דעם אײַנדרוק פֿון אַ געביידע, װאָס װערט צונויפֿגעשטעלט, צונויפֿגעלעגט, אונטערגעשפּאַרט, װאָס דער שפּיץ פֿון איהר דאַך ענטשטעהט אויף דעם זעלבען אופֿן װי איהר פֿונדאַמענט. דאָרט, װאו עס פֿעהלט דער נאַטירליכער װאוקס, איז די צוקונפֿט זעלבסטפֿערשטענדליך ניט פֿיעל פֿערשפּרעכענדער װי די געגענװאַרט.

אַ אונאויפֿהערליכעס לויפֿען פֿון די קאָלאָניען פֿערפֿאָלשטענדיגט דאָס קורצע בילד, װאָס איך האָב פֿון זיי געגעבען, אַ לויפֿען, װאָס האָט זיך שוין אָנגעהויבען גלײַך בײַ זייער גרינדונג און װאָס דויערט נאָך עד היום, מיט דעם אונטערשיעד, װאָס בעת ביז פֿאַר אַ זעקס

יאָהר צוריק פֿלעגען ענטלויפֿען די קאָלאָניסטען, טהוען עס היינט געוועהנליך זייערע קינדער, דער קרעפֿטיגסטער טייל פֿון די קאָלאָניען, וואָס זעהט פֿאַר זיך ניט קיין תכלית אין דער היים און וואָס געהט אָהן אַ ציעל וואוהין די אויגען טראָגען. מיט דעם אַוועקגעהן פֿון דער יוגענד פֿערשווינדעט פֿון די קאָלאָניען די פֿרייד, דער מוט, די קראַפֿט, די צוקונפֿט. אויב די ענטוויקלונג וועט אַזוי ווייטער געהן, וועלען די קאָלאָניען בקרוב זיך פֿערוואַנדלען אין אַ מושב זקנים און דערנאָך אין אַ גרויסען אידישען בית עולם, אָדער וועלען, ריכטיגער, איבערגעהן אין קריסטליכע הענד.

די בעריכטען פֿון דער יק״א שטימען נאַטירליך ניט מיט דיזע בעהויפּטונגען. די יק״א־מענער הערען ניט אויף לפֿנים־וועגען צו רייבען די הענד פֿאַר שמחה איבער דעם „שטענדיגען פֿאָרטשריט“ פֿון די קאָלאָניען, איבער זייער מצב, וואָס ווערט כלומר׳שט אַלץ בעסער און בעסער. עס וועט ניט זיין אָהן אינטערעס צו הערען פֿון יק״א׳ס מויל גופא איהר מיינונג איבער איהרע קאָלאָניען. אַ פּאָר קורצע אויסציגע פֿון יק״א׳ס פֿראַנצויזישע יאָהר־בעריכטען זאָלען דאָ אין דער אידישער איבערזעצונג איבערגעגעבען ווערען:

„די אידישע קאָלאָניען, וואָס מיר האָבען איינגאַנצען געשאַפֿען
„און וואָס די עלטעסטע פֿון זיי זענען ערשט אַלט אַן אָנ־
„דערטהאַלבען צעהנדליג יאָהר, הערען ניט אויף זיך צו פֿערפֿעסטיגען
„און צו וואַקסען און יעדעס יאָהר האָב איך די אַנגענעהמע אויפֿגאַבע,
„פֿאַר אייך פֿעסטצושטעלען זייער פֿאָרטשריט...*)

„דאָס, וואָס מיר איז בעזונדערס אַנגענעהם פֿעסטצושטעלען, איז
„דער פֿאַקט, אַז דיזער וואוקס פֿון וואָהלשטאַנד איז אַן אַלגעמיינער און
„אַז די יעניגע פֿון אונזערע קאָלאָניען, וועלכע האָבען אונז אין געוויסע
„מאָמענטען בעאונרוהיגט, האָבען עס פֿערשטאַנען סוף כל סוף זיך צו
„דערהויבען און צו געפֿינען זייער וועג“. **)

„ ... די קאָלאָניסטען צאָהלען אָב אָהן שוועריגקייטען זייערע
„חובות צו אונזער געזעלשאַפֿט. דעם 30־טען אַפּריל פֿונ׳ם לעצטען
„יאָהר האָבען זיי אונז אָבגעצאָהלט אויפֿ׳ן חשבון פֿון די יאָהר־שולדען,
„אַ סומע, וואָס שטייגט אַריבער מיט 55.626 פֿעזאָס דעם סכום,
„וואָס זיי האָבען בעצאָהלט פֿאַר אַ יאָהרען צום זעלבען דאַטום. זיי
„האָבען אין יאָהר 1907 דורך אונזער פֿערמיטלונג געשיקט שטיצע צו

---

*) נאַרסים לעווען, פּרעזידענט פֿון יק״א, אין זיין עפֿנונגסרעדע אויף דער יאָהר־פֿערזאַמלונג פֿונ׳ם אַדמיניסטראַציאָנסראַט, יוני 1908. זעה: Rapport de l'Adaministration Centrale au Conseil d'Administration, זייט 5. 1908.

**) דאָרט.

„זייערע קרובים, וואָס זענען געבליבען אין רוסלאַנד, אין דער גרויס פֿון
„62.000 פּעזאָס אָדער 136.000 פֿראַנק. ווען מען גיט נאָך צו די
„סומען, וואָס זיי האָבען געשיקט דירעקט אָדער וואָס זיי האָבען פֿער־
„וועגדעט אויף צו קויפֿען שיפֿס־קאַרטען, ווי זייערע אויסגאַבען, וואָס
„זענען אָפּט בעדייטענד, פֿאַר דער פֿערבעסערונג פֿון זייער ווירטשאַפֿט...
„דאַן זעהט מען אויף ווי ווייט די הכנסות פֿון זייער אַרבייט שטייגען
„אַריבער זייערע פּערזענליכע בעדערפֿנישען און די בעדערפֿנישען פֿון
„זייערע פֿאַמיליען". *)

און אַ יאָהר שפּעטער: „די בעפֿרידיגענדע רעזולטאַטען פֿון זייער
„אַרבייט (אין יאָהר 1908) האָבען זיי (די קאָלאָניסטען) ערלויבט ניט
„בלויז צו לעבען, נאָר אויך אונז אויסצוצאָהלען די סומע פֿון 399.638,48
„פּעזאָס (879.204 פֿראַנק) אויף זייער חוב פֿון דער ערשטער איינ־
„ריכטונג, פֿאַר דער ערד, וואָס זיי האָבען פֿון אונז בעקומען אָדער פֿאַר
„די אַנדערע הוצאות פֿון דער בעזעצונג... די רוסישע איזראַעליטען
„זענען זיי מקנא פֿאַר זייער עקזיסטענץ" **)

דאָס איז דער שטענדיגער נוסח פֿון די יק"א־בעריכטען. עס וואָלט אודאי שעהן געווען, ווען די גלענצענדע פֿאַרבען, מיט וועלכע זיי מאָלען די קאָלאָניסטישע לאַגע, וואָלטען ענטשפּראָכען לכל הפּחות טיילווייז דעם אמת. ליידער איז עס ניט אַזוי, דען דער גאַנצער וואָהלשטאַנד, איבערפֿלוס און פֿאָרטשריט פֿון די קאָלאָניען זענען בלויז ביוראָקראַטישע אַרבייט. פֿאַר דעם אמת פֿון דיזער בעהויפּטונג וועט זיין גענוג אָנצו־פֿיהרען אַלס עדות אַ יק"א־אויטאָריטעט, דעם אָנגעזעהענעם אַדמיניס־טראַטאָר אין דער קאָלאָניע לוסיענוויל העררן מ. ה. באַרוך, אַ גוטען קענער פֿון דער יק"א. דיזער הערר האָט דעם שרייבער פֿון די שורות מיטגעטיילט פֿאָלגענדע גייסטרייכע מעטהאָדע, ווי די שעהנע, שטענדיג צופֿריעדענע בעריכטען פֿון דער יק"א ווערען „געמאַכט": דער אדמיניס־טראַטאָר אין דער קאָלאָניע פֿערפּוצט געוועהנליך די לאַגע אויף 25 פּראָצענט, כדי אויסצונעהמען ביי זיינע ברויטגעבער. דיזער בעריכט, אָנ־געקומען צו דער דירעקציע אין בוענאָס איירעס, ווערט אויף נייע 25 פּראָצענט „פֿערבעסערט", כדי ער זאָל ניט מאַכען אויבען קיין שלעכטען איינדרוק, און ווערט איבערגעשיקט צו דער צענטראַל־אַדמיניסטראַציע אין פּאַריז. דאָ געפֿינען די הערען, אַז דער בעריכט איז צו פּעסי־מיסטיש געפֿאַרבט און געבען איהם צו אין דער לעצטער רעדאַקציע נייע 25 פּראָצענט אָפּטימיזם. אַזוי ווערט דורך די עטליכע הענד, דורך

*) דאָרט, זייט 8.

**) דערזעלבער ביי דערזעלבער געלעגענהייט אינים יאהר 1909. זעה Rapport etc. פֿון דיזען יאהר, זייט III.

וועלכע דער בעריכט ווערט מגולגל, פון שוואַרץ—ווייס, פון אָרים—רייך, פון רואין—פּראָגרעס, פון פּערצווייפלונג—האָפנונג, פון עמפּערונג—צופרידענהייט, און די פּערדיענסטען פון דער יק"א געגען יודענטהום איז דאַן גאָר אונמעגליך אָבצושאַצען.

אויף וואָס שטיצען זיך יק"א'ס פּערזיכערונגען מכּה דער גוטער לאַגע און פּאָרטשריט פון די קאָלאָניען? אויף צוויי אַרגומענטען, אויף דעם, וואָס זיי צאָהלען אָב יעהרליך דער יק"א גרויסע סומען און וואָס זיי שיקען איבער פיעל געלד צו זייערע קרובים אַהיים. לאָמיר זעהן, וויפיעל אמת עס שטעקט אין דיזע בעהויפּטונגען און וואָס זיי בעווייזען.

נאַטירליך ליגט אַ שטיק אמת אין יק"א'ס ווערטער, אַז זי בעקומט רעגעלמעסיג בעצאָהלט איהרע חובות מצד די קאָלאָניסטען. איז דאָס אָבער ווירקליך אַ בעווייז פאַר וואָהלשטאַנד און פּאָרטשריט? כדי עס צו זיין, וואָלט געמוזט בעוויזען ווערען ניט אַזוי וויפיעל זיי צאָהלען, נור וויאַזוי זיי צאָהלען. די בעריכטערשטאַטער פיהלען, ווי עס שיינט, די שוואַכקייט פון'ם אַרגומענט און געבען צו די ווערטער „אָהן שווערינקייטען" (sans peine). דאָס איז אָבער אַ בעוואוסטער ליי־גען, הערענדיג די יק"א קען מען גלויבען, אַז די קאָלאָניסטען טראָגען איהר דאָס געלד אַנטקעגען, ווייל זיי האָבען עס און זענען בכח צו צאָהלען. אין דער אמת'ן אָבער מאָהנט איין די יק"א־אַדמיניסטראַציע איהרע חובות מיט דערזעלבער גרויזאַמקייט ווי די רוסישע רעגירונג ציהט אַרויס די „פּאָדאַטקעס" ביי די בויערן, וואָס וואָלט מען דערצו געזאָגט, ווען אַ רוסישער מיניסטער וואָלט זיך אוועקגעשטעלט אין דער דומאַ און גענומען בעווייזען, אַז די לאַגע פון די בויערן איז גאָר ניט אַזוי שלעכט ווי די כאַציאַליסטישע העצער שילדערן. און והא ראיה — די בויערן בעצאָהלען דאָך קאָלאָסאַלע שטייערסומען? וואָלט ניט יעדער פּשוט'ער שכל געענטפערט, אַז טאַקי אין דיזער שטייער־צאָהלונג ליגט איינע פון די סבות פון דער בויערישער נויט? דעמזעלבען האַפּט האָט אויך דער אַרגומענט פון דער יק"א. ריכטיג, די חובות ווערען געצאָהלט, אָבער אויף וואָס פאַר אַן אופן? כדי צו דעקען דער יק"א די שולדען ווערען די קאָלאָניסטען געצוואונגען — דורך געוואַלט און דורך שלוּיהייט — צו פּערקויפען דאָס לעצטע אַר־ביימס־פיה, צו מאַכען הלוואות אויף אַ רואינירענדען וואָכער פון 12—36 פּראָצענט, צו פּערקויפען די תבואה אויף די פּעלדער אָדער נאָך איידער זי איז פּערזייט. מיט אַנדערע ווערטער, די קאָלאָניסטען ווערען גענויטיגט צו שטאַרבען פאַר הונגער, אַריינצוקריכען איבער'ן קאָפּ אין חובות, צו פּערניכטען זייער ווירטשאַפט, צו פּטר'ן זייער צוקונפט.

געוואלט און שלויחיים אלס מיטלען ארויסצופרעסען די חובות! מיר וועלען אונטען זעהן, ווי דער קאלאניסט האט פשוט קיין ברירה ניט, ווייל יק"א קען איהם געזעצליך צו אלץ אין דער וועלט צווינגען. בנוגע די שלויחיים וועלען מיר זיך אויך מיט איהר אונטען נעהנטער בעקענען. דערווייל זאל נאר בעמערקט ווערען, אז עס איז גענוג צו זאגען צו א קאלאניסט, אז מ'וועט זיינע קינדער ניט קאלאניזירען, כדי אויף איהם אנצואווארפען דעם גרעסטען פחד און פון איהם אלץ צו דערגרייכען. אמת, קאלאניזירט ווערען סיי ווי סיי זעהר ווייניג, אבער מען גיט שטילערהייט יעדען אנצוהערען, אז ער וועט זיין דער גליקליכער. דאס איז אזוי ווי א שווינדלערישע לאטעריע וואלט ארויסגעגעבען יעדען א הבטחה, אז ער וועט ארויסציהען דעם גרויסען גורל און וואלט זיך דערמיט לייכט ערווערבען פיעלע שפיעלער.

אבער עס איז אויך ניט איינגאנצען אמת דאס ליעד פון דער פינקטליכער שולדען-צאהלונג און ניט אהן א כונה האב איך דערפאר גערעדט פונ'ם „שטיק אמת", וואס ליעגט אין יק"א'ס ווערטער. עס גיט נעמליך א שעהנע מעטהאדע ביי דער יק"א צו לעגען געלד פון דער רעכטער האנד אין דער לינקער און צו זאגען, אז זי בעקומט דאס ניט פון איהר איינענער האנד, נאר פון די קאלאניסטען.

עס עקזיסטירען אין מאנכע קאלאניען קרעדיט-פעראיינען, וועלכע זענען גאנץ לעבענס-אונפעהיג, ווייל זיי פעהלט די קרעדיט-באזיס, ווי מיר וועלען שפעטער זעהען. זייער איינציגע קרעדיטאר איז די יק"א. דער צוועק פון דיזע פעראיינען איז צו געבען דעם קאלאניסט דאס אפט פעהלענדע בעטריעבס-קאפיטאל. פערווענדעט ווערט אבער ניט זעלטען דאס אויסגעליהענע געלד כדי צו דעקען דער אדמיניסטראציע די חובות פאר'ן אויסגעלעגטען גרונד-קאפיטאל. קען מען זיך פארשטעלען א גרעסערען אונזין ווי דאס? דער קאלאניסט דארף האבען א הלואה, זאגען מיר, אויף זריעה, ארבייטס-פיה, אהן דעם קען ער זיין ווירטשאפט ניט פיהרען. זיין פעראיין גיט איהם דערצו דאס געלד, אבער אנשטאט זיך דערמיט אנצושאפען דאס, וואס ער דארף האבען פאר דער פיהרונג פון דער ווירטשאפט, שטעהט נעבען איהם דער אגענט פון דער אדמיניסטראציע און נעמט ביי איהם אב דאס געלד, וואס ער האט פון איהר אקערשט בעקומען.

די געשיכטע קלינגט קאמיש, ליידער איז זי אבער אמת. כדי אנצופיהרען איין פאל פון פיעלע: דא ניט לאנג האט זיך דער „אידישער לאנדווירטשאפטליכער פעראיין" אין לוסיענוויל געווענדעט צו דער דירעקציע אין בוענאס איירעס וועגען א גרויסער הלואה. אין דער בעגרינדונג ווערט געזאגט, אז דער פעראיין שטעהט פאר'ן באנקראט

דערפֿאַר, וואָס די בײַזאַהעריגע הלוואות פֿון דער יק״א זענען פֿערווענדעט געוואָרען אויף אויסצוצאָהלען דער יק״א די הובות. און אַזוי ווי די קאָלאָניסטען זענען צוליעב דער אונגערעטעניש ניט בכח צו צאָהלען, דערפֿאַר קען אויך דער פֿעראײַן פֿון זײַן זײַט זײַנע פֿערפֿליכטונגען ניט ערפֿילען, ווען ער בעקומט ניט אַ נײַע גרויסע הלוואה. דערויף האָט די דירעקציע געגעבען די אינטערעסאַנטע תשובה, אַז דער פֿערלאַנג וועט פֿיליײַכט ערפֿילט ווערען, אויב זײַן פֿאָרם וועט געענדערט ווערען, דאָס הײסט, עס דאַרף אָנגעגעבען ווערען אַנ׳אַנדער גרונד צו וואָס דער פֿעראײַן דאַרף דאָס געלד. מיט אַנדערע ווערטער: די דירעקציע ערלויבט די קאָלאָניסטען אַלץ אין דער וועלט צו זאָגען אויסער דער וואַהרהײט. דאָס שטאַמט דערפֿון, וואָס די יק״א־בעאַמטע, וועמענס הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון דער קאָלאָניזאַציע איז אויפֿצומאָהנען די חובות, קימערן זיך אויך וועגען דעם ניט גאַנץ ערנסט. דען זיי דאַרפֿען ניט אַזוי דאָס געלד פֿון די קאָלאָניסטען — „די יק״א איז רײַך גענוג!“ — ווי דעם בעווײַז פֿון זײַער בריה׳שאַפֿט און נוצליכקײט, ווײַל די פּאַריזער צענטראַל־אַדמיניסטראַציע מעסט די פֿעהיגקײטען פֿון אַ נידריגערען בעאַמטען לויט דער סומע געלד, וואָס ער קאַסירט אײַן. קען ער מאַכען, אַז די ציג זאָל זײַן גאַנץ און דער וואָלף זאַט, טהוט ער עס מיט פֿערגניגען, ווען ער האָט נור „אַ גוט האַרץ“.

דער ערשטער אַרגומענט וועגען דעם קאָלאָניסטישען וואָהלשטאַנד האַלט אַלזאָ ניט אויס די קריטיק. ווי ערקלערט עס זיך אָבער, אַז די קאָלאָניסטען זענען בכח צו שיקען גרויסע סומען צו זײַערע קרובים, אַ פֿאַקט וואָס די יק״א־בעריכטען פֿערגעסען קײנמאָל ניט אָנצופֿיהרען? ווען מען זאָל אַפֿילו אָננעהמען די גרעסטע גוטהאַרציגקײט פֿון די קאָלאָניסטען און אַנ׳אויסעראָרדענטליכע איבערגעבענהײט צו זײַערע פֿאַמיליען, וועט זיך דאָך אויך ניט לעגען אויפֿ׳ן שכל, אַז מענשען, וועלכע האָבען ניט גענוג אויף חיונה זאָלען שטענדיג און מיט בעדײַטענדע סומען (אין דורכשניט צו באַלד 100 פֿראַנק יעהרליך דורך יק״א׳ס פֿערמיטלונג אַלײן און אַ הויץ שיפֿקאַרטען!) העלפֿען אַנדערע. די קאָלאָניסטען מוזען זיך אַלזאָ פֿיהלען אַזוי ווײַט גליקליך דורך יק״א׳ס חסדים, אַז זיי זענען נאָך בכח אָבצושפּאָרען פֿון זיך, כדי די טובות פֿון זײַערע פֿערזאָרגער זאָלען דערגרײכען פֿון דרום־אַמעריקאַ אַזש ביז רוסלאַנד. ווי פּרעכטיג וואָלט דאָס געווען, ווען דאָס וואָלט ענטשפּראָכען דער ווירקליכקײט! פֿון דער גאַנצער זאַך איז אָבער וואָהר בלויז, אַז פֿון די קאָלאָניען ווערט געשיקט געלד אין רוסלאַנד, אָבער ניט מצד די קאָלאָניסטען, נאָר מצד די לוין־אַרבײטער און אַנדערע אימיגראַנטען, וואָס האָבען זײַערע פֿאַמיליען געלאָזען אין דער הײם און וואָס שיקען זיי

געלד אויף די הוצאה אָדער אויף די רייזע. ווי אַזוי קומט עס, אַז יק״א פֿערעכענט דאָס אויפ'ן קאָלאָניסטישען חשבון? „פּשוט״: געלד שיקען אין רוסלאַנד פּער פּאָסט איז זעהר שווער, דעסגלייכען דורך די בענק, וואָס האָבען גאָר ניט קיין פֿיליאַלען אין די קאָלאָניען און נאָך וועניגער אין די רוסלענדישע קליינשטעדטלעך. דעריבער ווערט דאָס געלד איבערגעגעבען דער יק״א, וואָס האָט אַ צענטראַל־קאָמיטעט אין פּעטערבורג וועלכע שיקט עס פֿון דאָרט פֿונאַנדער לויט דער בעשטימונג. אַזוי ווי אָבער די אַדמיניסטראַציעס פֿון יק״א נעהמען אָן געלד נאָר פֿון די קאָלאָניסטען, שיקען די ניט־קאָלאָניסטען אויף זייערע נעמען, דאָס איז אַ סוד, וואָס איז אַלעמען בעוואוסט, אויך פֿאַר די לייט פֿון יק״א. ניט קוקענדיג אויף דעם, ווערען די אַוועקגעשיקטע געלד־סומען פֿערעכענט אין דער יק״א־סטאַטיסטיק אויפ'ן חשבון פֿון די קאָלאָניסטען, כדי צו בעווייזען, אַז זיי בּאָדען זיך אין וואוילטאָג. קען נאָך עטוואָס בעסער כאַראַקטעריזירען די ליעבע צום אמת פֿון דער יק״א־ביוראָקראַטיע? *)

דער אמת איז דער גראַדער היפּוך פֿון איהרע שעהנע מאַלערייען. די לאַגע איז, ווי געזאָגט, אַנ'אומבעשרייבליך טרויעריגע. אויף דעם אָרט פֿון פֿאָרטשריט זעהען מיר, פֿערקעהרט, לויטער שטילשטאַנד און ריקשריט, אויף דעם אָרט פֿון לעבען און בעוועגונג אַ אייביג צאַפּלען צווישען טויט און לעבען. עס איז אַ שווערער קריזיס, וואָס די יודישע קאָלאָניען מאַכען דורך, אַ קריזיס, וועלכער מוז אָנגערופֿען ווערען אַ כראָנישער, נעהמענדיג אין בעטראַכט, אַז ער ציהט זיך שוין זייט זייער גרינדונג.

וואָס איז אַלזאָ דער סך הכל פֿון דער יק״א־אישער קאָלאָניזאַציע?

---

*) הגם די גאַנצע היסטאָריע פֿונ'ם געלד־שיקען ווירקט גענוג דורך איהר קאָמיק, קען איך זיך ניט אָבזאָגען פֿון דעם פֿערגעניגען צו דערצעהלען פֿאָלגענדע קאָמיש קלינגעדע, אָבער אויסערערדענטליך כאַראַקטעריסטישע מעשה'לע פֿון דער בלומר'שטער קאָלאָניסטישער עשירות, געשטיצט אויף יק״א'ס פּאָסט־סטאַטיסטיק. דער קאָלאָניסט און העברעאישער לעהרער ה' א. ראָזענפֿעלד אין מוריציא בעקומט איינמאָל צוליעב זיין עשירות אַ מזל טוב פֿון ה' קאַוּעס, אַ געוועזענעם דירעקטאָר אין בוענאָס איירעס, וואָס איז נעפֿאָהרען פֿון פּאַריז אויף אַ אינספּעקציאָנס־רייזע. ה' ראָזענפֿעלד, וואָס צוליעב זיין לעהרער־שטעלע מוז ער זיין ווירטשאַפֿט פֿערנאַכלעסיגען און וואָס בעקומט פֿאַר זיין אונטערריכט אַ הונגער־געהאַלט פֿון 60 פּעזאָס אַ חודש, איז נאַטירליך ערשטוינט. דער'אויף ערקלערט איהם אונזער אַלוויסענדער אינספּעקטאָר, אַז ער האָט דאָך אין איין יאָהר איבערגעשיקט אין רוסלאַנד 4000 פּעזאָס. דער לעהרער, וועלכער פֿערדיענט ניט אין 5 יאָהר אַזאַ סומע, בלייבט אָהן לשון. שפּעטער ווייזט זיך אַרויס, אַז דער אינספּעקטאָר האָט דאָך געהאַט רעכט: פֿיעל אימיגראַנטען האָבען זיך מיט ראָזענפֿעלד'ס בעקאַנטען נאָמען בענוצט ביי זייער געלד־שיקען...

אָנשטאָט דער ערוואַרטעטער גראַנדיעזער קאָלאָניזאַציע, — אַ ווינציגע צאָהל קאָלאָניסטען, אָנשטאָט ווירטשאַפטליכען אויפשטייגען און וואָהלשטאַנד — דער רוסלענדישער דלות אויפ׳ן אַרגענטינישען באָדען, אָנשטאָט אַנ׳אָנציהענדען אידישען צענטער — נייע ערטער, וואָס שפּייען אויס זייערע איינוואָהנער, אָנשטאָט די לעזונג פֿון דער אידען־פֿראַגע — ניט די קלענסטע מינדערונג פֿון דער אידישער נויט, ניט די קלענסטע פֿערשטאַרקונג פֿונ׳ם אידישען אָנזעהען. ווען הירש האָט אין זיינע איבערטריבענע האָפֿנונגען געטראַכט אַריבער צו שטייגען דאָס מאַקסימום פֿון די מעגליכקייטען, האָט יק״א ניט דערגרייכט דאָס מינימום, וואָס מען האָט געקענט פֿון איהר על פּי שׂכל פֿאָדערן. אַ קראַפֿט־שפּריצענדער ריעז האָט געזאָלט ענשטעהן, דאָס שטוינען און די בעוואונדערונג פֿון דער וועלט, וואָס האָט מיט זיינע אונגעהייערע אָרעמס געזאָלט אַרונטערנעהמען דאָס גאַנצע יודענטום אונטער זיין שוץ, און וואָס זעהען מיר פֿאַר זיך? אַ חולה׳דיג ליליפּוטעל וואָס געהט אויף קוליעס און דערוועקט ביי אַלעמען רחמנות. נאָך קיינמאָל זיינען די ערוואַרטונגען פֿון אַ פֿאָלק ניט אַזוי גרויזאַם אָבגענאַרט געוואָרען ווי דורך דער יק״א־אונטערנעהמונג.

וואָס דער אַרגענטינישער שפּאַס האָט געקאָסט, ווייס איין גאָט און די מקובלים פֿון יק״א. געוועהנליכע שטערבליכע האָבען ניט די זכיה עס צו ערפֿאַהרען. די יק״א פֿערעפֿענטליכט קיין מאָל ניט איהר ביודזשעט, וואָס עס מאַכט איהר זיכער ניט פֿיעל כבוד. אָבער לויט די שאַצונגען פֿון מענשען, וואָס שטעהען נאָהענט צו דער זאַך, האָט יק״א אַריינגעשטעקט אין אַרגענטינאַ אונגעצעהלטע מיליאָנען און ניט שטענדיג צו פּראָדוקטיווע צוועקען. אַ שווערער פֿערוואַלטונגס־אַפּאַראַט מיט אַ גרויסען בעאַמטען־פּערזאָנאַל, אונגעשיקטקייט אין ערד־קויפֿען, טייערע פּראָצעסען, וואָס וואָלטען זיך געלאָזט פֿערמיידען, האָבען שטאַרק פֿערטייערט די אונטערנעהמונג, וואָס איז אַזוי אויך גענוג טייער, ווי מיר וועלען זיך וויטער איבערצייגען.

מיט וואָס ערקלערט זיך דיזער גרויסער, טייער בעצאָהלטער פֿיאַסקאָ? אין יק״א׳ס אָפֿיציעלע פּובליקאַציאָנען וועלען מיר אומזיסט זוכען אַנ׳ערקלערונג, זי פֿערשווייגט און פֿערגלעט דעם קריזיס, זי היט זיך אויך זיינע סבות אויפֿצודעקען. מיר וועלען אַלזאָ זעלבשטענדיג מוזען מאַכען אונזער אונטערזוכונג.

דריי פֿאַקטאָרען קומען אין בעטראַכט: אַרגענטינע אַלס קאָלאָניזאַציאָנס־לאַנד פֿאַר אידען, די אידען אַלס קאָלאָניזאַציאָנס־מאַטעריאַל און ענדליך די יק״א אַלס קאָלאָניזאַטאָרין. וועלכער פֿון דיזע פֿאַקטאָרען

איז דער שולדיגער אָדער, ווען מעהר ווי איין פאַקטאָר האָבען פערא־ירזאַכט דעם מיסערפאָלג, טאָ וועלכער איז דער הויפּט־שולדיגער?

בעטראַכטען מיר קודם כל אַרגענטינע אויף ווי ווייט עס איז פּאַסענד פאַר דער אידישער קאָלאָניזאַציע.

II. אַרגענטינאַ אַלס קאָלאָניזאַציאָנס־לאַנד פאַר אידען.

דער צוועק פון דיזען קאַפּיטעל איז ניט צו אונטערזוכען אַר־גענטינאַ'ס קאָלאָניזאַציאָנס־מעגליכקייטען איבערהויפּט. אָהן אַ ספק ערוואַרטעט דיזען לאַנד אַ גלענצענדע צוקונפט, ווען מען נעהמט אין בעטראַכט זיינע אונגעהויערע נאַטור־אוצרות, וואָס זענען נאָך ניט אָנ־געריהרט, זיין געוואַלטיגען ערד־שטח פון 2,860000 קוואַדראַט קילאָ־מעטער, אויף וועלכען עס לעבט אין גאַנצען אַ בעפעלקערונג פון אונטער 7 מיליאָן איינוואָהנער, בעת דערויף וואָלטען זיך קענען דערנעהרען 100 מיליאָנען, דיזע אומשטענדע וועלען נאָך אַ לאַנגע צייט בעגינסטיגען די איינוואַנדערונג פון מענשען און קאַפּיטאַל, הגם די ענטוויקלונג ווערט אויפגעהאַלטען דורך די ערד־ספּעקולאַציע און די אונאָרדנונג אין די פּאָליטישע צושטענדע דורכ'ן פעהלען פון אַ דעמאָקראַטישער און עהרליכער מלוכה־פיהרונג, דורך די אָפטע אויפשטענדע און דאָס איביגע בעלי־בתי'ווען מיט'ן בעלאַגערונגס־צושטאַנד. וואָס אונז אינטע־רעסירט דאָ, איז די פראַגע מכח דעם שייכות פונ'ם לאַנד צו דער אידישער קאָלאָניזאַציע, די פראַגע איב און אויף ווי ווייט דער מיס־ערפאָלג פון יק"א'ס טעטיגקייט איז אַ פאָלגע פון אָביעקטיווע סבות, וועלכע ליגען אין לאַנד און זיינע בעדינגונגען און אויף וועלכע דער מענש האָט קיין איינפלוס ניט.

עס קען קיין ספק ניט זיין, אַז אַרגענטינאַ האָט אַ גאַנצע שורה פון חסרונות פאַר די אידען, דיזע חסרונות אין זייער גאַנצען סכום האָבען אויך זיכער געשטערט די ענטשטעהונג פון אַ זעלבסטשטענ־דיגער אידישער קאָלאָניזאַציע אָהן פרעמדע בייהילף, ווי זי קומט פאָר אין נאָרד־אַמעריקאַ און פּאַלעסטינאַ. עס וואָלט אָבער געוועזען גאַנ'ץ פאַלש צו שרייבען אינ'ם עיקר דעם קריזיס פון יק"א'ס קאָלאָניען אויף דעם חשבון, ווייל פון איין זייט בעזיצט דיזע רייכע געזעלשאַפט גענוג מיטלען, כדי מיט ערפאָלג צו ווירקען נעגען איניגע הויפּט־שטערונגען, פון דער אַנדער זייט וואָלטען די קאָלאָניסטען גופא, ווי די אַנגעהעריגע פון אַנדערע נאַציאָנען, געקענט פערקלענערן מאַנכע שטע־רונגען אויף אַ געוויסעס מינימום, ווען זיי וואָלטען בעזעסען, ווי יענע, די נויטיגע פרייהייט דערצו.

די כאַראַקטעריסטישע אייגענטימליכקייטען, וואָס קומען פאַר אונז אין בעטראַכט, זענען:

1. די ווילדקייט פון דער נאַטור.

די אַרגענטינישע נאַטור, דאָס קלימאַ, די בהמה מאַכען אַ האַרטען, אַ ווילדען איינדרוק, זאָגאַר אין די מייסטבעפעלקערטע מזרח־פּראָווינצען אין דער נאָהנט פון דער הויפטשטאָדט זענען לויט אונזערע אייראָפּעאישע השגות נאָך שוואַך ניכר די ווירקונגען פונ׳ם מענשען אויף די נאַטור־וועלט. ווילד, אונגעבונדען ליגען נאָך די נאַטור־קרעפטען, ווי זיי וואָלטען אָקערשט אַרויס פון גאָטס שאַפענדער האַנד. מען גלויבט נאָך אָפּט צו פערנעהמען דעם „רוח אלהים", וואָס בלאָזט איבער די וויסטע, דעם גייסט פון מיטווילינע, קאַפּריזנע געטער, וועלכע שטיפען מיט די עלעמענטען און האָבען ניט קיין חשק אָבצוטרעטען זייער ממשלה צו דער גלעטענדער, אָרדענדער האַנד פון דער ציוויליזאַציע.

אַרגענטינאַ, וואָס שטרעקט זיך אויס אינ׳ם אַמעריקאַנישען קאָנטינענט אין דרום־זייט פונ׳ם עקוואַטאָר פון דעם 22־טען ביז דעם 55־טען ברייט־גראַד, בעשטעהט פון דריי פערשידענע צאָנען: איהר נאָרד־טייל, וואָס גרעניצט זיך מיט די רעפובליקען באָליוויאַ און פּאַראַגוויי, ליגט אין דער סובטראָפּישער, הייסער צאָנע, די קאַלטע צאָנע אין דרום ענדיגט זיך מיט׳ן פייערלאַנד, וואָס זיינע ברעגעס באָדען זיך אין דעם זידליכען אייז־ים. די מעסיגע צאָנע, וועלכע ליגט צווישען, איז דער אָרט פון דער קולטור און אַם געדיכטעסטען בעפעלקערט. דאָ ליגען אויך די אידישע קאָלאָניען צעשפּרייט אין 4 פּראָווינצען אין צפון־מערב און דרום־מערב פון דער הויפט־שטאָדט, נעמליך אין די פּראָווינצען: בוענאָס איירעס (מויריציאָ, באַראָן הירש), ענטרע ריאָס (קלאַראַ, סאַן אַנטאָניאָ, לוסיענוויל, סאַנטאַ איזאַבעל), סאַנטאַ פּע (מאָזעסוויל) און צענטראַל־פּאַמפּאָ (די אָקערשט געגרינדעטע קאָלאָניע אין בערנאַסקאָניע). עס איז געווען אין אָנהויב באַראָן הירש׳ס געדאַנק צו קאָלאָניזירען דעם גראַן טשאַקאָ און אַנדערע הייסע געגענדען און צו דעם צוועק האָט ער אויפגעקויפט אונגעהויערע ערד־שטיקער אין טשאַקאָ, פּאָרמאָסאַ און מיסיאָנעס. צום גליק איז דער געדאַנק נאָך פריה גענוג אויפגעגעבען געוואָרען, ווייל די אידען וואָלטען דאָרט זיכער ניט אויסגעהאַלטען די היצען (אין טשאַקאָ ביז 37 גראַד), די חיות און די בעדינגונגען פונ׳ם קולטורלאָזען, ווילדען לעבען.

אין די פּראָווינצען, וואו די יודישע קאָלאָניען געפינען זיך, איז, ווי געזאָגט, דאָס קלימאַ מעסיג און ענטשפּרעכט מעהר — ווייניגער דעם פּאַלעסטינענזישען. מען אונטערשיידעט צוויי צייטען אין יאָהר, אַ וואַרעמע און אַ קיהלע צייט. די ערשטע דויערט פון אָקטאָבער ביז

מאַי, די לעצטע פֿון מאַי ביז סעפּטעמבער. אין בוענאָס איירעס איז די דורכשניטליכע טעמפּעראַטור אין וואַרעמסטען חודש 24 גראַד, אין קאַלטעסטען — 10 גראַד. הייצען די אויבענס אין ווינטער איז כמעט אונבעקאַנט. די קיכען נעפֿינען זיך צוליעב דעם לינדען וועטער געוועהנליך אויף די הויפֿען. די אידען אַקלימאַטיזירען זיך ניט שווער. נאָר אין דער ערשטער צייט ווירקען אויף זיי האַרט מאַנכע אייגענטימליכקייטען פֿון דער נאַטור.

אַרגענטינאַ האָט אין אַלגעמיין ניט קיין בערג אויסער דער געוואַלטיגער בערג-קייט אין מערב, די קאָרדיללירען, וואָס ציהען זיך אין דער גאַנצער לענג פֿונ'ם לאַנד און וואָס טיילען אָב אַרגענטינאַ פֿון דער שכנה'שער רעפּובליק טשילע. דערצו קומט דער מאַנגעל אין וועלדער. דאָס אַליין מאַכט, אַז די ווינדען ווערען ניט געמעסיגט אין זייער לויף און אַז זיי יאָגען זיך אַלזאָ מיט אַ אונגעהויערער האַסט. צוליעב דעם בייטען זיך אָפֿט די וועטערן און אָהן אַ איבערגאַנג, ווי מיט אַ שפּרונג. אַ וועטער-ענדערונג פֿון 20 גראַד אין איין טאָג איז ניט קיין זעלטענהייט. נאָך די הייסעסטע טעג אַפֿילו קומען אָפֿט קאַלטע נעכט.

אונענדליכע גלייכע סטעפּעס שפּרייטען זיך אויס און פֿליהען פֿאַרביי פֿאַר'ן אויג פֿונ'ם רייזענדען, קיין בארג, קיין טהאָל, קיין שלענגעלנד טייכעל, קיינע וועלדער פֿערטרייבען ניט די מאָנאָטאָניע פֿון דער לאַנדשאַפֿט. מען ווענדעט דעם בליק נאָך אויבען, דאָ איז אַ פּראַכטפֿולעס בילד: פֿונ'ם טיעף-בלויען הימעל, וואָס הויבט זיך אויף אונענדליך הויך איבער'ן קאָפּ, גיסט די זון אַראָב אַ ים ליכט. דער אייראָפּעאישער איינוואַנדערער אָטעמט מיט לאַנגע ציגען די דורכזיכטיגע, ווי קריסטאַל, לופֿט, וואָס ברייט איהם פֿונאַנדער די ברוסט און ערוועקט אין איהם אַ אונגעאַהנטע לעבענס-לוסט, בעת אַ לייכט ווינטעלע גלעט איהם צאַרט, ווי אַ מוטערהאַנד, דעם פּנים און שטילט איהם איין די אויפֿגערעגטע נערוועז, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט פֿון זיין ציוויליזירטער היים. און פּלוצלינג אַ איבערקעהרעניש: אַ העפֿטיגער ווינד יאָגט מיט אַ ריזיגער שנעלקייט איבער די אונענדליכע סטעפּעס, הויבט אויף אַ שרעקליכען שטויב צום הימעל, ווי טויזענדער טייוואָלים וואָלטען אַרויס פֿון זייער בעהעלטעניש און וואָלטען געקעהרט מיט אונגעהויערע בעזימער, טרייבט מיט אַ מורא'דיג ווילדער וואוט די געוויטער-שוואַנגערע וואָלקענס, וואָס פֿערלעשען כמעט דאָס ליכט פֿונ'ם טאָג און וואָס לאָדען זיך אויס באַלד מיט אַ געוואַלטיגער קראַפֿט אָדער ציהען זיך גאָר פֿאַרביי, ווי ניט זיי מיינט מען דאָס, זיך בעגנוגענדיג מיט'ן שרעק, וואָס זיי האָבען אָנגעוואָרפֿען אויף די מענשען.

צו אַזאַ נאַטור דאַרף מען זיין געוואוינט, נאָך מעהר צו דער אַרגענטינישער בהמה, וואָס דער אייראָפּעער קען זיך פֿון איהר מאַכען נאָר אַ שוואַכע פֿאָרשטעלונג. וואָס מיר רופֿען געוועהנליך ווילדער פֿערד אָדער אָקס, איז עס אַ פֿרום לעמעלע אין פֿערגלייך מיט דער אַרגענטינישער בהמה, וועלכע ווערט גענומען פֿריש פֿון דער סטעפּ, וואו זי טומעלט זיך אַרום פֿריי און ווילד, ניט זעהענדיג קיין מענשען פֿאַר די אויגען. בכלל איז דער שטאַל־סיסטעם אין אַרגענטינאַ אונבעקאַנט. די בהמות געפֿינען זיך טאָג און נאַכט אויף די פֿעלדער, בעוואַכט דורך וועניגע רייטענדע פּאַסטוכער. נעהמען אַ פֿערד אין די אַרבייט איז אַ גאַנצע קונסט. די ערשטע בעקאַנטשאַפֿט מאַכט מען מיט איהם ניט דירעקט, וואָס איז געפֿעהרליך, נאָר דורך דעם „לאַסאָ“, דעם שטריק, וואָס ווערט איהם קונסטפֿיל געוואָרפֿען פֿון וויטען אַרום האַלז. ביז דאָס עקשנות'־דיגע און קאַפּריזנע טיער קען אַריינגעשפּאַנט ווערען אינ'ם מענשליכען דינסט און געוואוינט ווערען צו געהאָרכזאַמקייט, קאָסט פֿיעל מיה און מאַטערניש. דער אידישער „גרינגאָ“ („גרינער“), וואָס האָט פֿון דער היים נאָך מיטגעבראַכט די מורא פֿאַר'ן דאָרפֿס־הונד, פֿיהלט זיך אין אָנפֿאַנג שלעכט אין זיין נייער ראָלע, און ניט איין מאָל פֿערשילט ער די רגע ווען ער האָט זיך ענטשלאָסען צו ווערען אַ קאָלאָניסט. קומענדיג פֿון דער גרויסער לאַנקע אַ פֿערשאָפּעטער און פֿאַלענדיג פֿון די פֿיס נאָך אַ שעה'ן לאַנגער און אומזיסטיגער יאָגעניש נאָכ'ן פֿערד אָדער אָקס, וואָס איז איהם ווי אויף להכעיס יעדען מאָל אויסגעוויכען, ווען ער האָט געגלויבט, איהם שוין צו האָבען אין די הענד.

אין דער ערשטער צייט, ווען די קאָלאָניסטען פֿלעגען בעקומען ניטראַלאַמבריטע (מיט דראָהט אַרומגעצאַמטע) פֿעלדער און דערצו נאָך האַלב־ווילדע בהמות, פֿלעגט פּאַסירען, אַז פֿיעלע פֿלעגען פֿערבלאָנדזעט ווערען אויף אייניגע טעג, זוכענדיג זייער פֿיה. אין דער אַרבייטס־צייט, בעת'ן שנים, ווען יעדע מינוט איז געצעהלט, פֿלעגען די אידען פֿערלירען אויף אַזאַ אופֿן לאַנגע שעה'ן, האַלבע טעג, ביז זיי פֿלעגען זיך קענען שטעלען צו דער אַרבייט. דאָס איז געווען אין דער ערשטער צייט טאַקי: איינע פֿון די סבות פֿונ'ם שטאַרקען לויפֿען פֿון די קאָלאָניעס, אָבער דאָך נאָר איינע פֿון די סבות און ניט די וויכטיגסטע סבה. היינט זענען די אידישע קאָלאָניסטען אין גאַנצען איינגעלעבט אין די נייע פֿערהעלטנישען און לאַכען פֿון האַרצען איבער די אומגעלומפּערטקייט פֿונ'ם „גרינעם“. בעזונדערס די קאָלאָניסטישע יוגענד שרעקט זיך ניט מעהר פֿאַר גאָרנישט און גיט אַרויס פֿון זיך צו דער אַלגעמיינער בעוואונדערונג אויס־געצייכענטע רייטער, וואָס קאָנקורירען אָפֿט מיט די גויטשאָס, די

ברוינע מישלינגע פון די אינדיאנער און די שפאנישע עראבערער וועלכע זענען פון דער ציוויליזאציע ווייניג בעריהרט און וועלכע לעבען שטענדיג אויפ'ן פערד, דעם רעוואלווער און מעסער ביי דער זייט. עס איז א ריינע פרייד פאר'ן הארץ אנצוקוקען די קאלאניסטישע קינדער, ווי זיי קומען צו רייטען אין און פון די שולען, וואס ליגען מייסט ווייט פון דער היים, צו צוויי און דריי אויף א פערד, ווי זיי זיצען, דיזע 6—8-יעהריגע קינדסים, אזוי פעסט און זיכער אויפ'ן פערד, ווי זייערע אבות אבותיהם וואלטען שוין געווען געבוירענע רייטער.

2. די עקסטענסיוויטעט פון דער אגריקולטור.

די ארגענטינישע לאנדווירטשאפט געהערט צו דער דענקבאר עקסטענסיווסטער, אויבערפלעכסטער פון דער וועלט. ד. ה. איז דאס, וואס די וויסענשאפט רופט אן „רויבווירטשאפט", דען זי איז אויסגערעכענט דערויף ארויסצוציהען פון דער ערד איהרע זאפטען און איהר גארנישט אומצוקערען, דער סיסטעם פון מיסטיגען די פעלדער, דאס הייסט צוריק אבצוגעבען דער ערד איהרע נעהרענדע שטאפען אין דער געשטאלט פון נאטירליכע אדער קינסטליכע מיסטיגונגס-מיטלען און איהר פון דאס ניי אויפצופרישען, איז דארט ניט בעקאנט. אין דער בעציהונג בעדייטעט זאגאר דאס אריינדריגנען פון די אייראפעער א ריקשריט, ווייל אייניגע אינדיאנישע שבטים, די פריהערדיגע בעזיצער פונ'ם לאנד, וואס האבען געמוזט ווייכען פאר דעם זיגעס-מארש פון דער אייראפעאישער ציוויליזאציע, האבען גראד געקענט דעם מיסטיגונגס-סיסטעם און זענען אומגעגאנגען שפארעוודיגער מיט די נאטור-רייכטימער. נאך מעהר: אין ארגענטינא גיט עס נאך היינט, ווי אמאל אין נארד-אמעריקא, א מין וואנדערנדע לאנדווירטשאפט. עס לעבען דארט נעמליך א סך בויערן-פאמיליען, וואס זיצען ניט אויף איין ארט, נאר דינגען אויף א צייט א שטיק ערד, שעפען פון איהר ארויס אלץ, וואס זי קען געבען און לאזען איהר דאן ליגען, כדי דאן ווייטער צו ציהען מיט'ן זעלבען ציעל.

דיזער רויבסיסטעם איז פאר דער ערד גאנץ שעדליך, אבער ער איז היסטאריש פערשטענדליך, דען ער שטעלט פאר א נויטווענדיגע איבערגאנגס-מדרגה צו העכערע ווירטשאפטס-פארמען.

די ארגענטינישע לאנדווירטשאפט איז א עקספארט-פראדוקציאן. אויף די תבואה, בעזונדערס ווייץ, און די בהמות, וואס ווערען געבראכט אויף דעם אייראפעאישען מארק, בויט זיך אויף די עקזיסטענץ און די בליהונג פון דיזער רעפובליק. צוליעב דער קאנקורענץ מיט דער אייראפעאישער אגריקולטור, וואס ווערט נאך אפט בעגינסטיגט דורך שוץ-צאל, פון איין זייט און מיט דער מעבר-לים'דיגער לאנדווירטשאפט פון דער

אַנדער זײַט, מוזען די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען זײַן קלײן, בעת אַ שורה פֿון פֿאַקטאָרען פֿערטײַערן גראָד די הוצאות פֿון דער פּראָדוקציאָן און פֿראַכט, נעמליך: די טײַערקײט פֿונ׳ם קאַפּיטאַל און פֿון דער אַרבײטס־קראַפֿט, דער געוואַלטיגער מרחק פֿונ׳ם אָבזאַץ־מאַרק. ווי ווערען דיזע חסרונות אויסגעגליכען? מיט דער בילינקײט פֿון דער ערד, דערמיט, וואָס עס ווערט פּראָדוצירט מיט דער מעגליכסט קלענסטער סומע פֿון אַרבײטס־קראַפֿט און קאַפּיטאַל און אויף דעם אָרט מיט גרויסע ערד־שטח׳ס. בעת דער בויער אין אײראָפּאַ מוז זיך גרונטעווען און מאַטערן כדי אַרויסצוציהען פֿון זײַן קאַרג אָבגעמאָסטענעם שטיקעל ערד זײַן חיונה, איז דאָ אין אַרגענטינאַ ערד איבערפֿלוס און אָהן גרויסע אָנשטרענגונגען ווערען פֿון אויבען־אויף צוזאַמענגעשאַרט די פּירות פֿון דער שיטער בעזעצטער ערד. אַ פֿערגלײַך צווישען אַרגענטינאַ און דײַטשלאַנד ווײַזט, אַז בעת דאָ איז דער אָרימסטער שניט (בײַ די ניט גענוג געמיסטיגטע פֿעלדער) 20—30 צענטנער תבואה פֿון דעם העקטאַר, דער גוטער שניט (בײַ די גוט געפֿיהרטע ווירטשאַפֿטען) 50—80 צענטנער *) איז דאָרט דער מיטעלמעסיגער שניט 10—12, דער גוטער שניט 15—20 צענטנער אויף דעם זעלבען עוד־שטח. אין אײראָפּאַ ווערען די אָבפֿאַלען אין דער ווירטשאַפֿט מיט אַ גרויסער אויפֿמערק־זאַמקײט צונויפֿגעקליבען און פֿערווענדעט, אין אַרגענטינאַ דאַגעגען וואַלגערן זיך אַרום רײכטימער אויף די פֿעלדער, וואָס קײנער הויבט ניט אויף, ווײַל זײער בײט־ווערט בעלוינט ניט גענוג די אָנשטרענגונג זיי צונויפֿצוזאַמלען, דען אין לאַנד איז פֿאַר דעם ניטאָ קײן פֿערווענדונג און פֿאַר׳ן עקספּאָרט זענען זיי ווערט־לאָז צוליעב דעם שווערען געוויכט און די בילינגע פּרײזען אויף דעם וועלט־מאַרק. דאָס וועט נאַטירליך ניט אַזוי אײביג בלײַבען, מיט דעם וואוקס פֿון דער בעפֿעלקערונג, מיט דער ענטוויק־לונג פֿון דער אײגענער אינדוסטריע, מיט דעם פֿאַלען פֿונ׳ם צינזפֿוס **) וועט די לאַנדווירטשאַפֿט נויטווענדיג ווערען אַ גרינדליכערע, אַ שפּאָ־רעוודיגערע, אָבער ביז אַהין וועט עס נאָך דויערן אַ היבשע צײַט. יעדענפֿאַלס הענגט עס ניט אָב פֿון אײנצעלנע פּערזאָנען צו ענדערן פֿאַר זיך דיזען ווירטשאַפֿט־סיסטעם, אויב זיי ווילען מיטקומען מיט די אַנדערע, דאָס הײסט זײַן קאָנקורענץ־פֿעהיג.

פֿון דיזע אַלע בעטראַכטונגען פֿאָלגען אײניגע וויכטיגע שלוסען:

א) די ריזיקע פֿון דער אַרגענטינישער לאַנד־ווירטשאַפֿט. קײן לאַנדווירטשאַפֿט אין דער וועלט איז פֿילײכט

*) זעה! אדאָלף בוכענבערגער: Agrarwesen und Agrarpolitik, זייט 43.

**) די פֿערשפּרייטע מאָס פֿונים פּראָצענט, וואָס ווערט גענומען פֿון קאַפּיטאַל.

ניט פֿערבונדען מיט אַזוי פֿיעל ריזיקע ווי די אַרגענטינישע, בעזונדערס אין די נאָרד־פּראָווינצען, וואו עס געפֿינט זיך דער רוב אידישע קאָלאָניען, די אורזאַכען זענען צווייערליי, נאַטירליכע און ווירטשאַפֿטליכע. דאָס בלינדע הערשען פֿון דער נאַטור־געוואַלט צעשטערט אָפֿט די פֿרוכט פֿון אַ לאַנגער אַרבייט, וואָס איז געטהון געוואָרען מיט פֿיעל מאַטערניש. דאָרט, וואו דער מענש איז ניט דער האַרר איבער די נאַטור, נאָר די נאַטור איז אַ הערשערין איבער דעם מענשען, דאָרט, וואו דאָס מוטוויליגע שפּיעל פֿון דער נאַטור צעשטערט אָפֿט די בעסטע מענשליכע פּלענער — דאָרט איז דאָס זייען און פֿלאַנצען ניט וועניגער ריזיקאַליש ווי דאָס שפּילען אויף דער בערזע, מיט דעם אונטערשייד, וואָס בעת אויף דער בערזע זיגט דאָך געוועהנליך דער, וואָס איז אַם מייסטען חיטרע, העלפֿט ניט גענען די נאַטור קיין קליגען זיך.

ווי גרויס זענען די געפֿאַהרען פֿון דער אַרגענטינישער אַגריקולטור! דאָ חאַפּט אַוועק די פּעסט די בהמות אָדער צוליעב טריקעניש און גראָד־מאַנגעל פּגר'ן זיי אויס; דאָ פֿערניכטעט די היץ ביי טאָג און דער פֿראָסט ביי נאַכט די תבואה אויף די פֿעלדער; די ערגסטע פּלאָג פֿון דער אַרגענטינישער לאַנדווירטשאַפֿט זענען אָבער און בלייבען די היישעריקען, דיזע מיליאָנען מיליאַסען קליינע פֿרעסער, וואָס פֿרוכפּערן און מעהרען זיך אַזוי געוואַלטיג. (דאָס „גיפֿט” וואָס דער היישעריק לאָזט אַריין אין די ערד שטאַרבענדיג ענטהאַלט 150 אייעלעך, פֿון וועלכע עס קומען אַרויס 150 נייע מחבלים). וואָס מאַכען פּשוט שוואַרץ דעם אַנבליק פֿון דער ערד, ווען זיי לאָזען זיך ערגיץ וואו אַנידער, און וואָס פֿרעסען אויף די בליהענדסטע פֿעלדער, ניט איבערלאָזענדיג מאַנכמאָל זאָגאַר אַ זכר. קומען נאָך איינינע פּלאָגען אויף אַמאָל, דאַן צערינען אַלע האָפֿנונגען פֿונ'ם קאָלאָניסט און ער בלייבט גאַנץ מוטלאָז.

די ריזיקע ווערט נאָך דערפֿון גרעסער, וואָס די לאַנדווירטשאַפֿט פֿון די ווייטע לענדער איז זעהר איינזייטיג. ווי מיר האָבען שוין דערמאָהנט, די פֿיעלזייטיגקייט פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿטליכער פּראָדוקציאָן אין אייראָפּאַ איז אַ מין זעלבסטפֿערזיכערונג פֿונ'ם בויער געגען אונגערעטעניש און נידריגע פּרייזען. געראָט ניט איין זאַך, דאַן געראָט די אַנדער זאַך; איז איין פּראָדוקט געפֿאַלען אין פּרייז, דאַן ווערט עס אויסגעגליכען דורך די אַנדערע פּירות, וואָס זייער פּרייז איז געשטיגען. דאָרט דאַגעגען, וואו דער בויער בויט־אויף זיין עקזיסטענץ אויף איין אָדער צוויי קולטורען, שטעהט און פֿאַלט ער מיט זיי. צוליעב דעם, וואָס די ווירטשאַפֿט אין די אידישע קאָלאָניען איז נאָך איינזייטיגער ווי אַנדערסוואו, ווי מיר האָבען שוין אויבען געוויזען, איז ביי זיי די ריזיקע נאָך גרעסער ווי געוועהנליך.

איך וויל מיט דיזע בעמערקונגען נאטירליך ניט זאגען, אז די אגריקולטור אין ארגענטינא איז ניט לוינענד. פערקעהרט, זי קען זאגאר רייך מאכען, דען איין גוט יאהר צאהלט אב פאר איניגע שלעכטע. נאר די שוואנקונגען צווישען די גוטע און שלעכטע יאהרען זענען צו גרויס, כדי דער יחיד זאל זיך קענען א עצה געבען. עס איז נויטיג א מעכטיגע אנשטאלט, וואס זאל פערשאפען דעם קאלאניסט אין דער שלעכטער צייט דאס נויטווענדיגע פאר דער וויטערדיגער פיהרונג פון דערווירטשאפט און פאר'ן לעבען און וואס זאל ווארטען אויף די בעסערע צייט, כדי אבצונעהמען דאס, וואס זי האט איהם געגעבען. מיט אנדערע ווערטער: דער קאלאניסט נויטיגט זיך אין א ברייטען קרעדיט אויף לאנגע טערמינען.

ב) דער יקרות פון די פארמס. מיט דער עקסטענסיוויטעט פון דער ארגענטינישער אגריקולטור און דער ערד־ספעקולאציע איז פערבונדען א גרויסע טייערקייט פון די טשאקראס (פארמס). מחמת דעם, וואס דער וויכטיגסטער פראדוקציאנס־פאקטאר איז די ערד, דארף יעדער קאלאניסט האבען א גרויסען ערד־שטח (און פיעל ארבייטס־פיה). דורך דעם ווערט דער אלגעמיינער פרייז פון דער טשאקרא שטארק הויך, הגם די ערד־פרייזען בלייבען אין פערהעלטניש צו איירופא אליך נידעריג גענוג. אין דער בעציהונג האבען זיך בארא[ן] הירש און די דורך איהם געגרינדעטע יק"א שטארק אבגענארט, רעכענענדיג מיט איירופעאישע ערד־שטח'ס און ארגענטינישע ערד־פרייזען, האבען זיי בעשטימט פאר יעדער קאלאניסטישער פאמיליע 50 העקטאר ערד און האבען געשאצט די קאסטען פון דער גאנצער איינארדנונג צוזאמען מיט די לעבענס־מיטלען אויפ'ן ערשטען יאהר אויף 6,750—7,500 פראנק, דערביי האבען זיי גענמיינט אז דער קאלאניסט וועט זיך נאך באדען אין וואוילטאג. דאס האט זיך שפעטער ארויסגעוויזען אלס גאנץ פאלש, און יק"א האט געמוזט צולעגען יעדען קאלאניסט צו 100 העקטאר. 150 העקטאר פאר א פאמיליע איז פאר איירופעאישע פארשטעלונגען א גרויסע עשירות. אין איירופא רעכענען זיך 5—20 העקטאר פאר א מיטלען בויערן־בעזיץ, אין פראנקרייך און ענגלאנד פערמאגט דער בויער אין דורכשניט א ערך $7\frac{1}{2}$ העקטאר, בעת 100 העקטאר און מעהר געהערען שוין צו די גרויסע גיטער. אין ארגענטינא דאגעגען איז, בכלל גענומען, פאר אקערבוי נויטיג אזא שטח ערד, ווי יק"א האט ענדליך איינגעפיהרט צו געבען יעדער פאמיליע. צוליעב דעם האט זי אבער אויך געמוזט איבער־שאצען די קאסטען פון דער איינארדנונג אויף 20—25 טויזענד פראנק. דאס איז היינט שוין אויך ניט מעהר גענוג. די ערד וואקסט ריזיג שנעל

אין פריז, א פאלגע ניט בלויז פון דער וואקסענדער נאכפראגע, נאר אויך ניט ווייניג פון דער דערמאהנטער גרויסער ספעקולאציע, הײנט קאסט אין די זעלבע פראווינצען, וואו עס געפינען זיך די אידישע קאלאניען, דער העקטאר ערד 200 פראנק, אנשטאט ווי פריהער 60 און ווייניגער. די ערד אין מויריציא (פערזייט מיט אלפאלפא *) און אלאמבריירט) שאצט מען אויף 600 פראנק. די איינארדנונג פון א פאמיליע פאר אקערבוי בעטרעפט איצט אין די זעלבע געגענדען א 40—50 טויזענד פראנק, א סומע, וואס שטייגט נאך אריבער מאנכמאל די אייראפעאישע צושטענדע. אלס פערגלייך קען אנגעפיהרט ווערען די אנזידלונגס-קאמיסיאן אין פאזען און וועסט-פרייזען, וואס הגם זי קויפט טייער צוליעב דעם באיקאט מצד די פוילען, שאצט זי די קאסטען פון דער איינארדנונג פאר א פאמיליע אויף 23 טויזענד מארק (דערפון אויף ערד 17 טויזענד), צוזאמען מיט דעם געלד, וואס דער בויער ברענגט מיט, קען עס אויסמאכען 26—27 טויזענד מארק. מיט דער סומע, וואס איז נויטיג אין ארגענטינא פאר א י י ן פאמיליע, קען מען בעזעצען אין פאלעסטינא ווייניגסטענס 3 פאמיליען, אין נארד-אמעריקא נאך מעהר. אמת, אז קויפענדיג גאנצע עסטאנסיאנס (גרויסע גיטער) און צעטיילענדיג אויף שטיקער, ווי יק"א טהוט, קען מען נאך אויסקומען מיט קלענערע ווי די אנגעגעבענע סומען, און דאס איז טאקי איינע פון די גרויסע מעלות פון א געזעלשאפט, וואס ארבייט אין גרויסען ווי די יק"א, הגם זי האט זיך בכלל ניט אויסגעצייכענט מיט פיעל געשיקטקייט אין ערד-קויפען. דער יחיד, וואס וויל ניט אוועק ווייט פון'ם מענשליכען ישוב, דארף אבער די סומע 40—50 טויזענד פראנק. ווען מען רעכענט צו דעם צו די טייערקייט פון'ם קרעדיט אין ארגענטינא (ביי דער נאציאנאל-באנק 8 פראצענט) און די שווערקייט איהם צו בעקומען (די זעלבע באנק גיט נאר א קליינעם טייל פון'ם שאצונגס-ווערט פון דער פארם), וועט מען פערשטעהן, ווי אונמעגליך עס איז דארט א זעלבסטשטענדיגע אידישע קאלאניזאציע. דען די, וואס פערמאגען די גרויסע סומע, געפינען געוועהנליך אין מסחר א לוינענדע פערווענדונג און האבען אלזא ניט קיין חשק צו בייטען זייער לעבענס-שטייגער, און די, וואס זענען יע נוטה דערצו, בעזיצען ניט די נויטיגע מיטלען. אריינלאזענדיג זיך ווידער מיט איינע פון די פיעלע קאלאניזאטארישע געזעלשאפטען, וואס עקזיסטירען אין לאנד, איז מען ניט זיכער, אז מען וועט ניט בעשווינדעלט ווערען.

ניט קוקענדיג אויף דיזע שוועריגקייטען פון ערווערבען ערד, איז

*) ליוצערן, אזא גראז פאר בהמות.

עס אַ געוועהנליכע ערשיינונג, אַז בעזיצלאָזע קריסטען דערשלאָגען זיך אין אַ קורצער צייט צו זעלבסטשטענדיגקייט. זיי אַרבייטען זיך ביסלעכווייז אַרויף, אָנהויבענדיג אַלס פּאָן (לוין־אַרבייטער), איבערגעהענדיג שפּעטער אין דעם פּעכטער־קלאַס און ערווערבענדיג צום סוף אַ פאַרם מיט דער הילף פון דער באַנק אָדער אויף אויסצוצאָהלען. די איבערוואַנדערונג קיין אַרגענטינאַ, ווי אין אַלע נייע לענדער, פון אייראָפּעאישע בעזיצלאָזע ערד־אַרבייטער אָדער פון פּעראָרימטע בויערן צוליעב לאַנדווירטשאַפטליכע צוועקען שטעלט אויף אַזאַ אופן פאָר אַן'אַרויפשטייגענדע קלאַסען־בעוועגונג, אַן'איבערגאַנג ניט בלויז צו בעסערע לעבענס־פערהעלטנישען, נאָר אויך אָפט צו אַ העכערער סאָציאַלער שטעלונג. אין דעם ליגט פיליייכט די גרעסטע אָנציהונגס־קראַפט פון דיזע לענדער פאַר אידען איז אָבער דער בעשריבענער וועג אַ צו שווערער צוליעב ערנסטע טעמים. צו אַרבייטען איינינגע יאָהר ביי פרעמדע מיט דער אויסזיכט אַ מאָל צו ווערען זעלבסטשטענדיג, ענטשליסט זיך דער איד ניט שווער. אָבער עס איז איהם אונמעגליך אַ לענגערע צייט אָהן אונטערברעכונג צו לעבען ביי מענשען, וואָס ער קען ניט זייער שפּראַך, זייערע געוואוינהייטען, און דערצו בעת ער דאַרף גאָר ערשט לערנען דאָס פאַך. אין נאָרד־אַמעריקאַ, וואו די אידישע פאַרמער־בעוועגונג האַלט אין איין וואַקסען, זעהט מען אויך דערפאַר וועניג אידישע אַרבייטער אויף קריסטליכע פאַרמס, הגם פון נאַציאָנאַלע פאָראורטיילען אויף דעם אַגריקולטורעלען געביעט קען דאָרט נאָר אַלס יוצא מן הכלל זיין די רעדע.

ג) די צעוואָרפענהייט פון די וואוינונגען.

אַזוי ווי אין אַרגענטינאַ דאַרף יעדער בויער האָבען אַ גרויסען שטח ערד, אַ שטח, וואָס דערפון וואָלטען קענען אין אייראָפּאַ 15—25 זעלבסטשטענדיגע פאַמיליען ציהען די חיונה, איז דאָרט אונמעגליך אַזוי געדיכט צוזאַמענצולעבען ווי אין די אייראָפּעאישע דערפער, וועלכע מאַכען מאַנכמאָל דעם איינדרוק פון קליינע שטעדט. כדי ניט צו האָבען ווייט פונ'ם אַרבייטס־פּלאַץ אין בעזונדערס כדי ניט צו פערלירען קיין צייט אין דער הייסער אַרבייטס־סעזאָן, האָט זיך דערפאַר אויסגעבילדעט אין אַרגענטינאַ, ווי אין פילע נייע לענדער, דער „הויף־סיסטעם", דאָס הייסט דער סיסטעם פון איינצעלנע וואוינונגען, וואָס זענען צעוואָרפען איינע ווייט פון די אַנדערע איבער'ן גאַנצען לאַנד*). דאָס ווירקט אָבער אויף די אידען אויסעראָרדענטליך אָבשרעקענד. מיר אידען זענען סאָציאַלע

*) אין נאָרד־אַמעריקאַ האָבען איבריגענס דערביי שטאַרק מיטגעווירקט פּאָליטישע טעמים, נעמליך די שטרעבונג פון דער רעגירונג צו אַסימילירען די פאַרמער, וואָס איז פיעל לייכטער, ווען די פערשידענע נאַציאָנאַלע גרופּען זענען ניט בכח צו פיהרען צווישען זיך קיין שותפות'דיגען געזעלשאַפטליכען לעבען.

ווערען, דאָס לעבען בשותפֿות איז אונז אַריבער אין פֿלייש און בלוט. דאָס געהערט אויך זיכער ניט צו אונזערע נאַציאָנאַלע חסרונות, נאָר פֿערקעהרט צו אונזערע מעלות. אין דער עקסטענסיווער לאַנדווירטשאַפֿט פֿערשאַפֿט אונז אָבער אָט דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער־צוג אונזערער פֿיעל ליידען.

די אידישע קאָלאָניסטען פֿיהלען זעהר שווער די איינזאַמקייט, וועלכע מאַכט זיי דאָס לעבען וויסט און טרויעריג, און וועלכע ברענגט זיי אין די סכנה פֿון רויב־ און מאָרד־אָנפֿאַלען. דאָס ווירקט, אַז די לאַנדווירטשאַפֿט זאָל פֿאַר זיי זיין אין אַ הויכער מדרגה אָבשטויסענד. דאָך וואָלט די איינזאַמקייט געקענט בעדייטענד פֿערקלענערט ווערען, ווען די קאָלאָניסטען וואָלטען געווען פֿריי צו בויען די קאָלאָניען לויט זייערע וואונשען און נייגונגען, ווי עס טהוען, למשל, די רוסיש־דייטשען, וועלכע לעבען אויך אין אַרגענטינאַ דערפֿערוויז, אָדער ווי די קאָלאָניסטען אין „באַראָן הירש”, וואָס האָבען אַלס אויסנאַהם פֿון כלל בעקומען דאָס רעכט צו בויען, ווי זיי געפֿעלט. די רוסיש־דייטשען האָבען אויסגעטראַכט אַ קאָמבינירטען סיסטעם פֿון דערפֿער און איינצעלנע וואוינונגען. אין דער צייט, ווען זיי זענען פֿריי פֿון דער פֿעלד־אַרבייט לעבען זיי אַלע צוזאַמען, בילדענדיג אַ שטאַרקע געמיינשאַפֿט, וועהרענד דאַגעגען אין דער אַרבייטס צייט בלייבען בלויז די אַרבייטס־אונפֿעהיגע קינדער און אַלטע לייט אין דאָרף, וואו עס געפֿינט זיך די קירך און די קינדער־שול, און די אַרבייטס־פֿעהיגע קרעפֿטען לעבען זיך צעוואָרפֿען אויף די פֿאַרמס. . די אידען, וואָס האָבען טויזענדמאָל העכערע געזעלשאַפֿטליך־קולטורעלע ווי רעליגיעזע בעדערפֿנישען פֿאַר די האַלב פֿערווילדעטע דייטשען פֿון סאַראַטאָוו, לעבען מיט ווייניג אויסנאַהמען כמעט פֿאָלשטענדיג צעוואָרפֿען ווי די קולטורלאָזע שפּאַניש־אַרגענטינישע בויערן. די צעוואָרפֿענהייט, וועלכע רופֿט ביי זיי אַרויס אַ טויטליכע לאַנגווייליע, אַ שרעקליכע מעלאַנכאָליע, שטייגט אַלזאָ ביי זיי איבער די בעדערפֿנישען פֿון דער אַרגענטינישער אַגריקולטור. די ווירקונגען פֿון נאַטירליכע סבות ווערען אַלזאָ נאָך פֿערשטאַרקט דורך קינסטליכע אורזאַכען. פֿון וואַנעט די לעצטע נעהמען זיך, האָב איך געגעבען אָנצוהערען. אויספֿיהרליכער איבער דעם גאַנצען ענין ווילען מיר זיך פֿערנעהמען אין איינעם פֿון די פֿאָלגענדע קאַפּיטלען.

צו די אַלע בעטראַכטונגען קומט צו דער נאַציאָנאַלער מאָמענט. די אַרגענטינישע רעגירונג טרייבט געגען די איינוואַנדערער אַנ׳ענט־נאַציאָנאַליזירענדע פּאָליטיק. פֿאַר דעם ביסעל פֿרייהייט און לעבענס־מעגליכקייט, וואָס זי לאָזט אַלע אויסלענדער, סטאַרעט זי זיך צו פֿערשלינגען זייער נאַציאָנאַלען „איך”, כדי צו בעשאַפֿען אַ שטאַרקע,

אײנהײטליך פֿיהלענדע אַרגענטינישע נאַציאָן. די שפּאַניער זענען פּאָ־
ליטיש די הערשער פֿונ׳ם לאַנד, דער שפּאַניש־אַרגענטינישער פּאַטריאָ־
טיזם ווערט אַלזאָ מיט אַלע מיטלען אײנגעפּלאַנצט צווישען אַלע, וואָס
גענײסען דעם „הכנסת אורחים" פֿון דער רעפּובליק. דעם דרוק פֿון דיזער
פּאָליטיק בעקומען צו פֿיהלען די שוואַכע נאַציאָנאַלע גרופּען, אַם
מײסטען די שוצלאָזע אידען, בעת אײנפֿלוסרײַכע נאַציאָנאַליטעטען ווי
די איטאַליענער, ענגלענדער, פֿראַנצויזען, דײַטשען, ווערען רעספּעקטירט
אין זײערע נאַציאָנאַלע געפֿיהלען, שפּראַך און קולטור. מען קען זיך
מאַכען אַ גענוגענדען בעגריף פֿון דער אַרגענטינישער עמפּפֿינדליכקײט
צום אידישען „סעפּאַראַטיזם" (אָבזונדערונגס־שטרעבונג), ווען מען נעהמט אין
בעטראַכט, אַז אין די אויגען פֿון די שול־בעהערדען און פֿון דער פּרעסע
זענען יק״א׳ס קינדער־שולען צו ווענינ פּאַטריאָטיש, צו פֿיעל אידיש, בעת
אין דער אמת׳ן זענען זײ אינ׳ם נאַציאָנאַלען פּראָגראַם אין גאַנצען
ענהנליך צו די שולען פֿון דער „אַליאַנס" אין אָריענט. מיט דעם אונ־
טערשיעד, אַז אָנשטאָט וואָס דיזע פֿערשפּרײטען אויך פֿיעל פֿראַנצויזי־
שען פּאַטריאָטיזם, דאגה׳ט די יק״א אויסשליסליך פֿאַר׳ן אַרגענטינישען
פּאַטערלאַנד. *)

ווען מיר ציהען אונטער דעם סך הכל פֿון די אַלע אונטער־
זוכונגען, קומען מיר צום בעשלוס, אַז אַרגענטינאַ אַלס קאָלאָניזאַציאָנס־
לאַנד האָט פֿאַר אונז בעדײַטענדע חסרונות און אַז עס איז מעהר ווי צווײ־
פֿעלהאַפֿט, צו עס לוינט פֿאַר אונז שטאַרק צו פֿערבינדען אונזער שיקזאַל
מיט אַ לאַנד, וואָס ענטשפּרעכט אין געוויסע בעציהונגען אַזוי ווענינ אונזער
נאַציאָנאַלען כאַראַקטער און וואָס בעציהט זיך אַזוי פֿײנדליך צו אונזער נאַ־
ציאָנאַלער אינדיווידואַליטעט. דאָך צו קען בעהויפּטעט ווערען, אַז די אויסגע־
רעכענטע חסרונות האָבען אויף אַזוי ווײַט געשטערט דאָס קאָלאָניזאַציאָנס־
ווערק פֿון יק״א, אַז עס האָט גאָר ניט געקענט דערגרײכט ווערען קײן
בעסערער רעזולטאַט? נײן און טויזענדמאָל נײן! די אידען האָבען
זיך, ווי מיר האָבען געזעהען, אײַנגעלעבט אין די אַרגענטינישע פֿער־
העלטנישען און צוגעוואוינט צום קלימאַ און צו דער בהמה; דער
יקרות פֿון די פֿאַרמס קומט פֿאַר יחידים אין בעטראַכט, אָבער ניט פֿאַר
דער רײַכסטער פֿילאַנטראָפּישער חברה, וואָס אידען פֿערמאָגען; די ריזיקע
וואָלט יק״א קענען אויסגלײַכען דורך אַ גוט צוגעפּאַסטער קרעדיט־
אַנשטאַלט; די צוואָרפֿענקײט פֿון די וואוינונגען לאָזט זיך בעדײַטענד
פֿערקלענערן. בנוגע דער ענטנאַציאָנאַליזירונגס־פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג,
האָט זי צו דער קאָלאָניזאַציע אַלס אַזוינער קײן שײַכות ניט, און

*) מחמת מורא פֿאַר דער אידישער „געפֿאַהר" האָט די רעגירונג ניט לאַנג
אויך נעשלאָסען אַלע תלמוד תורות אין בוענאָס איירעס.

שליסליך לאזט זיך דער בויערן-עלעמענט שווערער אסימילירען ווי וועלכע עס איז אנדערע פאלקס-שיכט. מיט אנדערע ווערטער: ווען ארגענטינא האט ניט פאר אונז די ווייטע האריזאנטען און מעגליכקייטען, ווי מען האט אין דעם ערשטען „ברען“ געטראכט, ווען זי האט להפך פאר אונז פיעלע שטערונגען, איז דאך דארט מעגליך א ברייטע אידישע קאלאניזאציע, און דאס פיאסקא פון יק״א׳ס קאלאניזאציאנס-ווערק קען אלזא ניט געשריבען ווערען אויפ׳ן חשבון פונ׳ם לאנד.

מיר געהען איבער צום צווייטען פון די דערמאנטע דריי פאקטארען, צו די אידען אלס קאלאניזאציאנס-מאטעריאל.

III. די אידען אלס קאלאניזאציאנס-מאטעריאל.

1. מיינונגען און ערפאהרונגען.

זענען די אידען פאסענד פאר דער אגריקולטורעלער טעטיגקייט אדער ניט? בעגעגענט ניט די אידישע קאלאניזאציאנס-אידעע אינ׳ם מענשען-מאטעריאל א שטערניש, וואס איז אונמעגליך צו בעזייטיגען? זענען מיר אידען ניט אויף אייביג פערלארען פאר דעם וויכטיגסטען פעלד פונ׳ם מענשליכען ארבייטס-פליים, פאר דעם קוואל פונ׳ם מענשליכען לעבען, פאר דעם יסוד פון יעדען געזונדען פאלקס-ארגאניזם?

דיזע פראגען, וואס זענען אזוי אלט ווי דער קאלאניזאציאנס-געדאנק אין אונזער נייעסטער געשיכטע גופא און וואס האבען שוין געזאלט זיין לאנג און אויף שטענדיג פערענטפערט, קומט מיר אויס פונ׳ם ניי אויפצואוויקלען. איך טהו עס ניט מיט קיין לייכטען הארצען, בעזונדערס ניט ביים קאלאניזאציאנס-ווערק פון יק״א, וואס האט געזאלט מיט א שטומען, אבער אונצווייד[י]יטיגען לשון, מיט׳ן לשון פון די טהאטזאכען ארויסגעבען אונזער פאלק א גלענצענדע צייגניס פון זיין קאלאניזאציאנס-פעהיגקייט און איהם אומקעהרען ווענינגסטענס א טייל פון יענער אכטונג, וואס עס האט גענאסען אין די גליקליכע צייטען פון זיין געשיכטע. איך וואלט די פראגע ניט בעריהרט, ווייל איך האלט די בעהויפטונג מכח דער אידישער אונפעהיגקייט אדער אונ׳חשק צום קאלאניזאציאנס-לעבען פאר א רכילות פון בעזע אנטיסעמיטישע צינגער אדער פאר אנ׳אויסדרוק פון יענער קוועלענדער זעלבסט-פעראכטונג, וואס האט זיך ליידער ביי אונז צו שטארק איינגעווארצעלט. ווען איך בעשעפטיג זיך דאך מיט דער פראגע, איז עס נאר, ווייל זי ווערט דורך די יק״א-לייט אליין געשטעלט, געגויער פערניינט, און ווייל זיי בעהויפטען, אז דא ליגט די סבה פון אלע ארגענטינישע אונגליקען. דער אנגעקלאגטער מוז שטענדיג אויסגעהערט ווערען, ווען ער טרעט אויך אויף אין דער ראלע פון אנ׳אנהלעגער געגען א פאלק.

דאך עהדער מיר געהען איבער צו יק"א, וועט זיין אינטערעסאנט צו ערפאהרען די מיינונג פון די איניציאטארען פון אונזער ארגענטינישער קאלאניזאציע איבער דעם ענין: פון באראן הירש און פראפעסאר לעווענטהאל.

דער לעצטער, וואס איז געוועזן דער ערשטער גרינדער און דירעקטאר פון הירש'ס קאלאניען און וואס פון איהם שטאמט איינענטליך דער גאנצער ארגענטינישער פלאן, האט געהאט די בעסטע מיינונג איבער דעם מענשען-מאטעריאל. נאך דעם ווי ער האט געמוזט זיין שטעלע פערלאזען און הגם מאנכע קאלאניסטען האבען איהם ניט ווענינ פערביטערט, האט ער זיך אבגערופען אויף דעם פריינדליכסטען אופן איבער די קאלאניסטען, האט ערקלערט, אז אין מויריציא האבען זיי בעוויזען די אידישע פעהיגקייט צו מלאכה און לאנדווירטשאפט אין א העכערער מדרגה נאך ווי די קריסטען, ווייל בעת דיזע שכור'ן אפט און ליידען פיעל פון געשלעכטס-קראנקהייטען, צוליעב וואס 10—14 פראצענט פון די קריסטליכע אימיגראנטען זענען ארבייטסאונפעהיג, זענען די אידען ניכטער און פיהרען א ריינעם פאמיליען-לעבען, וואס מאכט מעגליך, אז נאר 1 פראצענט פון זיי טויג ניט צו דער ארבייט.*)

דיזעלבע מיינונג האט געהאט באראן הירש. ער האט געהאלטען, אז די אידען אלס אנפאסונגס-פעהיגער עלעמענט קענען זיך לייכט אריינלעבען אין די נייע פאר זיי פערהעלטנישען פון דער אגריקולטור און נאך ארויסגעבען בעסערע קאלאניסטען ווי די אנדערע נאציאנען.**)

דיזע גוטע מיינונגען זענען עס געוועזן דער יסוד פונ'ם גרויסארטיגען קאלאניזאציאנס-פלאן. און היינט? לייקענט זיי די ערפאהרונג אב? די ערפאהרונג ניט, די יק"א יע. איך רעד ניט פון די אפיציעלע מיינונגען פון יק"א, דען דיזע האלטען אין איין לויבען דעם פלייס און די טיכטיגקייט פון די קאלאניסטען. יק"א בעגנוגענט זיך אבער ניט מיט איין מיינונג איבער דעם קאלאניזאציאנס-עלעמענט, נאר האט גאנצע צוויי מיינונגען, איינע אנ'אפיציעלע, די אנדערע אנ'אונאפיציעלע, ריכטיגער צוויי אפיציעלע, נאר איינע א געדרוקטע אין אנ'עלעגאנטען פראנצויזים פאר דער אויסערער וועלט, די אנדערע א געשפראכענע אין א גראבען דייטשען אדער שפאנישען טאן צו די קאלאניסטען זעלבסט.

---

*) „המליץ" 1892 N. 105.

**) דארט N. 12, הירש אין א אינטערוויו מיט א מיטארבייטער פון „Eclair".

וואָס איין מיינונג בעהויפּטעט, לייקענט די אַנדערע אָב. לאָמיר הערען דעם דיאַלאָג פֿון די צוויי נשמות, וואָס לעבען אין יק״א׳ס ברוסט:

„זיי (די אַרגענטינישע קאָלאָניסטען) אַרבייטען מיט דער הילף „פֿון זייערע ערוואַקסענע קינדער און כמעט לויטער אידישע אַרבייטער, „וואָס די זיכערהייט צו האָבען בעשעפֿטיגונג און די הנאה צו לעבען „אין דער סביבה פֿון גלויבענסגענאָסען ציהען זיי אַלײן צאָהלרייכער אָן „אין אונזערע קאָלאָניען. ווען מיר בעטראַכטען, אַז דער רוב פֿון די „קאָלאָניסטען זענען פֿריהער ניט געווען בעקאַנט מיט דער אַגריקולטור, „קענען מיר זיך ניט אָפּהאַלטען אַנצוערקענען די לייכטקייט, מיט „וועלכער זיי פּאַסען זיך צו צו די בעדינגונגען פֿונ׳ם לעבען און דער „אַרבייט אין אַרגענטינאַ און זיך צו גראַטולירען מיט די גוטע רעזול- „טאַטען, וואָס מיר האָבען ערהאַלטען אין אַזוי ווייניג יאָהרען״.*)

„די צוריקקעהר פֿון די אידען צו דער אַגריקולטור איז אַ נייער „פּראָבלעם, עס האָט אויסגעוויזען, אַז אפילו אין דעם פֿרייהייט צו ווערען „לאַנדווירטען, ווען מען זיי צוערשט מוזען מאַכען פֿעהיג דערצו. די „לעהר-פּראָבע איז געמאַכט געוואָרען אין פּאַלעסטינאַ און אין אַרגענ- „טינאַ. זיי האָבען אַהינגעבראַכט די איינגעשאַפֿטען, וואָס מען האָט זיי „ניט געקאָנט אַוועקנעהמען, די אינטעליגענץ. דעם אַרבייטס-חשק, אנ- „אונטערשטערליכע אויסדויער. היינט זענען זיי גוטע לאַנדווירטען. עס „איז געווען גענוג זיי צו געבען ערד, אַרבייטס-אינסטרומענטען, כדי „זיי זאָלען האָבען גוטע ערפֿאָלגען. דאָס איז אַ זיכערער פֿאַקט, נאָך אַ „לעהרצייט פֿון קוים אַ פֿערטעל יאָהרהונדערט. דאָס איז דערמונטערנד. „דאָס ערלויבט אונז צו געהען פֿאָרווערטס. מיר זוכען נייע לענדער „פֿאַר דער קאָלאָניזאַציע . . . די איינציגע לענדער, וואו די קאָלאָניזאַציע „איז אונמעגליך, זענען די יעניגע, פֿון וואַנענט עס קומען אונזערע קאָ- „לאָניסטען. וויסען גאָר ניט דיזע לענדער, וואָס זיי וואָלטען געוואונען, „ווען זיי וואָלטען זיי געבען צוזאַמען מיט פֿרייהייט, דאָס אייגענטומס- „רעכט, אין וועלכען מען זאָגט זיי אָב? דאָס איז ניט גלאַט אַ „טהעאָרעטישע בעהויפּטונג; זאָלען זיי אונז לעזען און זיך אינפֿאָרמירען: „זיי וועלען זעהען, וויפֿיעל זיי פֿערלירען דערמיט, וואָס זיי בעציהען זיך „ניט מענשליך צו אונזערע גלויבענס-גענאָסען״.**)

„דער ערפֿאָלג פֿון די איינוואַנדערער (אין קאַנאַדאַ) פֿערדיענט „מען זאָל איהם דערמאָהנען, אַ פּשיטא נאָך, אַז זיי האָבען איהם צו פֿער- „דאַנקען זייער אייגענער איניציאַטיווע און אויסדויער . . . די מעהרהייט

*) »Rapport« א. א. וו. 1908, זייט 6.

**) דאָרט, זייט 14.

„פֿון זײ (פֿון די ערשטע קאָלאָניסטען) האָבען ניט געהאַט קײן עקזיס־
„טענץ־מיטלען. זײ האָבען געברויכט אַנ'אױסערגעװעהנליכע ענערגיע,
„כדי צו בלײַבען בײ דער זאַך. כדי אױפֿצובױען זײערע שטיבלעך האָבען
„זײ געמוזט אין װינטער בײ 40 גראַד קעלט געהן זוכען האָלץ. װאָס
„זײ האָבען געבראַכט צו טראָגען אױפֿ'ן רוקען אַ מרחק פֿון 32 קילאָ־
„מעטער. דערנאָך האָבען זײ אַקערפֿעהיג געמאַכט די ערד. אום דערװײַל
„צו לעבען, האָבען זײ בײ טאָג געאַרבײט בײ אַנדערע"...*)

געגען דיזען דאַנקװערטען הלל, װאָס אײן נשמה פֿון יק"א זינגט שטענדיג דעם יודענטום דורך דעם מויל פֿון איהר פּרעזידענט הערן נאַרסיס לעװען אָדער פֿון אַנדערע גדולי־יק"א, אָפּאָנירט איהר צװײטע נשמה, די לאָזט זיך פֿערנעהמען דורך די לעפּצען פֿון איהרע אַרגענטינישע דירעקטאָרען, אַדמיניסטראַטאָרען און אַלערלײ אַגענטען אױף אונגעפֿעהר פֿאָלגענדען נוסח:

איהר רוסישע און רומענישע אידען, איהר אונציװיליזירטע אידען איבערהױפּט זײט ניט װערט קײן טױזענד־חלק פֿון די חסדים, װאָס מען גיסט אױס מיט אַזאַ רײַכער האַנד איבער אײַערע קעפּ. איהר זײט באַנק־קװעטשער, קרעמער, שנאָרער, שװינדלער און װעט עס אײביג בלײַבען. דאָס ליגט אין אײַער נאַטור. דערצו זײט איהר געבױרען. צו אַרבײטען האָט איהר ניט קײן ברעקעל חשק, נאָך װעניגער צו בעאַרבײטען די ערד. פֿון עהרליך פֿערדיענען דאָס שטיקעל ברױט װײסט איהר ניט און װילט איהר ניט װיסען. אויב מיר טהוען ניט אָב פֿון אײַך אונזער גנאָד, איז עס ניט װײַל איהר פֿערדינט עס, נאָר צוליעב אונזער גוטהאַרציגקײט, װאָס האָט גאָר קײן גבול ניט. איהר קלאָגט זיך, װאָס אײַך איז אַזױ שלעכט — לױבט גאָט דערפֿאַר. װען מיר װאָלטען אײַך בעהאַנדעלט לױט אײַער װערט, װאָלט פֿון אײַך קײן שריד ופּליט ניט געבליבען. מיר טהוען אָבער מיט אײַך לפּנים משורת הדין, װײַל איהר זענט אונזערע גלױבענס גענאָסען, הגם מיר זענען אַזױ װײַט פֿון אײַך װי דער הימעל פֿון דר'ערד.

דיזע אַנטיסעמיטישע בעשולדיגונג, װאָס װערט אָהן אַנ'אױפֿהער געשלײדערט די קאָלאָניסטען אין פּנים, װאָלט ניט פֿערדינען קײן תשובה, װען זי װאָלט ניט קומען פֿון אונזערע פֿילאַנטראָפּישע בעגליקער. איך װיל די תשובה ניט געבען אױפֿ'ן יסוד פֿון געשיכטליכע אונטערזוכונגען; איך װיל אױך ניט אָנװײַזען אױף ארץ־ישראל, װאו די אידען האָבען זיך אַרױסגעװיזען אַלס גוטע לאַנדװירטען; איך געה דאָס־גלײַכען אַריבער מיט שטילשװײַגען איבער נאָרד־אַמעריקאַ, װאו עס װאַקסט

---

*) דערזעלבער ראַפּאָרט, 1909, זײט IV.

כסדר די אידישע פארמער־בעװעגונג אָהן פרעמדע הילף אפילו, אויף דעם יסוד פון די ארגענטינישע ערפאהרונגען זאָלען פערשטומט װערען די טענות פון די יק"א־אנטיסעמיטען.

א) קודם כל איז עס אנ'אומבעשטרייטבארער פאקט, אז אין די יונגע יאָהרען מאכען יק"א'ס קאָלאָניען בכלל א בעסערן איינדרוק װי שפעטער, אז ערשט אין די עלטערע יאָהרען װערט דער קאָלאָניזאציאָנס־גייסט אָבגעשװאכט און ס'טרעט אריין די אויבען בעשריבענע אפאטיע און אָבגעלאָזענקייט. װען די סבות פון דעם קריזיס װאָלטען געלעגען דאָרט, װאו די יק"א־טשינאָװניקעס װייזען אָן, אינ'ם מענשען־מאטעריאל, װאָלט דער שכל מחייב געװען, אז מיט דער צייט דארפען זיך די צושטענדע ניט פערערגערן, נאָר פערקעהרט פערבעסערן, װייל װאָס װייטער לעבען זיך דאָך די מענשען איין אין די פערהעלטנישען. די פערקעהרטע ענטװיקלונג מוז האָבען גאנץ אנדערע סבות.

ב) װי מיר האָבען געזעהען, שטאמט א היבשער טייל פון יק"א'ס קאָלאָניסטען פון אונזערע דרום־רוסישע קאָלאָניען. זיי פארצװארפען, אז זיי זענען אונפעהיג צו דער אגריקולטור אָדער, אז זיי װילען ניט ארבייטען — װער װעט האָבען דעם טרויעריגען מוט דערצו? זיי זענען אװעק פון רוסלאנד נאָר װעגען די אונערטרעגליכע לעבענס־בעדינגונגען, װעגען דעם שרעקליכסטען ערד־מאנגעל, װאָס איז נאָך פיעל גרעסער װי ביי די קריסטליכע בויערן. זיי האָבען געזונדע מוסקעלען, זיי זענען פון קינדװייז אָן צו דער פעלד־ארבייט געװאוינט, זיי ארבייטען מיט דעם פלייס פון מוזשיקעס. אונטערשיידעט זיך זייער לאגע אין עפיס פון די אנדערע קאָלאָניסטען? בליהען זיי װעניגסטענס? געפינען זיך ביי זיי ניט יענע אלע סמנים פון צופוילטקייט: פער־אָרעמונג, פערשולדונג, לויפען אין די שטעדט, מיט װעלכע מיר האָבען די קאָלאָניען בכלל כאראקטעריזירט? ניין! זייער מצב איז גענוי װי ביי די אנדערע קאָלאָניסטען, דיזעלבע פראגען און פראָבלעמען בעשעפטיגען זיי װי די אנדערע, דיזעלבע דאגות קװעלען זיי װי זייערע חברים, װאָס בעשעפטיגען זיך צום ערשטען מאָל מיט דער לאנדװירט־שאפט. אויב דער עלעמענט איז נאָך אויך ניט גוט גענוג פאר דער יק"א, דאן װעט זי מיט קיין מענשען־קלאס אין דער װעלט ניט קענען עפיס אויפטהון.

ג) אנ'אנדער ארגומענט, װאָס איך האָב אָנצופיהרען, מוז יאָגען די בעריהמטע יק"א־פילאנטראָפען די רויטקייט פון בושה אין פנים: עס עקזיסטירען אין ארגענטינא אידישע קאָלאָניען אויסער יק"א'ס, אונטער פריװאט־קאפיטאליסטען (ניט־אידען). דאָס זענען: װיללא אלבא אין צענטראל־פאמפא ניט װייט פון באהיא בלאנקא, מעדאנאָס אין דרום פון דער פראָװינץ

בוענעס איירעס און ראָקאַ ביי דעם טייך ריאָ נעגראָ, די ערשטע צוויי וואָס זענען מיר גוט בעקאַנט, געפינען זיך אין אַ גלענצענדער לאַגע און געהערען אַלץ פאָרווערטס. זיי זענען ניט געגרינדעט געוואָרען צוליעב פילאַנטראָפּישע טעמים, נאָר וועגען קאַפּיטאַליסטישע ציעלען. זייערע גרינדער נוצען אויס די אידען, ווי זיי עקספּלאָאַטירען אַנדערע פאָלקס־עלעמענטען. זיי ווייסען גראָד ניט, אַז די אידען זענען אַ פערדאָרבענער סאָרט מענשען און האָבען פערקעהרט צו זיי דעם גרעסטען פערטרויען. אָבער אויך די קאָלאָניסטען זענען העכסט צופרידען און פול מיט האָפנונג אויף דער צוקונפט. איז עס ניט צום ערשטוינען, אַז די יק"א, וואָס אַרבייט לטובת הכלל און נעהמט נאָר 4 פּראָצענט פונ'ם קאַפּיטאַל, איז ניט בכח צו פערשאַפען די קאָלאָניסטען דעם וואָהלשטאַנד, וואָס זיי געניסען ביי פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטען, וועלכע נעהמען 8 פּראָצענט און זענען אויסען די אייגענע אינטערעסען? אונזער ערשטוינען דערגרייכט אָבער די העכסטע מדרגה און פערוואַנדעלט זיך אין אַ פלאַמענדען צאָרן, ווען מען דערוויסט זיך, אַז דיזע גליקליכע מענשען זענען געוועזענע קאָלאָניסטען פון — יק"א, וועלכע האָבען ניט געקענט אויסהאַלטען די כלומרש'טע טובות פון דער אידישער פילאַנטראָפּיע און האָבען געזוכט און געפינען שוין ביי קריסטליכע עקספּלאָאַטאָרען, יע, דיזע קאָלאָניסטען געהערען צו דער גרויסער צאָהל פון די יעניגע, וועלכע האָבען אין דער גאַנצער צייט, וואָס יק"א אַרבייט אין אַרגענטינאַ, געוואָרפען די פאַרמס, נאָר אָנשטאָט, ווי די אַנדערע, צו פערלאָזען דאָס לאַנד אָדער זיך צו בעזעצען אין די שטעדט, האָבען זיי ווייטער געזוכט זייער גליק אין דער לאַנדווירטשאַפט, אין 5—6 יאָהר האָט אַ גרויסער טייל פון זיי אויסגעצאָהלט די חובות צו זייערע קאָלאָניזאַטאָרען, בעת ביי יק"א וואָלטען זי עס אין 20 יאָהר ניט געקענט. דיזע געוועזענע יק"א־קאָלאָניסטען ערקלערען, אַז זיי וואָלטען פאַר קיין פּרייז אין דער וועלט ניט צוריקקעהרען צו דער יק"א, אַלזאָ ניט מחמת אַ מאָמענטאַנער אויפרעגונג זענען זיי פון איהר אַוועק, נאָר וועגען ערנסטע טעמים: ווייל זיי האָבען ביי איהר אויף קיין אופן ניט געקענט גדייהען. ווירקען דיזע טעמים ניט אויך ביי די איבעריגע קאָלאָניסטען, וואָס זענען ביי דער יק"א נאָך פערבליבען?

ד) ענדליך דאַרף מען זיך נאָר צוקוקען צום לעבען און שטרעבען אין די קאָלאָניען ווי אין די שטאָדטישע געהעטאָס, כדי זיך צו איבערצייגען, ווי די בעהויפּטונג מכח דער אידישער אָבנייגונג געגען די לאַנדווירטשאַפט איז אַ פּאַטש אין פּנים פונ'ם אמת. אַ שטאַרקע בענקשאַפט צום נאַטור־לעבען, אַ רייסען זיך צו אַרבייטען אויפ'ן פעלד און מיט די אייגענע מוסקעלען זיך צו פערדינען שווער, אָבער עהרליך

דאָס שטיקעל ברויט, מוז אַלגעמיין פעסטגעשטעלט ווערען. ווי קען מען האָבען דעם שטערן צו רעדען אין אַ טאָן פון פעראַכטונג איבער מענשען, וועלכע ווערען אויפגעצעהרט פון אַן׳אונגעשטילטען ערד־הונגער, וועלכע זענען גרייט צו ברענגען די גרעסטע קרבנות, אבי צו בעקומען די מעגליכקייט אַנצווענדען און צו ענטוויקלען אַלע זייערע פיזישע און מאָראַלישע קרעפטען אויפ׳ן קאָלאָניזאַציאָנס־געביעט? ווען מיר האָבען פריהער גערעדט פונ׳ם אָפטען פערלאָזען די קאָלאָניען, איז עס ניט געווען גענוי אויסגעדריקט. די מענשען פערלאָזען ניט די קאָלאָניען, נאָר ווערען פון דאָרט פערשטויסען, געגען זייער ווילען און מיט אַ בלוטבלוטענדען הארצען פערשטויסען. מיר האָבען שוין אויבען געזעהען, ווי גרויס עס איז די צאָהל פאַמיליען פון די קאָלאָניזאַציאָנס־קאַנדידאַטען, דאָס הייסט פון די מענשען, וואָס וואַרטען לאַנגע יאָהרען מיט דער גרעסטער אונגעדולד צו ווערען קאָלאָניזירט.

עס וועט אונז נאָך אויסקומען דערפון ברייטער צו רעדען, דערווייל וויל איך בלויז נאָך בעמערקען, אַז דער ערד־הונגער וואַקסט מיט׳ן עלטער פון די קאָלאָניען, ווי מען קען זיך איבערצייגען פון דער פאָלגענדער טאַבעלע:

בעפעלקערונג אין 1908

קאָלאָניעס	קאָלאָניסטען פאַמיליען	פאַמיליען פון קאָלאָניזאַציאָנס־קאַנדידאַטען: קאָלאָניסטישע קינדער	פרעמדע	צוזאַמען	% פון קאַנדידאַטען־פאַמיליען צו קאָלאָניסטען־פאַמיליען
סאַנטא איזאַבעל (יונגסטע קאָלאָניע, געגרינדעט 1908)	47	—	—	—	—
באַראָן הירש (יונגע קלאָניע, געגרינדעט 1905)	129	14	43	57	44
מאָזעסוויל	375	136	129	265	71
מוריציא	243	74	170	**244**	**100**
קלארא	522	109	198	307	59
סאַן אַנטאָניאָ	128	23	14	37	29
ליסיענוויל	**243**	82	203	**285**	**122**
סך הכל	1678	438	757	1195	71

דיזע ציפערן ווייזען אויף אַ גרויסען ערד־הונגער אין די קאָלאָניען, וואָס וואַקסט אַלין מעהר און מעהר און וואָס דערגרייכט אין די אַלטע קאָלאָניען מאַנכמאָל זאָגאַר די מדרגה, אַז די צאָהל פון די קאַנדידאַטען צום קאָלאָניזירען שטייגט אַריבער די צאָהל קאָלאָניסטען. ווען אין סאַן אַנטאָניאָ איז דאָס מיספערהעלטניס קלענער, איז עס

נאָר, װײַל דאָרט זענען ניט לאַנג צוריק מעהרערע נײַע פֿאַמיליען אײַנגעאָרדענט געװאָרען. די אָנגעפֿיהרטע ציפֿערן דריקען אָבער נאָך ניט גענוג אױס דעם ערד־הונגער, װײַל זײ רעדען בלױז פֿון פֿאַמיליען, דאָס הײסט פֿון פֿערהײראַטע פּערזאָנען און װײַל דאָרט זענען אַרײַן בלױז די יעניגע פֿאַמיליען, װאָס האָבען נאָך ניט פֿערלאָרען די געדולד, װאַרטענדיג אין דער גרעסטער דחקות. װען מען זאָל אױפֿשטעלען אַ סטאַטיסטיק פֿון יענע, װאָס זענען אַװעק, אָבער װאָס זענען גרײט יעדען מאָמענט צוריקצוקעהרען, װען זײ זאָלען נאָר האָבען די מעגליכקײט צו ערװערבען אַ פֿאַרם, װאָלט מען בעקומען גאַנץ אַנדערע ציפֿערן.

די אַלע אױסגערעכענטע ערשײנונגען פֿערלירען גאָר נישט פֿון זײער בעװײז־קראַפֿט דורך דעם, װאָס דער אָדער יענער קאָלאָניסט האָט זיך פֿיליכט װירקליך אַרױס־געװיזען אַלץ אונפֿעהיג פֿאַר דער קאָלאָניזאַציע און איז טאַקי ניט געשטאַנען אױף דער הױך פֿון זײַנע אױפֿגאַבען. מיר רעדען ניט פֿון אײנצעלנע פּערזאָנען און װען זײער צאָהל זאָל אַפּילו זײַן אַ גרױסע. װאָס אונז אינטערעסירט, איז דער כלל. בײַם גרױסען דראַנג צו קאָלאָניזאַציע דאַרף אַן אידישע קאָלאָניזאַציאָנס־אונטערנעהמונג ניט געהען צו גרונד צוליעב מאַנגעל אין אַ פּאַסענדען מענשען־מאַטעריאַל. די קאָלאָניזאַציע דאַרף נאָר זײַן אַװעק־געשטעלט אַזױ, אַז זי זאָל אָנציהען דעם גוטען עלעמענט, אַז די פֿאַרמס זאָלען אַרײַנפֿאַלען אין די הענד פֿון די „בעסטע לאַנדװירטען".

2. פֿאָראױסזעצונגען און כללים פֿון דער אידישער קאָלאָניזאַציע.

מיט די אױבערשטע פֿונאַנדערלעגונגען בין איך גיט אױסען געװען צו לײקענען, אַז די קאָלאָניזאַציע שטעלט בײ אונז פֿאַר אַ שװערען, פֿער־װיקעלטען פּראָבלעם, אַז די צוריק־קעהר פֿון די אידען צו דער נאַטור און צו דער אַגריקולטור, איז אַ גאַנץ שװערע אױפֿגאַבע. איך בין נאָר אױפֿגעטרעטען געגען די אַלגעמײנע און אונבעדינגטע פֿעראורטײלונג פֿון אונזער קאָלאָניזאַציאָנס־מאַטעריאַל.

געװיס, דאָס צוריקברענגען די אידען צו דער לאַנדװירטשאַפֿט איז ניט קײן לײַכטע זאַך. מען דאַרף אָבער פֿון אײן זײַט ניט איבער־שאַצען אונזערע חסרונות און פֿון דער אַנדער זײַט ניט אונטערשאַצען אונזערע מעלות. עהדער מיר געהען איבער אָבצואװעגען דיזע חסרונות געגען די מעלות און צו אונטערזוכען, װי עס לאָזט זיך שאַפֿען אַני־אױסגלײַך צװישען זײ, װעט נױטיג זײַן פֿאָרױסצושיקען אײניגע אַלגעמײנע בעמערקונגען.

די פֿראַגע מכח דער פֿעהיגקײט אָדער אונפֿעהיגקײט פֿון די אידען צו דער לאַנדװירטשאַפֿט װערט, װי מיר שײנט, צו אַבסטראַקט און צו אַלגעמײן געשטעלט. דערפֿון שטאַמען פֿיעלע פֿאַלשע שלוסען. ריכטיג

קען דיזע פֿראַגע בעהאַנדעלט ווערען נאָר, ווען אַלע אומשטענדען ווערען גענומען אין בעטראַכט.

די אידען, ווי יעדער אַנדער פֿאָלקס־עלעמענט, זענען פֿעהיג צו יעדען סאָרט פּראָפֿעסיאָן און צו בייטען דעם לעבענס־שטייגער לויט די בעדערפֿניסען, ווי יעדער אַנדער פֿאָלקס־עלעמענט. ווועלען זיי אָבער אויך ניט בייטען זייער אופֿן פֿון לעבען און די אַרטען פֿון זייער בעשעפֿטיגונג אָהן אַ בעדערפֿניס, אָהן אַ צווינגענדע נויטווענדיגקייט. דיזע נויטווענדיגקייט ליגט אין דער שטרעבונג איבערצוגעהען צו העכערע און ברייטערע לעבענס־מעגליכקייטען. זענען די לעבענס־מעגליכקייטען אויפֿ'ן נייעם טעטיגקייטס־פֿעלד ניט העכער און ברייטער ווי אויף דעם אַלטען אָדער ניט אויף אַזוי ווייט, אַז עס זאָלען זיך לוינען אַלע מאַטערנישען פֿונ'ם איבערגאַנג, דאַן וועלען זיי בלייבען ביי זייערע אַלטע בעשעפֿטיגונגען. אין דער סאָציאַלער וועלט איז עס ווי אין דער פֿיזיקאַלישער: אַליך שטרעבט צום אָרט פֿונ'ם קלענערען דרוק.

כדי די אידען זאָלען איבערגעהען צו דער לאַנדווירטשאַפֿט, דאַרפֿען זיי אַלזאָ האָבען די אויסזיכטען צו פֿערגרעסערן די אַלגעמיינע סומע פֿון זייער לעבענס־גליק. איז אָבער דיזע בעדינגונג ערפֿילט, שטעלט די קאָלאָניזאַציע ווירקליך פֿאַר זיי פֿאָר אַ העכערע שטאַפֿעל אויף זייער סאָציאַלער לייטער, דאַן וועלען זיי זיך אַהין ווענדען מיט דער נויטווענדיגקייט פֿון אַ נאַטור־געזעץ. אָהן דעם דאַגעגען וועט דער קאָלאָניזאַציאָנס־געדאַנק ביי אונז בלייבען אַ פֿאַנטאַזיע פֿון יחידים, אַ אידעאַל אָהן בלוט און פֿלייש. דערפֿון פֿאָלגט, אַז רעדען סתם אין דער וועלט אַריין פֿון אַ אידישער קאָלאָניזאַציע, ניט נעהמענדיג אין בעטראַכט די צייט, דעם אָרט און די אומשטענדען, הייסט טאַפּען אין דער פֿינסטערניש. וואָלט עס האָבען, למשל, אַ זין צו טראַכטען מכח קאָלאָניזירען די דייטשע אָדער פֿראַנצויזישע רייכע אידען? זיי וואָלטען העכסטענס קענען ווערען לאַנדבעזיצער, אָדער ניט לאַנדווירטען. ניט מעהר ערפֿאָלג וואָלט קענען דערגרייכט ווערען מיט אַ קאָלאָניזאַציע פֿון אונזערע פֿעראָרימטע גאַליציאַנער ברידער אין גאַליציען גופא, ווען מען זאָל אפילו אַלע אַנדערע מעגליכע שטערונגען זיך פֿאָרשטעלען אַלס בעזייטיגט. אַראָבזינקענדיג צו דער ראָלע פֿונ'ם פֿערשקלאַפֿטען רוטענישען אָדער פּוילישען בויער, וואָס וואָלטען זיי דאָ אויסגעביטען? אין די נייע לענדער ווידער, וואו די אגריקולטור בעדייט פֿאַר די אייראָפּעאישע איינוואַנדערער אַ ווירטשאַפֿטליך־סאָציאַלעס אויפֿשטייגען, האָבען מיר ניט וואָס צו דענקען פֿון אַן ערנסטער קאָלאָניזאַציאָנס־בעוועגונג, אַזוי לאַנג און אַזוי ווייט ווי די שטעדט זענען פֿאַר די

אידען געגוג אויפנאהמספעהיג. עס וואלט נאר הייסען קעמפפען געגען ווינד־מיהלען, ווען מען זאל וועלען די מאסען ברענגען דערצו, צו מאכען א געוואלטיגע פערענדערונג אין זייער לעבענס־שטייגער, כל זמן זיי זענען אימשטאנד אין די שטעדט צו געפינען פרנסה בכבוד. ווער וועט אבער זיך ספק'ן, אז די אמעריקאנער שטעדט האבען זיך שוין מייסט „איבערגעגעסען" מיט אידען, אז דארט זענען שוין ענטשטאנען אין די אידישע קווארטאלען צושטענדע, וואס זענען אפט ניט בעסער פאר די מזרח־אייראפעאישע, פון וועלכע די אידען האבען זיך געראטעוועט אויף דער צווייטער זייט פונ'ם אקעאן די פארמער־בעוועגונג ענטשפרעכט היינט א וואקסענדען בעדערפניש פון די אמעריקאנישע אידען. וואו דיזעס בעדערפניש ווייזט זיך ארויס, מוז זיך שוין אויך געפינען דער מענשען־מאטעריאל. וואס איז נוגע ארגענטינא, האבען די שטעדט דארט א פערהעלטניסמעסיג פיעל קלענערע בעדייטונג פאר די אידען ווי אין דער נארד־העלפט פון דער נייער וועלט, און עס קען אויף קיין אופן ניט בעהויפטעט ווערען, אז די שטעדט ציהען צו די אידען פון די קאלאניען, נאר פערקעהרט, אז די קאלאניען שטויסען אב זייערע איינוואהנער אין די שטעדט, וואס עס ברענגט צו זעהר טרויעריגע רעזולטאטען, ווי מיר וועלען ווייטער זעהען. אז די קאלאניזאציע איז אנ'עקזיסטענץ־בעדערפניש פונ'ם ארגענטינישען יודענטום ווערט בעשטעטיגט דורך טויזענדער ערשיינונגען פונ'ם לעבען. דאס קלאגען זיך איבער דעם מענשען־מאטעריאל מצד די קאלאניזאטארען בעווייזט דעריבער אין בעסטען פאל, אז פאר זיי איז דער מאטעריאל ניט פאסענד, אז זיי פערשטעהען ניט, וואס מיט איהם אנצוהויבען, איז אלזא א בעווייז נאר געגען זיי, ניט געגען די מענשען, וועמען זיי קאלאניזירען. בקצור: עס קען בכלל ניט זיין די פראגע, אויב, נאר ווי; א אידישע קאלאניזאציע איז מעגליך. די, וואס האבען ניט קיין תשובה אויפ'ן „אויב", וועלען מיט'ן „ווי" קיינמאל ניט פארטיג ווערען.

ווי זאל מען אידען קאלאניזירען? אזוי ווי זיי שטעהען און געהען; מען דארף זיי נעהמען ווי זיי זענען און דעם ענטשפרעכענד ארבייטען. מיט אנדערע ווערטער: מען מוז צופאסען דעם קאלאניזאציאנס־אפאראט צו אונזער פאלקס־כאראקטער, ניט פערקעהרט. אויב די קאלאניזירענדע פאקטארען שטעלען זיך דאס ציעל צו ערציהען דעם עלעמענט, דארפען זיי ניט זוכען אויסצוראטען זיינע חסרונות, וואס וועט זיי קיינמאל ניט געלינגען, ווי עס איז ניט געלונגען דעם קאטהאליציזם צו טויטען דאס „פלייש" אינ'ם מענשען, נאר מוזען זיך סטארען צו פערוואנדלען די חסרונות אין מעלות, ד. ה. זיי צו לאזען ווירקען אין א גוטער ריכטונג.

וועלכע פעהלער האבען מיר דען פאר דער קאלאניזאציע?

מאַנגעל אין פֿיזישער ענטוויקלונג, מאַנגעל אין ערפֿאַהרונג, ניט־געוואָהנהייט צו לעבען און אַרבייטען אין אַ נאַטור־סביבה, די נייגונג צו אינטעליגענטע פּראָפֿעסיאָנען, האַנדעלס־גייסט. פֿון אַלע דיזע אייגענטימליכקייטען אונזערע זענען נאָר די ערשטע ווירקליכע פֿעהלער, בעת די אַנדערע זענען עס נאָר שיינבאַר, אָבער אין אמת'ן געהערען זיי צו אונזערע מעלות, קענען בעדייטענד אָבשוואַכען די ווירקונגען פֿון די אמת'ע חסרונות און בילדען אָנשטאָט שטערונגען — טרייבקרעפֿטען פֿון דער קאָלאָניזאַציאָנס־בעוועגונג.

די פֿיזישע אָבגעשטאַנענקייט פֿון אונזערע מאַסען איז אַן אונבעשטרייטבאַרער פֿאַקט, דאָך ווערט זי פֿון איין זייט צו איבערטריבען, פֿון דער אַנדער זייט ווערט איהר בעדייטונג איבערגעשעצט. אין דער לאַנדווירטשאַפֿט איז גאָר ניט נויטיג אַזאַ סומע פֿון פֿיזישער קראַפֿט ווי מאַנכע גלויבען. דעם פּלוג ציהט שליסליך די בהמה, ניט דער מענש. די אידען טהוען אָפֿט אין די שטעדט שווערערע אַרבייטען ווי דער בויער, בעזונדערס פֿון די מאָדערנע לענדער. מען דאַרף ווייטער ניט פֿערגעסען, אַז ווען די פֿעלד־אַרבייט פֿערבּרויכט פֿיעל קראַפֿט, איז זי אויך פֿון דער אַנדער זייט די גרעסטע קראַפֿט־שפּענדערין. דער בויערן־קלאַס איז שטענדיג געווען און איז עד היום דער קראַפֿט־רעזערוואואַר פֿון דער נאַציאָן. דאָס, וואָס די אידען פֿערלירען פֿיזיש אין דער לאַנדווירטשאַפֿט, נעהמען זיי פֿון איהר אַרויס צעהן און הונדערט מאָל אַזוי פֿיעל צוריק. אין די לופֿט־ און ליכט־בעדער פֿונ'ם פֿעלד־לעבען ווערט אונזער צעקאַלעטשעטע ראַסע ניי געבוירען. דאָס האָבען בעוויזען די ערפֿאַהרונגען איבעראַל, אויך אין אַרגענטינאַ, בעזונדערס אין די פֿרייע קאָלאָניען. צום סוף וואַקסט דאָך אַלץ מעהר אויך אויף דעם אַגריקולטורעלען געביעט די בעדייטונג פֿון דער גייסטיגער טעטיגקייט אויפֿ'ן חשבון פֿון די ריינע מוסקעל־אָנשטרענגונגען און די לאַנדווירטשאַפֿט פֿערענדערט זיך אַלזאָ וואָס ווייטער אין דער ריכטונג פֿון אונזער פֿאָלקס־כאַראַקטער.

ערפֿאַהרונגען אין דער אַגריקולטור פֿעהלען אונז אין גאַנצען. בעת דער קריסטליכער איינוואַנדערער, מיט וועמען אונז קומט אויס צו קאָנקורירען, ברענגט מיט אין דער נייער היים אַ גאַנצען אוצר פֿון ערפֿאַהרונגען, וואָס ער האָט בעקומען בירושה און וואָס ער האָט נאָך אַליין פֿערמעהרט דורך אייגענע ערלעבנישען, שטעהען מיר מיט לעדיגע הענד אויף דעם נייען פֿאַר אונז טעטיגקייטס־פֿעלד. דערמיט איז ער פֿאַר אונז אַ מהלך פֿאָראויס. דאָך איז די תורת אַגריקולטור ניט אין הימעל און ניט מעבר לים, מען קען איהר אויסלערנען, און ווער איז נאָך צום לערנען אַזאַ בעלן ווי מיר? איבריגענס מוז אויך דער איינגעוואַנדערטער

בויער לערנען, ריכטיגער איבערלערנען, ווייל די אגריקולטור איז דאך ניט איבעראל גלייך און אונטערשיידעט זיך גאנץ שטארק אין נייע עקסטענסיווע בעארבייטע לענדער פון'ם אייראפעאישען סיסטעם. דער קריסטליכער בויער-אימיגראנט האט, אמת, ווייניגער פאר אונז צו לערנען, דערפאר אבער בעזיצט ער א גראבען און א קאנסערוואטיווען מח און ווארפט שווער אוועק פעראלטעטע געוואהנהייטען און ארבייטס-מעטהאדען. עס דארף ניט לאנג דויערן, אז דער פלינקער אידישער קאפ זאל איהם דעריאגען און אריבעריאגען.

מיר זעהען אלזא, דאס די אידען פערמאגען אין זייער איינגעבארענער אינטעליגענץ א קאפיטאל, מיט וועלכען זיי קענען טיילווייז אויסגלייכען זייערע חסרונות אין אנדערע בעציהונגען. מיר וועלען אבער בעקומען א ריכטיגען אורטייל מכח דיזע פאקטארען, ערשט ווען מיר וועלען זיך איבערצייגען, וואס פאר א אויסערארדענטליך וויכטיגע ראלע די אינטעליגענץ איז בערופען צו שפילען אין דער לאנדווירטשאפט. עס איז דער גרעסטער אונזין צו גלויבען, אז אונזער נייגונג צו אינטעליגענטע פראפעסיאנען, אונזער אינטעליגענץ איז א שטערונג פאר דער קאלאניזאציאנס-בעוועגונג. דער גראדער היפוך דערפון איז דער אמת. געוויס, ווען מען שטעלט זיך פאר אונטער דעם קאלאניסט א קאפלאזען רוסישען מוזשיק, דאן וועט עס אונמעגליך זיין צו שאפען ביי אונז א בויערן-קלאס אין א חשוב'ער צאהל. אבער די קאלטורלאזיגקייט איז אזוי ווייניג א נויטווענדיגער בעשטאנדטייל פון דער לאנדווירטשאפטליכער טעטיגקייט ווי, למשל, מאנכמאל א הויקער ביים מענשען. דארף מען עס ערשט בעווייזען, אז נאר צוליעב דעם, וואס די נצחונות פון דער קולטור זענען נאך ווייניג דערגאנגען צום בויערנטום, איז די לאנדווירטשאפט בכלל אבגעשטאנען, בעזונדערס אין שלעכטרעגירטע לענדער? אין דער אמת'ן פאדערט קיין פראפעסיאן פון'ם יחיד ניט אזא סומע פון גייסטיגע כחות ווי די לאנדווירטשאפט, ווען זי איז נאר ריכטיג אוועקגעשטעלט. דער שטאדטישער ארבייטער איז אנ'אויטאמאט, וואס הזר'ט שטענדיג איבער איין און דיזעלבע איינגעאיבטע בעוועגונגען, ביי וועלכע דער גייסט שלאפט. דער קאלאניסט להיפוך מוז אימער האבען א קלארען, וואכען מח. ער מוז קענען די אייגענטימליכקייטען פון דער נאטור, פון'ם קלימא, פון דער ערד און מוז זיך לויט דעם אלעמען ריכטען אין זיין ארבייטס-פלאן; ער מוז זיך קליגען געגען די קאפריזען פון דער בהמה, וואס האט אויך איהר קאפ; ער מוז קענען אלע מיטלען צו דער בעקעמפפונג פון פיה-קראנקהייטען, שעדליכע געוויקסען און אינזעקטען; ער פיהרט א פיעלזייטיגע ווירטשאפט און מוז בעזיצען פערוואלטונגס-טאלענט; ער מוז מיטגעהן מיט די

פֿאָרטשריטען פֿון דער טעחניק און זיך וויסען ווי צו בענוצען מיט די הילפֿס-מיטלען, וואָס די וויסענשאַפֿט ליפֿערט איהם שטענדיג אויפֿ'ס ניי. די לאַנדווירטשאַפֿט האַלט אין איין רעוואָלוציאָנירען און נאָר דער קאָנסערוואַטיווער זין פֿונ'ם בויער האַלט אויף איהר ענטוויקלונג. וואָס פֿאַר מוסטער-ווירטען וואָלטען דערביי קענען ווערען די אידען, וואָס שטייגען אריבער די קריסטליכע בויערן מיט אַ גאַנצען קאָפּ! עס איז אַ ריינעם מיספֿערשטענדניס, ווען מען מיינט, אַז אַלס קינדער פֿונ'ם „עם הספר" קענען מיר זיך ניט איינלעבען אין די לאַנדווירטשאַפֿטליכע פֿערהעלטניסען. פֿערקעהרט, אַלס אַזוינע קענען מיר אויך דעם „ספר", דאָס וויסען אַריינפֿיהרען אין דער לאַנדווירטשאַפֿט און איהר אַרויפֿברענגען אויף די דענקבאַר העכסטע מדרגה, אויב נאַטירליך מיר ענטשליסען זיך צו ווערען לאַנדווירטען. איך זאָג „אויב", וויל דאָ ליגט אייגענטליך דער שרש פֿונ'ם מיספֿערשטענדניס. אַלס גייסטיג רעגזאַמעס פֿאָלק געפֿינען מיר אָפֿט גיכער ווי אַנדערע אַרויס אַנדערע פרנסה-קוועלען. ווער עס האָט זיך אָבער ענטשלאָסען צו זוכען זיין גליק אין דער לאַנדווירטשאַפֿט און איז שוין צוגעבונדען געוואָרען צו זיין נייער בעשעפֿטיגונג דורך געוואָהנהייט אָדער בעזיץ, ווענען דעם קען נאָר אַ בלינדע פֿערעהרונג פֿונ'ם גראָבען מה אָננעהמען, אַז זיין אינטעליגענץ וועט איהם שאָדען אָנשטאָט אויסעראָרדענטליך צו נוצען.

אין פֿערבינדונג מיט אונזער אינטעליגענץ שטעהט נאָך אַ פֿאַקטאָר, וואָס קען ניט גענוג הויך אָבגעשאַצט ווערען: אונזער שטאַרקע אידעאַל-פֿעהיגקייט. קיין פֿאָלקס-עלעמענט ברענגט ניט מיט צו דער לאַנדווירטשאַפֿט אַזאַ רייכען פֿאָרראַט פֿון אידעאַליזם, פֿון גייסטיגע אינטערעסען ווי מיר. אויך דאָס זאָל כלומר'שט זיין א שטערונג, פֿאַר יק"א ווענינגסטענס. זי האָט אַ מאָדנעם מיסטרויען צו אידעאַליסטען. עס איז נאָך גאָר ניט וויט די צייט, ווען איהרע בר סמכא'ס פֿלעגען יעדען, וואָס פֿלעגט קומען זיך מעלדען צום קאָלאָניזירען, אַרומטאַפּען די הענד צו זעהען זייי, חלילה, ניט צו איידעל און ווען דער עקזאַמען איז ניט אויסגעהאַלטען געוואָרען, פֿלעגען ניט העלפֿען די בעסטע רעקאָמאַנדאַציעס. דאָס לעבען האָט אָבער דאָ אויך געוויזען דעם כח פֿון גייסט. גראָד דער קלאַס מענשען, האָט געגעבען די גלענצענדסטע פּראָבען פֿון קאָלאָניזאַציאָנס-פֿעהיגקייט און זיך אַרויסגעוויזען אַלס אויסדויערנדסטער, בעת דער נאָר פֿיזיש ענטוויקלטער איז גרייט צו וואַרפֿען די פֿאַרם-בעשעפֿטיגונג, ווען איהם דוכט זיך אויס, אַז אין דער שטאָדט וועט ער מאַכען אַ בעסערען לעבען, איז דער אינטעליגענט פֿעהיג צו בלייבען אויפֿ'ן אָרט, ביז דאָס גאַנצע געביידע פֿאַלט איהם ניט צוזאַמען

איבער'ן קאָפּ. ווי ווייט דער אידעאַליזם איז צווישען אונזערע אַרגענטינישע קאָלאָניסטען פֿערשפּרייט, בעווייזט דער פֿאַקט, אַז מען הערט אָפֿט די איינפֿאַכסטע צווישען זיי רעדען פֿון דער קאָלאָניזאַציע אַלס פֿון אַ פֿאָלקס־אידעאַל און אַז זיי פֿיהלען זיך מייסט אַלס אידישע פּיאָנירען.

צו אונזערע מעלות מוז אויך גערעכענט ווערען אונזער האַנדעלס־טאַלענט, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס ווערט אויך אויפֿ'ן ערשטען אויגענבליק ניט קלינגען. מיט אונזער גרעמער־גייסט איז עס ווי מיט אונזער אינטע־ליגענץ. ביים אויסקלויבען צווישען אַ מסחר־פּראָפֿעסיע און לאַנדווירט־שאַפֿטליכער בעשעפֿטיגונג וועט אונז דיזער נאַציאָנאַלער חאַראַקטערצוג אונזערער, וואָס מיר האָבען אין דער גלות־פּעריאָדע ערוואָרבען, גיכער שטויסען צו דער ערשטער, צום האַנדעל; האָבען מיר זיך אָבער דורך די נויט אָדער דורך אַ אינערען דראַנג איבערגעגעבען צו דער לאַנדווירט־שאַפֿט, דאַן זענען מיר צוליעב אונזער געניטקייט אין מסחר פֿיעל פֿאָראויס פֿאַר די בויערן פֿון אַנדערע נאַציאָנען. דער בויער איז אויך גלייכצייטיג אַ הענדלער און ווערט עס אין אַנ'אַלין העכערער מדרגה, וואָס מעהר די לאַנדווירטשאַפֿט ווערט אַ פּראָדוקציאָן פֿאַר'ן מאַרק. אין נייע לענדער שפּילט די פּראָדוקציאָן פֿאַר'ן אייגענעם געברויך אַ גאַנץ אונטערגעאָר־דענטע ראָלע. ביים קויפֿען און פֿערקויפֿען וועט דער איד גיכער קענען אויסמיידען די צווישען־הענדלער און ער וועט האָבען אַ בעסערען איבערבליק איבער'ן מאַרק און אַלזאָ זיך לייכטער צופּאַסען צו די שוואַנקענדע מאַרק־פּרייזען. מיט אַנדערע ווערטער: ער וועט ביי גלייכע בעדינגונגען קויפֿען ביליגער און פֿערקויפֿען טייערער.

עס בלייבט אונז נאָך צו זאָגען אַ פּאָר ווערטער איבער אונזער ניט־געוואָהנהייט צו לעבען אין אַ נאַטור־סביבה. מיר שיינט, אַז דאָס איז ביי אונז די גרעסטע מניעה פֿאַר דער פֿערווירקליכונג פֿון דעם קאָלאָ־ניזאַציאָנס־געדאַנק. קיין זאַך שרעקט אַזוי ניט אָב דעם נאַטור־ענטוואוהנטען אידען ווי די „מורא פֿאַר דער פּוסטקייט" פֿונ'ם פֿעלד־לעבען. פֿאַר דעם קריסטליכען בויער איז די נאַטור ניט פּוסט, ווייל אַלץ דערוועקט ביי איהם אינטערעס. ער איז פֿערטרויט מיט יעדען גרעזעל און בלימעל, ער זעהט איבעראַל לעבען און בעוועגונג, ער ליעבט דעם בוים און די בהמה ווי אַ ברודער, ער פֿיהלט זיך צונויפֿגעוואַקסען מיט דער נאַטור, אַלס טייל פֿון איהר, זי איז זיין מוטער, איהם צעשמעלצט דאָס האַרץ אין איהרע אומאַרמונגען. ביים איד דאַגעגען זענען דורך אַ לאַנגען שטאָדטישען לעבען די אויערן ווי פֿערשטאָפּט און די אויגען ווי פֿערמאַכט פֿאַר דעם פֿיעלפֿאַרביגען און טאָנרייכען לעבען אין דער נאַטור און זיין בעציהונג צו דער לאַנדווירטשאַפֿט איז אין אָנהויב אַ קאַלטע, אַחשבונ'דיגע. הגם דער איד דערשמעקט אויך באַלד דעם „ערד־גערוך" און בעקומט אַ שטאַרקע

ליעבע צום שטיקעל ערד, קען ער, ווי שוין געזאגט, אהן די סביבה פון מענשען ניט אויסקומען. עס מוז זיין די אויפגאבע פון א קלוגער אידישער קאלאניזאציאנס-פאליטיק צו העלפען שאפען א שטעדטעלדיגע אטמאספערע אין די קאלאניען, צי בעגינסטיגען דאס נאהענטע וואוינען פון די קאלאניסטען און די שאפונג פון אלערליי פעראיינען, וואס זאלען זיי איינע צו די אנדערע דערנעהנטערן, כדי אונזער נייגונג צום געזעל-שאפטליכען לעבען זאל אונז ניט פערשאפען קיין אומזיסטיגע שמערצען און אונז ניט פערשווערען דאס איינלעבען זיך אין די נייע פאר אונז פערהעלטניסען. ווען מען בערעכענט, וואס פאר א וואקסענדע בעדייטונג די קאאפעראטיווע בעוועגונג האט בעקומען אין דער אגריקולטור, ווערט מען בעגרייפען, אז אונזער סאציאלער כאראקטער קען אונז דא טהון די גרעסטע טובות. אין דער אמת'ן האט דיזע בעוועגונג ביי קיין פאלקס-עלעמענט ניט אזוי פיעל אויסזיכטען אויף ערפאלג ווי ביי אונז, ווען נאר די אנדערע בעדינגונגען זענען דערצו געגעבען.

וועגט מען אב אלע אונזערע חסרונות געגען אונזערע מעלות, דאן איבערצייגען מיר זיך, אז די ערשטע קענען אויסגעגליכען אדער ווענינגסטענס שטארק איינגעשרענקט ווערען דורך די לעצטע. דער איינציגער תנאי דערביי איז נאר, אז אונזערע גוטע אייגענשאפטען זאלען טאקי האבען די מעגליכקייט ארויסצוטרעטען אין זייער פולסטען גלאנץ. האט יק"א דיזען תנאי ערפילט, האט זי געלאזט אויסוואקסען אונזער עלעמענט צו דער הויך, וואס ער קען דערגרייכען?

מיר האבען געזעהן, אז ניט אין דעם לאנד און ניט אין דעם מענשען-מאטעריאל ליגען ניט די סבות דערפון, וואס צווישען די ערווארטונגען און די ערפילונגען פון אונזער ארגענטינישער קאלאניזאציע געניצט אזא געוואלטיגער תהום. פון די דריי פאקטארען, וואס קומען פאר דער פראגע אין בעטראכט, איז אונז געבליבען נאר איינער, די יק"א אלס קאלאניזאטארין, ביי איהר מוזען מיר זוכען די אורזאכע פונ'ם פיאסקא.

IV. דער פילאנטראפישער פעאדאליזם.

ווען אויפ'ן ערשטען קוק האט עס אונז אויסגעוויזען, אז דאס גאנצע ארגענטינישע קאלאניזאציאנס-ווערק פון יק"א פערדאנקט זיין עקזיסטענץ איהר קינסטליכער אונטערשטיצונג, אז נאר איהר שיצענדע און העלפענדע האנד דערהאלט די קאלאניסטען ביים לעבען און פערמעהרט נאך זייער צאהל, קומען מיר נאך א גענויער אונטערזוכונג פון די פערהעלטניסען, נאך אנ'אמת'ע בעלייכטונג פון די פאקטען צו גאנץ אנדערע ענטגעגענגעזעצטע אורטיילען. מיר איבערצייגען זיך דאן,

אַז ווען אונזער אַרגענטינישע קאָלאָניזאַציע איז אַ קינסטליכער פּראָדוקט, איז עס ניט אין דעם זין, דאָס קינסטליך עקזיסטירט און ענטוויקעלט זיך, נאָר אַז קינסטליך ווערט זי צוגעפּרעסט אין אײַזערנע צוואַנגען און אויפגעהאַלטען אין דער ענטוויקלונג; אַז ניט אַ דאַנק די בעמיהונגען פון יק"א „בליהט" זי, נאָר צוליעב איהר פערוועלקט זי; אַז ניט די יק"א איז די סבה פון איהר וואַקסען, נאָר דערפון, וואָס זי בלײַבט בײַ איהר ליליפּוטען־וואוקס; אַז ניט דורך דער פילאַנטראָפּיע ווערט זי אָבגעהיט פון אונטערגאַנג, נאָר דורך איהר געטריבען צום רוין.

די סבות פונ'ם אַרגענטינישען פיאַסקאָ זענען אָביעקטיווע און סוביעקטיווע, זיי ליגען אינ'ם קאָלאָניזאַציאָנס־סיסטעם און אין די פּערזאָנען, וואָס האָבען דעם סיסטעם געשאַפען, פיהרען איהם דורך אָדער מיסברויכען איהם. עס איז ניט אונזער אויפגאַבע און נייגונג זיך צו בעשעפטיגען מיט פּערזאָנען־קריטיק, נאָר גאַנץ אונפערמיידליך איז זי דאָ ניט, ווײַל אָהן איהר וואָלט די אונטערזוכונג בלײַבען אונפאָל־שטענדיג און דער סיסטעם אַליין אינפערשטענדליך. דער סיסטעם איז דאָך נאָר דער אופן, ווי די מענשען פערווירקליכען זייער ווילען, אויסגעבענדיג דערביי די מעגליכסט קלענסטע סומע פון ענערגיע. אָהן קענטשאַפט פונ'ם ווילען, שטימונגען, כאַראַקטער פון די קאָלאָניזירענדע פּערזאָנען מוז דער סיסטעם בלײַבען אָהן לעבען. די קריטיק פונ'ם סיסטעם מוז דעריבער ניט וועלענדיג ווערען גלייכצייטיג אַ קריטיק פון די פּערזאָנען. פון דער אַנדער זייט וועלען מיר ערשט קענענדיג די פּסיכיק פון די קאָלאָניזאַטאָרען בעזיצען דעם שליסעל צום פערשטענדניס פאַר'ן סיסטעם.

וואָס פאַר אַ סיסטעם פערפאָלגט יק"א בײַ איהר קאָלאָניזאַציאָן? כדי עס פאָראויס און מיט אַ מאָל צו זאָגען: איהר סיסטעם איז דער דענק־באַר בעסטער מוסטער, ווי מען זאָל ניט קאָלאָניזירען. ער וועט מוזען דינען אַלס אַנ'אָבשרעקענדעס ביישפּיעל פאַר אַנדערע. דערין ליגט פיליכט דער גרעסטער פערדינסט פון יק"א.

עטוואָס אונזיניגערעס, טרויעריג־לעכערליכערעס ווי יק"א'ס קאָלאָניזאַציאָנס־אופן קען גאָר ניט ענטשטעהען אינ'ם מח פונ'ם מענשען. עס איז דער ריינסטער שגעון, וואָס האָט ווען עס איז געווירקט אויף'ן סאָציאַלען געביעט און געוועלטיגט איבער'ן שיקזאַל פון מענשען, אַ שגעון, וועלכען יק"א האָט אויפגעהויבען צו דער מדרגה פון אַ שיטה. איך געפין ניט קיין אַנדערען נאָמען פאַר דער קאָלאָניזאַציאָנס־מעטהאָדע ווי פילאַנטראָפּישער פעאָדאַליזם, אַ פעאָדאַליזם פון כלומר'שטע פילאַנטראָפען, אַ פעאָדאַליזם צוליעב איינגעבילדעטע פילאַנטראָפּישע צוועקען. ווען די יק"א־לײַט וואָלטען געווען מלאכים, וואָלט בײַ אַזאַ

סיסטעם די קאָלאָניזאַציע ניט געקענט גערייכען, שטעהענדיג אייניגע מדרגות נידעריגער פאַר מלאכים. וועט מען זיך ניט האָבען וואָס צו וואונדערן, וואָרום עס איז אַזוי וועניג אויפגעטהון געוואָרען, נאָר פערקעהרט, ווי אַזוי עס עקזיסטירט דאָך עפּיס אין אַרגענטינאַ.

דער קאָלאָניזאַציאָנס־סיסטעם פון יק"א כאַראַקטעריזירט זיך דורך אַ גאַנצע שורה פון מאַסנאַהמען, וואָס פערפאָלגען אַלע איין און דעם זעלבען ציעל: צו ברענגען די קאָלאָניסטען אין דער אַבסאָלוטעסטער אָבהענגיגקייט פון יק"א, צו פערניכטען ביי זיי יעדע שפור פון זעלבסטשטענדיגקייטס־געפיהל, מיט דער כונה זיי צו האָבען אין איהרע הענד כחומר ביד היוצר און זיי צו קנעטען און ביינגען לויט איהרע קאַפּריזען, וואָס זי האַלט פאַר אידעאַלען. דעם ליבעראַלען ווירטשאַפטס־פּרינציפּ: laisser faire, laisser aller (ניט שטערען, זיך ניט אריינמישען) האָט זי פערוואַנדעלט אין זיין גראַדען הפוך: קיין האָהר זעלבסטשטענדיגקייט, קיין ברעקעל פרייהייט, קיין שפור פון אייגענער איניציאַטיווע, קיין אייניגען שריט אָהן די גנעדיגע ערלויבניס פון דער פילאַנטראָפּיע. די אונפערמיידליכע רעזולטאַטען פון דיזער אפּטרופּסות־פּאָליטיק בעקומען די קאָלאָניסטען צו פיהלען אַלץ מעהר און מעהר. דען יק"א'ס האַרץ איז שוין פערמאַטערט פון איהרע אייגענע מעשים טובים. זי ציהט אַלץ מעהר צוריק איהר האַנד פון די קאָלאָניסטען, בעת זייער אָבהענגיגקייט ווערט לחלוטין ניט פערקלענערט. ווען אין די פריהערדיגע יאָהרען האָט מען נאָך געקענט זאָגען: גאָר נישט אָהן די פילאַנטראָפּיע, אַלץ דורך די פילאַנטראָפּיע, מוז עס היינט הייסען: גאָר נישט אָהן די פילאַנטראָפּיע, כמעט גאָר נישט דורך די פילאַנטראָפּיע. אין דעם איינזערנעם פּרעס פון אונפרייהייט און הילפלאָזיגקייט פערבלוטעט די אידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינאַ. דערין וועט זי צונויפפאַלען ווי אַ קאָרטען־הייזעל, ווען עס וועלען ניט ענדליך געמאַכט ווערען שנעלע און גרינדליכע ענדערונגען.

1. די קאָנטראַקטען.

דעם יסוד פון דער קאָלאָניסטישער אָבהענגיגקייט בילדען די קאָנטראַקטען, וועלכע ווערען געשלאָסען צווישען די קאָלאָניסטען און יק"א. ריכטיגער, וועלכע יק"א האָט געצוואונגען און צווינגט די קאָלאָניסטען אָנצונעהמען, קאָנטראַקטען, וואָס, ביי גאָר דער יורידישער שלויהייט, וועלכע איז אין זיי אַריינגעלעגט געוואָרען, זענען דאָך זייערע כוונות גענוג בולט פאַר יעדען, און וואָס יעדער פּאַראַגראַף זייערער רעדט גאַנצע בענדער. בעטראַכטען מיר דיזע קאָנטראַקטען!

שוין דער נאָמען פונ'ם קאָנטראַקט זאָגט פיעל. ער הייסט ניט פערקויפס־קאָנטראַקט, נאָר אַ קאָנטראַקט פון אַ פערקויפס־פערשפּרעכען

(שפּאַניש: contrato de promeso de venta), דאָס בעדײַטעט, אַז ווען דער קאָלאָניסט האָט שוין ערפֿילט אַלע בעדינגונגען פֿונ'ם קויף, ווערט ער נאָך ניט קײן בעל הבית איבער דעם קויפֿס-געגענשטאַנד, איבער זײַן פֿאַרם, נאָר האָט ערשט דאָס רעכט צו פֿערלאַנגען אַ פֿערקויפֿס-שײַן.

דיזער „קאָנטראַקט פֿון אַ פֿערקויפֿס-פֿערשפּרעכען" ענטהאַלט אַנ'ערך, *) 14 פּאַראַגראַפֿען, וואָס רעדען אַלע פֿון די פּפֿליכטען פֿון די קאָלאָניסטען און פֿון יק"א'ס רעכטען, בעת קײן פּאַראַגראַף דערמאָהנט ניט פֿערקעהרט יק"א'ס פּפֿליכטען און די רעכטען, וואָס די קאָלאָניסטען בעזיצען. מיט אַנדערע ווערטער: אַלע רעכטען זענען אויף יק"א'ס זײַט, אַלע פּפֿליכטען אויף דער זײַט פֿון די קאָלאָניסטען. דאָס איז נאַטירליך אַ גאַנץ אוננאָרמאַלעס פֿערהעלטניס, און ווען אײנער וואָלט געגענאיבער אַ פּריוואַט-פּערזאָן מסכים געווען אויף אַזאַ קאָנטראַקט, וואָלט מען זײַן חתימה געמוזט ערקלערען פֿאַר פּסול, ווײַל נאָר אַ מענש, וואָס געהערט אין דול-הויז, קען אָננעהמען אַזוינע בעדינגונגען. וואָס צווישען פּריוואַט-פּערזאָנען איז אויסגעשלאָסען, ערלויבט זיך די פֿילאַנטראָפּיע.

אַלע רעכטען אויף יק"א'ס זײַט, אַלע פּפֿליכטען אויף דער זײַט פֿון די קאָלאָניסטען — נײן, אַזוי שלעכט איז די פֿילאַנטראָפּיע ניט. זי איז בעסער פֿאַר איהרע קאָנטראַקטען. זי טהוט מעהר ווי זי פֿערשפּרעכט, ריכטיגער, זי טהוט עפּיס, בעת זי פֿערשפּרעכט גאָר נישט. פֿון דער אַנדער זײַט בענוצט זי זיך ניט שטענדיג מיט איהרע רעכטען. נאָר האַלט זיי פֿאַר אַ בײַטש אין אַ „נויטיגען" פֿאַל. יק"א'ס אידעלע מענשענליעבע איז אַלזאָ אַ קאָרעקטור צו די שטרענגע קאָנטראַקט-פּאַראַגראַפֿען, איהר באַרמהערציגער יושר פֿערשעמט דעם גרויזאַמען דין.

אויך יק"א האָט איהרע פּפֿליכטען, אויך די קאָלאָניסטען האָבען זײערע רעכטען. ד י ז ע רעכטען און פּפֿליכטען ווערען אָבער ניט געחתמ'ט בײם נאָטאַריוס און אָבגעהיט דורך די שומרים פֿונ'ם געזעץ, נאָר זענען פֿערשריבען אויף דעם געוויסען פֿון דער פֿילאַנטראָפּיע און ווערען אָבגעהיט דורך איהר זעלבסט. צום אונגליק איז אָבער דאָס פֿילאַנטראָפּישע געוויסען, בעזונדערס, ווען עס ליגט אין געדונגענע הענד ניט שטענדיג אַ גענוגענדע גאַראַנטיע געגען הערשזוכט און נידערטרעכטיגקײט און ערפֿילט ניט דער, וועלכער איז פֿעראַנטוואָרטליך נאָר געגען זיך און גאָט, זײַנע פּפֿליכטען אין אַזאַ מאָס, ווי דער, וואָס איז אונטערוואָרפֿען דעם געזעץ און דעם מענשליכען געריכט. די יק"א און דער קאָלאָניסט — בײדע זענען געבונדען אײנע צום אַנדערען, מיט דעם

*) אַנ'„ערך", ווייל ניט אין אַלע קאָלאָניעז זענען די קאָנטראַקטען גלייך.

אונטערשיעד: דער לעצטער, דער קאָלאָניסט, דורך אַ צענטנער־שווערע קייט פֿון 14 אייזערנע רינגען אין דער געשטאַלט פֿון קאָנטראַקט־פּאַראַגראַפֿען, די ערשטע, יק״א, דורך אַ דינעם זיידענעם פֿאָדים פֿונ׳ם געוויסען, בעת דער קאָלאָניסט פֿאַלט פֿון די פֿיס אונטער דער משא פֿון זיינע התחיבות און רעכטלאָזיגקייט, טראָגען די יק״א־פֿילאַנטראָפּען זייער זיידען שנירעל אויף דער ברוסט אַלס צירונג און לעגען עס אַוועק אָן אַ זייט, ווען עס ווערט זיי אונבעקוועם, כדי זיך ניט צו לאָזען שטערען אין זייער פֿערדייאונגס־פּראָצעס. די יק״א איז די געבערין, די העלפֿערין, די רייכע גוטע „מוהמע״, דאָס מאָס פֿון איהרע פֿפֿליכטען, פֿון איהר גוטהאַרציגקייט בעשטימט זי אַליין לויט איהר פֿערשטאַנד אָדער פֿערשטאַנדסלאָזיגקייט, לויט איהר ווילען אָדער ווילקיר; דער קאָלאָניסט, דער נעהמער, דער געהאָלפֿענער, דער אָרימער קרוב מוז שטעהען הינטער דער טיר און צופֿרידען זיין מיט יעדער נדבה, מוז זיך לאָזען פֿאָרשרייבען זיינע פֿפֿליכטען אָהן אפילו אַ פּיפּס צו טהון, אָהן אפילו זיין מיינונג אַרויסצוזאָגען. די יק״א קען ענדערן איהרע בעשלוסען, ווען זי געפֿינט פֿאַר נויטיג אָדער ווען איהר פֿאַלט איין אַ קאַפּריז; דער קאָלאָניסט מוז זיך ריכטען גענוי לויט׳ן קאָנטראַקט, מוז מיט קנירשענדע צייהן טהון אַל׳ץ, וואָס זיינע וואָהלטעטער הייסען איהם. ווען אין דער ערשטער צייט, בעת דער קאָלאָניסט בעקומט פֿון דער יק״א די גאַנצע איינריכטונג, האָט נאָך אַזאַ סיסטעם אַ פֿונק פֿון בערעכטיגונג, פֿערוואַנדעלט ער זיך אין אַ שרייענדע אונגערעכטיגקייט, ווען ער איז אָבגעוועזען ביי איהר אַ צייט, וואָס איז געוועהנליך גענוג ביי פֿלייס און שפּאָרזאַמקייט זיך צו עפּיס צו דערשלאָגען און מוז דאָך נאָך שלעפּען דעם פֿילאַנטראָפּישען יאָך.

דער שווערפּונקט פֿונ׳ם קאָנטראַקט ליגט אין 5 פּאַראַגראַפֿען, די וויכטיגסטע פֿון אַלע. זייער אינהאַלט איז:

1) אַזוי לאַנג ווי דער קאָלאָניסט האָט ניט געדעקט דער יק״א זיין גאַנצען חוב (דעם קרן מיט 4 פּראָצענט *) געהערט דער יק״א אַל׳ץ: די ערד, די הייזער, די בהמות און אַל׳ץ, וואָס געפֿינט זיך אין דער פֿאַרם. דיזע גאַנצע צייט ווערט דער קאָלאָניסט פֿערעכענט פֿאַר אַ פּשוט׳ען אָקופּאַנט (ocupante simple, אַ פֿרעמדער, וואָס האָט זיך אָהן רעכט בעזעצט אויף אַנ׳אַנדערענס אייגענטום).

2) דער קאָלאָניסט האָט ניט דאָס רעכט אָבצוצאָהלען דעם חוב, עהדער עס ענדיגט זיך דער

*) פֿריהער 5 %. דער גאַנצער חוב דאַרף ווערען אויסגעצאָהלט אין יעהר־ליכע ראַטען אין לויף פֿון אַ בעשטימטען טערמין.

טערמין, וואס איז בעשטימט אין קאנטראקט סיידען מיט דער הסכמה פון יק״א *)

3) פאר דער יאהר־שולד גאראנטירט דער קאלאניסט מיט דעם שניט. אלס משכון פאר דער שולד געהט די תבואה פון פעלד דירעקט אין די שייערן פון יק״א.

4) ווען צוליעב א פארם מאַזשער (א העכערע קראפט, אויף וועלכע דער מענש האט קיין ווירקונג ניט), וואס ווערט אנערקענט מצד דער יק״א, איז דער קאלאניסט ניט בכח צו צאהלען די יאהר־שולד, ווערט זי אבגעלעגט אויף די וויטערדיגע יאהרען און פערצינזט מיט 4 פראצענט.

5) דער קאלאניסט מעג ארבייטען נאר מיט אייגענע קרעפטען און מיט דער הילף פון זיין פאמיליע. צו דינגען זייטיגע ארבייטער מוז ער האבען די ערלויבניס פון יק״א, צו פערקויפען אדער פערדינגען די פארם איז איהם פערבאטען.

אוועקלעגענדיג דערווייל אן א זייט די טעמים, וואס יק״א האט געהאט ביים אויסארבייטען דיזע שטוינענסווערטע קאנטראקט־בעשטימונגען, וועלען מיר קודם כל אונטערזוכען זייערע ווירקונגען.

דער קאלאניסט קען ניט ווערען קיין רעכטליכער אייגענטימער איבער זיין פארם, אזוי לאנג ווי ער האט ניט אבגעצאהלט דער קאלאניר־רענדער געזעלשאפט פאלשטענדיג דעם קרן מיט׳ן פראצענט פאר דער ערד, דער איינארדנונג א. א. וו. ער מעג האבען בעצאהלט א העלפט, צוויי דריטעל, דאס גאנצע ווייניגער איין פרוטה; ער מעג האבען די ווירטשאפט פערבעסערט, אויפגעשטעלט נייע געביידען, זיך איינגעשאפט נייע בהמות און אלערליי חפצים; דער פרייז פון דער ערד מעג זיך האבען פערדאפעלט, פערצעהנפאכט, פערהונדערטפאכט — ער איז און בלייבט א ווילדפרעמדער, אנ׳אונגעבעטענער, אנ׳איינגעדונגענער און בעזיצט אפילו ניט די רעכטען פון אנ׳ארענדאטאר. ניט בלויז דאס, וואס ער האט בעקומען פון יק״א, אויך דאס, וואס ער האט מיט די אייגענע הענד געמאכט, פאר׳ן אייגענעם געלד געקויפט, געהערט איהר און ביי דער ערשטער אונפינקטליכער צאהלונג אדער ביי דער ניט־ערפילונג פון אנ׳אנדער קאפריז־פאראגראפען מעג ער נאקעט און בלויז ארויסגעוואָרפען ווערען פון דער פארם, ניט בעקומענדיג צוריק קיין פרוטה פאר אלע

*) אין טעקסט: „El colono no puedo anticiparse en el pago de la deuda sino con el consentimiento de la Asociation (יק״א).“

פֿערבעסערונגען און אויסגאַבען, וואָס ער האָט געמאַכט, פֿאַר דער ווערט־פֿערגרעסערונג, וועלכע ער האָט פֿעראורזאַכט, פֿאַר דיִ סומען, וואָס ער האָט אײַנגעצאָהלט. בײַ אַזאַ לאַגע איִז ער איִן גאַנצען איִבערגעגעבען איִן יק״א׳ס הענד אויף גנאָד און אונגנאָד, און ווען ער איִז, חלילה, בײַ איִהר און איִהרע בעאַמטע ניִט נושא חן, קען ווערען פֿון איִהם אַ תל.

דאָס האָט נאָך אַ פֿאָלגע פֿון דער ערנסטעסטער בעדײַטונג פֿאַר דער קאָלאָניזאַציאָנס־בעוועגונג: דיִ *קרעדיִט־אונפֿעהיִגקײט* פֿון דיִ *קאָלאָניִסטען*. זײ קענען איִן ערגיִץ ניִט בעקומען קײן הלואה, גיִט בײַ דער אַרגענטיִניִשער נאַציאָנאַל־באַנק, ניִט בײַ סאָליִדע פּריִוואַט־בענק, ווײַל זײ פֿעהלט דיִ קרעדיִט־באַזיִס, דיִ מעגליִכקײט צו פֿערמשכונ׳ען זײער אײגענטום. וויִ זאָלען זײ אויפֿנעהמען אַ היִפּאָטהעק־הלואה אויף אַ פֿרעמדענס אײגענטום? עס גיִט פֿיִעלע קאָלאָניִסטען, וואָס זענען שולדיִג דער יק״א אַ *צעהנט־חלק* פֿון דעם, וואָס זײער טשאַקראָ (פֿאַרם) בעטרעפֿט, דיִ מײסטען פֿערמאָגען מעהר וויִ דאָס דאָפּעלטע פֿון זײער חוב און דאָך בלײבען זײ גאַנץ היִלפֿלאָז איִן דער צײט פֿון אַ נויט.

און קרעדיִט ברויכען זײ, פֿיִעל קרעדיִט. ווען בכלל איִז אַ מאָדערנע לאַנדוויִרטשאַפֿט אָהן קרעדיִט ניִט דענקבאַר, איִז דיִ קרעדיִט־לאָזיִגקײט דער רײנסטער רואיִן איִן אַ לאַנד וויִ אַרגענטיִנאַ, וואו דיִ שוואַנקונגען צוויִשען דיִ גוטע און שלעכטע יאָהרען זענען, וויִ מיִר ווײסען שוין, אַזוי געוואַלטיִג און בעזונדערס איִן דיִ איִדיִשע קאָלאָניִען, וואו זײ דערגרײכען דיִ העכסטע מדרגה. וואָס זאָל טהון דער קאָלאָניִסט, ווען איִבער זײַן קאָפּ שיִטען זיִך וויִ אַ האָגעל אונגליִקען נאָך אונגליִקען, ווען 50—60 און אַ מאָל דיִ גאַנצע 100 פּראָצענט פֿון זײַן תבואה ווערען פֿערניִכטעט דורך דיִ הײשריִקען און איִן דערזעלבער צײַט פֿאַלען איִהם אַוועק דיִ בהמות און איִהם בלײבט אפילו ניִט קײן זריִעה פֿאַר׳ן נעכסטען יאָהר, קײן פֿיִה צום בעאַרבײַטען דאָס פֿעלד, וויִ דאָס איִז, למשל, דעם יאָהר פּאַסיִרט איִן אַלע אונזערע קאָלאָניִען איִן ענטרע ריִאָס, איִנ׳ם אַרגענטיִניִשען מעסאָפּאָטאַמיִען? וואָס טהוט ער, ווען אַזוינע אונגליִקען חזר׳ן זיִך איִבער אײן יאָהר נאָכ׳ן אַנדערען? אמת, ער האָט אַ האָפֿנונג, אַז אײן גוט יאָהר וועט בעצאָהלען פֿאַר אַלע שאָדענס, אָבער וויִ זאָל ער זיִך דערוויַיל העלפֿען? בעת דער קריִסטליִכער פֿאַרמער געהט איִן אַזאַ פֿאַל צו דער ערשטער בעסטער באַנק, זענען פֿאַר דעם יק״א־קאָלאָניִסט אַלע טיִרען פֿערשלאָסען, ער קען זיִך איִן ערגיִץ ניִט ווענדען אויסער צו יק״א, זײַן איִיבּיִגער „בעשיִצעריִן“, און זיִ העלפֿט איִהם אַלע מאָל צו וועניִג און זעלטען איִן דער צײַט. זיִ זעהט ניִט איִן דעם קאָלאָניִסט אַ פֿולבערעכטיִגטען מענש, אַ פּראָדוצענט, וואָס פֿערלאַנגט, וויִ יעדער

אנדערער אויף זיין ארט, צו זיין ווירטשאפט א הלואה, פאר וועלכע ער צאהלט דעם געפאדערטען פראצענט, ניין, זי בעהאנדעלט איהם ווי א שנארער, וואס קומט אלע מאל ווידער נאך נדבות, ווי א בעטלער, וועלכער הערט ניט אויף אויסצושטרעקען די האנד, זי לאזט איהם שטעהען גאנצע טעג הינטער דער טיר, זי שטופט איהם אב מיט אלערליי תרוצים אדער, אין בעסטען פאל, ווארפט איהם עפיס צו, וואס איז ניט גענוג ניט פאר דער פראדוקציאן און ניט פאר'ן קאנסום, וואס זאל ער מיט דער צוגעווארפענער נדבה פריהער אנהויבען? זאל ער קויפען א פאר זעקלעך מעהל, כדי ניט צו שטארבען מיט דער פאמיליע פאר הונגער, אדער זאל ער זיך אנשאפען זריעה, ארבייטס־בהמות? מיט אנדערע ווערטער: וואס דער קאלאניסט קריגט אין אזוינע פאלען איז צום לעבען צו וועניג, צום שטארבען צו פיעל. און וואלט ער עס נאך וועניגסטענס אין דער צייט בעקומען! זענען אבער די שערי רחמים פון יק"א'ס הימלען צו הויך און עהדער די אומריינגע תפלות פון די זינדיגע קאלאניסטישע לעפצען דערשלעפען זיך צו זיי, האט זיך די ערד דערווייל געטהאן א שטארקען דרעה ארום איהר אקס, אזוי אז אויב מען האט געבעטען אויף זריעה, קומט אראב די גנאד, בעת די פעלדער דארפען שוין ווערען געשניטען, אז איידער עס איז אנגעקומען די נחמה, איז ארויס די נשמה.

דעם קאלאניסט בלייבט אין זיין פערצווייפלונג איין אויסוועג: ער ווארפט זיך אין די ארעמס פונ'ם פראצענטניק, ער נעהמט ביים קרעמער סחורה אויף בארג פאר וואכער'שע פרייזען. דיזע הילף איז נאטירליך נאר א מאמענטאנע און א שיינבארע, זי איז די טובה פון א שלאנג. דער קאלאניסט פערוויקעלט זיך אין א גאנצען שולדען־נעץ, ער פאלט אריין אין א שולדען־קנעכטשאפט, פון וועלכער ער געפינט ניט שליסליך קיין רעטונג. די דאגות פאר דער עקזיסטענץ בייגען איהם צום סוף איין אין דרייען. דער הונגער און דער פחד פאר'ן הונגער בעגלייטען איהם ווי א שאטען און פערגיפטען איהם דאס לעבען. איז דא נאך מעגליך צו דענקען מכח פארטשריט, מכח פערבעסערונג פון דער ווירטשאפט? אדער איז ניט דערביי יעדע פערשטענדיגע פיהרונג פון דער ווירטשאפט גאנץ אויסגעשלאסען?

אליין אונזיכער מיט דער עקזיסטענץ, אליין פעראריימט, פערצאגט, אהן א רעכט אויף דעם, וואס ער בעזיצט, אויף דעם, וואס ער האט געשאפען מיט זיין מיה און שווייס, קען ער נאטירליך גאר ניט טראכטען וועגען פערזארגען זיינע קינדער, זיי צו מאכען פאר פארמער ווי ער אליין. מיר האבען געזעהען, וואס פאר א טייערער ביסען די פארמעריי איז אין ארגענטינא. ניט נאר צום קויפען, נאר

אפילו צום דינגען אַ פֿאַרם איז נויטיג אַ היבשע סומע (6—7000 פֿראַנק *). ווי קען דער פֿאָטער פֿערשאַפֿען דעם זוהן דאָס נויטיגע געלד, ווען ער האָט פֿאַר זיך אַליין גאָר נישט? ווען ער זאָל זיין אַ רעכטליכער אייגענטימער פֿון דעם, וואָס איהם געהערט פֿאַקטיש, וואָלט ער קענען אויפֿנעהמען דערויף אַ היפּאָטהעק־הלואה און וואָלט דעם זוהן אָדער איידעם געבען צו שטייער אויף ערד קויפֿען און די איינאָרדנונג, ווי עס פֿיהרט זיך ביי לייטען. דער חוב וואָלט דאַן געדעקט געוואָרען דורכ'ן זוהן אָדער שוויגערזוהן אַליין אָדער מיט'ן פֿאָטערס הילף. ווי עס ליגען היינט די פֿערהעלטניסען, איז דיזע נאַטירליכע ענטוויקלונג גאַנץ אויסגעשלאָסען. טיילען ווידער די אייגענע ערד, ערלויבט ניט דער קאָנטראַקט און האָט אויך מייסט קיין זינען ניט, בעזונדערס ביי מעהרערע ערוואַקסענע קינדער, ווייל דאַן וואָלט קיינעם גאָר נישט אָנקומען און די גאַנצע ווירטשאַפֿט וואָלט דורך איהר צעברעקלונג חרוב געוואָרען. די שטרעקע ערד, וואָס איינער בעזיצט, מוז דאָך זיין גענוג גרויס צו בעשעפֿטיגען זיין אַרבייטס־קראַפֿט, אַרבייטס־פֿיה און מאַשינען, אַ ניט ווערען די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען אונפֿערהעלטניסמעסיג פֿערטייערט און דער קאָלאָניסט קען די קאָנקו־רענץ ניט אויסהאַלטען.

און ווידער מוז זיך דער קאָלאָניסט ווענדען צו זיין שטענדיגער „העלפֿעריןְ" און ווידער האָט ער ביי איהר דעם געשילדערטען קבלת פנים. זי פֿיהלט זיך גאָר ניט פֿערפֿליכטעט צו ערפֿילען זיין בקשה. קנאַפּ האָט זי איהם געהאָלפֿען, זאָל זי נאָך פֿאַר זיינע קינדער דאגה'ן? איז עס ניט זיין חוב? וויפֿיעל איז דען דער שיעור? שליסליך גיט עס דאָך נאָך אידען אויף דער וועלט. זאָל זי שאַפֿען פּריווילעגירטע משפחות, זאָלען איינע בעקומען אַליץ, די אַנדערע גאָר נישט? איג'ם נאָמען פֿון דער אויסגלייכענדער גערעכטיגקייט קאָלאָניזירט יק"א העכסטענס 10 פּראָצענט**) פֿון די קאָלאָניסטען־זיהן. וואָס טהוט דער רעשט, דאָס הייסט די גאַנצע 90 פּראָצענט? מיר ווייסען עס שוין: זיי פֿערלאָזען די פֿאַרמס און לויפֿען, וואוהין די אויגען טראָגען. מיר ווייסען אויך מיט וואָס פֿאַר אַ שווערען האַרצען זיי געהען אַוועק. עס וואָלט כדאי געווען, אַז אַ קינסטלער־פֿעדער זאָל צייכענען דאָס

*) פֿאַרטיג איינגעאָרדענטע פֿאַרמס, ווי אין נאָרד־אַמעריקא, בעקומט מען אין אַרגענטינא זעלטען. געוועהנליך מוז דער אַרענדאַטאָר אויפֿשטעלען אליין געביידען און אַרונצוימען די פֿעלדער, דערפֿאַר ווערט איהם נאַטירליך די רענטע ביליגער בערעכענט.

**) אויך דאָ ווי איבער פֿיעלע אַנדערע וויכטיגע פֿראַגען געפֿינען מיר ניט ביי יק"א קיין אויסקונפֿט — איהרע בוכפֿיהרער זענען פֿערנומען צו צעהלען די מאַסען געלד, וואָס די קאָלאָניסטען פֿערשיקען — אין מיר מוזען זיך בעשרענקען אויף שאַצונגען.

בּילד פֿון בענקשאַפֿט און יסורים, וואָס די קאָלאָניסטען־קינדער שטעלען דערבײַ פֿאָר; ווי זיי וואַרטען יאָהרען נאָך יאָהרען אין אַ ציטערנדער הכנעה צו געפֿינען לײַטזעליגקייט אין די אויגען פֿון די בעאַמטע; ווי, זעהענדיג, אַז זייער קוואַלפֿולעס וואַרטען איז אומזיסט און אַז זייער יוגענד געהט דערווייל צוועקלאָז פֿאַרבײַ, פֿאַרבּירען זיי זוכען זייער גליק אויסערהאַלב די קאָלאָניען; ווי, אָנגעעקעלט פֿון דעם שטאָדטישען לעבען און פּרנסות, קעהרען זיי זיך אום צו דער הייסגעליעבטער מוטער ערד און הויבען־אָן אויפֿ׳ס נײַ צעהלען די טעג ביז צום גרויסען גורל; ווי זיי געהען און קומען, געהען און קומען, ביז די געדולד פֿערלאָזט זיי ענדליך אויף שטענדיג און זיי פֿערשווינדען פֿון דער היים און דעם אַקער אויף קיין מאָל מעהר צו זעהן זיך — מיט זיי די בּליהונג און נשמה פֿון דער קאָלאָניזאַציאָן.

און וואָס פֿאַר אַנ׳אונגעהויערע סומע פֿון לײַדען שליסען אײַן אין זיך דיזע צושטענדע פֿאַר די קאָלאָניסטען־עלטערן, און וואָס פֿאַר אוננאַטירליכע דעמאָראַליזירענדע פּירות מוזען זיי פֿון דער אַנדער זײַט אַרויסבּרענגען! דער איידעלסטער מענשליכער טריעב, דער טריעב קינדער צו בּרענגען צו אַ תּכלית, ווערט צעקאַלעמושעט און דערשטיקט. ווען די עלטערן ווייסען, אַז זיי קענען ניט האָבּען קיין אײַנפֿלוס אויפֿ׳ן שיקזאַל פֿון זייערע קינדער, אַז גאָר זייער מיה און אָנשטרענגונגען ווועלען פֿאַר זייערע קינדער בּלײַבּען אָהן אַ נוצען — וואָס פֿאַר אַנ׳אינהאַלט האָט דאַן זייער לעבען! פֿון דער אַנדער זײַט, וואָס פֿאַר אַ רעספּעקט קען האָבּען די יוגענד צו דער קאָלאָניזאַציאָנס־אידעע און צו די מענשען, וואָס פֿערווירקליכען איהר, ווען זיי זעהען זיי, די ווי מוראַזשקעס פֿלייסיגע אַרבּייטער, אין אַזאַ קלאָגעדיגער, פֿערעכט־ליכער און אויסזיכטסלאָזער לאַגע! דאָס בּעסטע, וואָס אַ פֿאָטער קען נאָך טהון פֿאַר זײַן זוהן איז — איהם אָבּטרעטען דעם פּלאַץ, בּײַ מאַנכע מוז זיך שטילערהייט אַרײַנגנב׳נען אין האַרצען אַ האָפֿנונג אויף די צײַט נאָך די „הונדערט און צוואַנציג יאָהר" פֿון די פֿאָטערס... בּעגרייפֿט מען, וואוהין דאָס פֿיהרט? ... מוז עס ניט שוידערן פֿאַר דער פֿאָרשטעלונג, אַז קינדער מוזען וואַרטען אויף דעם טויט פֿון זייערע עלטערן, כּדי זיך צו עפּיס צו דערשלאָגען אין לעבען?

ליגט עס ווענינגסטענס אין די הענד פֿונם קאָלאָניסט אָבּצוקירצען די צײַט פֿון זײַנע ענויים, קען ער האָפֿען דורך הערואָישע אָנשטרענגונגען צו מאַכען אַ סוף צו זײַן גיהנום, צו קוויטירען זיינע חשבּונות מיט זיינע וואָהלטהעטער, זיי אָבּצודאַנקען פֿאַר אַלע זייערע חסדים און — פֿריי אויפֿצואָטעמען? ניין, דאַגעגען האָט זיך שוין די פֿאָראויסזעהענדע יוריסטישע חכמה פֿון יק״א בּעוואָרענט. דער צווייטער פֿון די ציטירטע

פּאַראַגראַפֿען, די קרוין פֿון יק״א׳ס זשעניע, שליסט אוים יעדע מעגליכקייט דערצו.

דער קאָלאָניסט האָט ניט דאָס רעכט אָבצוצאָהלען זיינע חובות עהדער עס האָט זיך געענדיגט דער טערמין, וואָס איז בעשטימט אין קאָנטראַקט, סיידען מיט דער אויסדריקליכער הסכמה פֿון יק״א. דיזע הסכמה איז אָבער קיין מאָל נאָך ניט געגעבען געוואָרען. ווען אַ קאָלאָניסט וויל צאָהלען פֿאַר׳ן קומענדיגען יאָהר, אין דער מורא, אַז ער וועט שפּעטער ניט זיין דערצו אימשטאַנד, טהוט די אַדמיניסטראַציאָן אַ טובה און נעהמט־אָן דאָס געלד, אָבער נאָר אַלס *דעפּאָזיטאָ*, דאָס הייסט זי גיט אַרויס אַ קוויטונג, אַז ביי איהר געפֿינט זיך זיין געלד. אויפֿ׳ן חוב דאַגעגען ווערט עס ניט פֿערעכענט, ביז עס קומט ניט די נייע ראַטע צו צאָהלען. דער פֿאָראויס בערעכענטער פּראָצענט פֿונ׳ם חוב ווערט אַלזאָ ניט אָבגעצויגען. אויף אַזאַ אופן צאָהלט דער קאָלאָניסט דער יק״א פּראָצענט פֿאַר זיין אייגען געלד. פֿאָראויס און מיט אַמאָל אָנצונעהמען דעם בעטראַג פֿאַר דער גאַנצער שולד, וויל יק״א אויף קיין אופן ניט מסכים זיין. ווען נאָך איבער אַ 19־יאָהריגער קאָלאָניזאַציאָנס־טעטיגקייט גיט עס ניט קיין איינציגען אייגענטימער, ריכטיגער גיט עס נאָר איין איינציגע אייגענטימערין אין די קאָלאָניען: די יק״א איז עס נאָר אַ דאַנק דיזער פּאָליטיק. פֿיעלע קאָלאָניסטען בעטען זיך ביי איהר רחמים, אָנצונעהמען דעם רעשט חוב מיט אַ מאָל און זיי אַרויסצוגעבען די אייגענטומס־טיטלען אויף די טשאַקראָס. יק״א בלייבט ביי איהר בעשלוס פֿעסט; זי דאַרף ניט האָבען דאָס געלד פֿון די קאָלאָניסטען, נאָר זייער נשמה. נאָך מעהר: אין די מייסטע קאָלאָניען בייט איצט יק״א צום צווייטען מאָל די קאָנטראַקטען, נאָכדעם ווי די צווייטע קאָנטראַקטען האַלטען אין אָבלויפֿען, וואַגט זי עס צו צווינגען די קאָלאָניסטען אָנצונעהמען נייע קאָנטראַקטען אויף נייע 25 *) יאָהר. צוזאַמען 45 יאָהר זאָלען אויף אַזאַ אופן די קאָלאָ־ניסטען ניט האָבען די מעגליכקייט צו ווערען אונאָבהענגיגע בעל־בתים. און וואָס וועט זיין, ווען דיזע קאָנט־ראַקטען וועלען ווידער אויסגעהן?

קען מען זיך פֿאָרשטעלען אַ לעכערליכערע קאָלאָניזאַציאָנס־מעטהאָדע ווי די, וואָס איהר יסוד זענען אַזוינע קאָנטראַקטען? אין דער וועלט פֿיהרט זיך, אַז לאַנגע צאָהלטערמינען ווערען פֿעסטגעזעצט אין די אינטערעסען פֿונ׳ם קויפֿער, כדי איהם צו פֿערלייכטערן דעם ערווערב פֿונ׳ם קויפֿס־געגענשטאַנד; לאַנגע טערמינען דאַגעגען צו גונסטען פֿונ׳ם

*) אייגענטליך אויף 20 יאָהר, אבער דער קאָנטראַקט ענטהאַלט אַ פּונקט וואָס רויבט אוועק ביי דעם קאָלאָניסט אויף נייע 5 יאָהר די בעוועגונגס־פֿרייהייט.

פֿערקויפֿער, די סיסטעמאַטישע שטערונג צו פֿערוואַנדלען דעם בעזיץ אין איינענטום, דער סאָציאַל־יוריסטישער שטוח האָט געקענט אויסגעטראַכט ווערען נאָר דורך אַ קאָמפּלאָזער פֿילאַנטראָפּיע אָדער דורך אַ פֿילאַנטראָפּיע, וואָס בילדעט זיך איין צו זיין מיט אַ קאָפּ העכער פֿאַר דער מענשהייט און איהרע לעבענסגעזעצען.

אויב די שטרעבונג צו זעלבסטשטענדיגקייט און וואָהלשטאַנד און דער וואונש צו זאָרגען פֿאַר'ן קומענדיגען דור זענען די שטאַרקסטע ווירטשאַפֿטליכע טריעב־פֿעדערן, אויב נאָר זיי זענען אימשטאַנד אַרויסצורופֿען ביים מענשען די אָנשפּאַנונג פֿון אַלע זיינע פֿיזישע און מאָראַלישע קרעפֿטען, די גרעסטע ענערגיע־ענטוויקלונג — איז דאָ זיך נאָך וואָס צו וואונדערן, פֿאַרוואָס די אידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינאַ ריהרט זיך ניט פֿון פֿלעק, וואָרום זי וואַקסט ניט פֿון זיך אַרויס, וואָרום זי ווייזט סמנים פֿון צופֿעליגקייט? די האַראַקטעריזירטע צוויי קאָנטראַקט־פּאַראַגראַפֿען מוזען נאַטור־נויטוועגדיג פּאַראַליזירען דעם פֿלייס, די ענערגיע פֿון די קאָלאָניסטען, מוזען דערשטיקען אין זיי יעדע ווילענס־קראַפֿט, יעדען אונטערנעהמונגס־גייסט, מוזען אין זיי אַרויסרופֿען אַנ'איינבינגע שלעפֿריגקייט, אַפּאַטיע, אָבגעלאָזענקייט.

ניט האָבען דאָס רעכט צו ווערען אַ בעל הבית איבער דער פֿאַרם איידער עס פּאַסט דער יק"א, 45 יאָהר ניט האָבען די אויסזיכט צו דערגרייכען ווירטשאַפֿטליכע פֿרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, הייסט איבערהויפּט ניט האָבען קיין ציעל אין לעבען, הייסט אומזיסט זיך מאַטערן און פּטר'ן די כחות, הייסט טהון קאַטאָרגאַ־אַרבייט. ווען אַלע מיינע בעמיהונגען האָבען ניט קיין איינפֿלוס אויף מיין שיקזאַל; ווען דאָס רעזולטאַט פֿון מיינע אָנשטרענגונגען ווועלען מיר ביים לעבען ניט נוצען; ווען אַלץ, וואָס איך ערווערב און שאַף, ווערט פֿערשלאָסען אין אַנ'אייזערנעם קאַסטען און אָבגעהיט פֿון מיר ווי פֿון אַ גנב; ווען איך מוז, ניט קוקענדיג אויף מיין וואָהלשטאַנד פֿערהונגערן אָדער זיך מיט שולדען בעדעקען, ניט קוקענדיג אויף דעם זעלבסט־געפֿיהל, וואָס מיין בעזיץ גיט מיר בעטלען אום הילף, זיך בויגען און דערנידעריגען און מצד יעדען אַגענט זיך לאָזען בעהאַנדלען ווי אַ מענש פֿון דעם נידריגסטען קלאַס; ווען איך מוז מיט טרערען אין די אויגען לאָזען ציהען מיינע קינדער נאַקעט און בלויז אין אַ פֿרעמדער, אונבעקאַנטער וועלט פֿול מיט שטרויכלונגען און געפֿאַהרען, ווייל איך בין ניט קיין בעל דעה איבער די פּירות פֿון מיין אַרבייט — דאַן צו וואָס זיך אָנשטרענגען, צו וואָס זוכען, צו וואָס האָרעווען? איז ניט אַלץ איינס? קען דען זיין ערגער פֿאַר שלעכט? קען מען דען מעהר ווי אויסגעהן פֿאַר הונגער? דער קאָלאָניסט טראַכט ניט אימער דייטליך דיזע

געדאנקען, אבער הינטער דער שוועל פונ'ם בעוואוסטזיין מוזען זיי אין איהם שטענדיג לעבען.

אין דער זעלבער ריכטונג ווירקען די אנדערע ציטירטע קאנטראקט־בעשטימונגען, איבער וועלכע מיר קענען זיך קירצער פאסען.

ניט קוקענדיג דערויף, וואס יק"א איז די רעכטליכע בעזיצערין פון דער גאנצער פארם און פון אלץ, וואס אין איהר געפינט זיך, און איז אלזא מיט איהר געלד שטענדיג זיכער, ווייל דער שנעלער וואוקס פון די ערד־פרייזען אליין גיט איהר שוין די בעסטע גאראנטיען, האט זי זיך נאך בעווארענט מיט אנדערע מיטלען, וועלכע זענען דער ריינסטער שפאט אויף גערעכטיגקייט און מענשליכקייט. זי מעג פאר דער יאהר־שולד הייסען אריינפיהרען די תבואה פון די פעלדער אין איהרע שייערן, זי מעג צונעהמען ביים קאלאניסט די זריעה, וואס ער דארף צום נעכסטען יאהר, און דאס לעצטע שטיקעל ארבייטס־פיה, און זי מעג ניט בלויז, נאר טהוט עס טאקי אויך אפט און סטראשעט שטענדיג עס צו טהון, כדי אנצוואַרפען אויף איהם א פחד און איהם צו מאכען הכנעה'דיג בנוגע דער שולדען־צאהלונג. שטעהט עס ניט אין דער שארפסטער סתירה מיט אלע מאדערנע אנשויאונגען? די היינטיגע סאציאלע געזעצגעבונג, דאס פעראייניגטע סאציאלע געוויסען ערלויבען ניט צו משכון'ען פאר א חוב די נויטיגע הויז־חפצים אין ארבייטס־כלים, אבער דאס פועל'ט ביי זיך א חברה, וועלכע פערנעהמט דעם אויבען־אן אין דער בעריהמטער אידישער פילאנטראפיע, און זי קען דערין דורך קיינעם ניט געשטערט ווערען, ווייל לויט'ן קאנטראקט איז זי גאר ניט קיין מלוה, נאר א בעזיצערין פון אלץ, אויך פון דעם, וואס שטאמט ניט פון איהר.

א ווירדיגע ערגענצונג דערצו איז דער פאראגראף, וואס רעדט פונ'ם פארם מאזשער. דאכט זיך, גוט און פיין! אין פאל, אז דער קאלאניסט איז ניט בכח צו צאהלען צוליעב סבות, וואס ליגען אויסער־האלב דעם איינפלוס פונ'ם מענשען, ווערט דער חוב אבגעלעגט אויף א שפעטערדיגער צייט, ווי עס פיהרט זיך ביי לייטען. ענטהאלט אבער דער פאראגראף א פאר קליינע ווערטלעך, וואס מאכען איהם ווערטלאז. א „פארם מאזשער, וואס ווערט אנערקאנט מצד דער יק"א", הייסט עס דארט נעמליך. זי אליין אין איהר טיעפער חכמה און גרויסער גערעכטיג־קייט האט צו בעשטימען, וואס א פארם מאזשער איז, ניט נאטירליך די קאלאניסטען, אויך ניט א אונפארטייאישע אינסטיטוציאן. אין דער פראקטיק שטויסען יק"א'ס מיינונגען אפט צוזאמען מיט די אויפפאסונגען פון די געוועהנליכע בשר ודם'ס. ווען די גאנצע וועלט אנערקאנט, אז דער אדער יענער קאלאניסט געפינט זיך אין א לאגע, וואס מוז איהם דערוויל בעפרייען פון צאהלען, איז עס נאך ניט קיין גענוגענדער גרונד

פאר די יק"א־בעאמטע איהם צו לאזען אין רוה און איהם ניט אויף אלע מעגליכע און אונמעגליכע אופנים צו שיקאנירען אדער, ווען „נויטיג", גאר אראבצוזעצען פון דער פארם. כדי א פארם מאזשער זאל אנערקאנט ווערען מצד דער יק"א־אדמיניסטראציע, מוז דער קאלאניסט בעזיצען אנדערע פערדינסטען, וואס האבען קיין שייכות ניט מיט זיין צאהלונגס־פעהיגקייט, נעמליך אויפ'ן „מאראלישען" געביעט. ער מוז זיין א נכנע, געהארכזאם, טריי, שטילער פאר'ן וואסער, נידעריגער פאר'ן גראז, קורץ ער דארף זיין אזוי ווי יק"א און איהרע פערטרעטער ווילען איהם האבען.

און דערביי ריהמען נאך יק"א'ס פובליקאציאנען דעם קאלאניסטישען וואהלשטאנד, געשטיצט אויף דעם, וואס די שולדען ווערען געצאהלט מעהר — וועניגער רעגעלמעסיג! צווינגען די קאלאניסטען חרוב צו מאכען זייער בעלי־בתי'שקייט, אויפצונעהמען הלואות אויף וואכער־פראצענטען ניט בלויז צום לעבען, נור אפילו צום פערגלייכען מיט איהר די חשבונות און דערביי זיך נאך צאצקען מיט די גרויסע געלד־סומען, וואס די קאלאניסטען צאהלען איהר און „אהן שוועריגקייטען" — הייסט עס ניט צוגעבען צו דער גרויזאמקייט דעם טייוועלשען שפאט, געוויסענלאז חוזק טרייבען מיט הילפלאזע קרבנות?

מיר קומען ענדליך צו דער לעצטער פון די אנגעפיהרטע קאנטראקט־בעשטימונגען. דער קאלאניסט מעג ארבייטען נאר מיט אייגענע ארבייטס־כחות און טאר די פארם ניט פערקויפען אדער פערדינגען. געוויס ווערט דיזער פונקט קיין מאל ניט אבגעהיט. געוועהנליך האלט מען הילפס־קרעפטען, בעזונדערס אין דער שניט־צייט. אנדערס איז אויך אונמעגליך צו פיהרען די ווירטשאפט. פערקויפט ווערען די פארמס ניט, דאגעגען, ווי שוין דערמאהנט, אפט פערדונגען און דוקא צו ניט־אידען. הגם דאס געהט געגען די פרינציפען פון יק"א, מאכט זי זיך ניט זעהענדיג. נאך מעהר, איהרע בעאמטע דערמונטערן מאנכמאל זאגאר צום פערדינגען, ווען זיי שיינט, אז דאן וועלען זיי לייכטער איינקאסירען די חובות. צו איהר רעה. ווענדעט אלזא יק"א דעם חוק ניט אן, דאגעגען אבער צו דער רעה פונ'ם קאלאניסט. כדי אנצופיהרען נאר איינעם פון די פיעלע מעגליכע שאדענס: ווען דער קויפער מעג ארבייטען נאר מיט דער הילף פון זיינע פאמיליען־כחות און איהם איז פערבאטען צו פערדינגען די פארם — וואס זאל טהון די אלמנה, וואס איז געבליבען נאכ'ן טויט פונ'ם מאן מיט ניט־דערוואקסענע קינדער? רעכטליך מוז די פארם צוריקגעהן צו יק"א און די יורשים האבען ניט צו בעקומען אפילו איין פרוטה, ווען אפילו זייער מאן און פאטער מעג האבען אריינגעלעגט אין איהר די ארבייט פון א גאנץ לעבען. ניט שטענדיג, אבער מאנכמאל בענוצט זיך יק"א מיט

איהר רעכט. די ברויטלאָזע אלמנה און יתומים פֿאַלען דאַן צו לאַסט אויף קהל. יק"א האָט אַלזאָ אָבגעשאַפֿט אין געוויסע פֿאַלען דאָס ירושה־רעכט און איינגעפֿיהרט אַ שטראָף פֿאַר'ן טויט.

דיזע שרעקליכע קאָנטראַקטען מוזען די קאָלאָניסטען אָננעהמען צו זיי ווילען אָדער ניט. יק"א פֿרעגט ניט, נאָך זייער מיינונג און פֿערלאַנג. ווער עס אונטערוואַרפֿט זיך ניט, ווערט אָהן אַ רחמנות פֿערטריבען. יק"א פּועל'ט עס זאָגאַר ביי זיך צו צווינגען די קאָלאָניסטען זיך צו חתמ'נען אויף די קאָנטראַקטען, ניט קענענדיג זייער אינהאַלט. איהר ביוראָקראַטיע האָט זיך נאָך קיין מאָל ניט מטריח געווען צו געבען די קאָלאָניסטען, וואָס קענען ווייניג אָדער גאָר ניט די לאַנדעס־שפּראַך, שפּאַניש, אַ אידישע איבערזעצונג פֿונ'ם קאָנטראַקט־טעקסט. וואָס אַהרט עס איהר, אַז דער קאָלאָניסט ווייסט ניט וועלכע פֿפליכטען ער נעהמט אויף זיך? פֿריהער אָדער שפּעטער וועט ער זיך שוין דערוויסען. . . וואָס פֿאַר אַ פֿערביטערטען קאַמפֿף די קאָלאָניסטען האָבען מיט דער יק"א געפֿיהרט וועגען די קאָנטראַקטען, ווי וועגען אַ שורה אַנדערע וויכטיגע פֿראַגען, געהערט אין אַנ'אַנדער קאַפּיטעל. דאָ זאָל נאָר נאָך בעמערקט ווערען, אַז יק"א איז „קליגער" געוואָרען פֿון די „שלעכטע ערפֿאַהרונגען" און לאָזט אונטערשרייבען די קאָנטראַקטען ניט ווי פֿריהער אויף אַ מאָל, נאָר איינציגווייז און שטילערהייט, כדי ניט אַרויסצורופֿען קיין „בונטען".

2. אַנדערע פֿאָרמען פֿונ'ם פֿילאַנטראָפּישען פֿעאָדאַליזם.

דער פֿעאָדאַליזם פֿון יק"א וואָלט אין אונזער שילדערונג ניט געווען פֿאָלשטענדיג, ווען מיר וואָלטען אַריבערגעגאַנגען מיט שטילשווייגען אַנ'אַנדער שורה פֿון מאַסנאַהמען, וואָס שטעהען ניט אַלע אין דירעקטער בעציהונג מיט די קאָנטראַקטען, אָבער וואָס זענען ערשט דורך זיי מעגליך געוואָרען.

די קאָנטראַקטען פֿערפֿפליכטען דעם קאָלאָניסט ניט בלויז צו דעם, וואָס עס שטעהט אין זיי אויסדריקליך. אויך אין פֿיעלע ענינים, וואָס האָבען לגמרי ניט קיין שייכות צו די קאָנטראַקטען, איז דער קאָלאָניסט לחלוטין אונפֿריי און אויף שריט און טריט אָנגעוויזען אויף די בעפֿעהלען פֿון יק"א. עס זענען פֿערפֿפליכטונגען פֿון צווישען די שורות, ניט ווייניגער פֿאַטאַל ווי די אויסדריקליכע בעשטימונגען. מיט דעם אויגענבליק, וואָס דער קאָלאָניסט האָט אָנגענומען די מתנה פֿון יק"א, אַ מתנה, וועלכע ער צאָהלט איבריגענס אָב מיט פּראָצענטען, איז ער ניט מעהר זיין אייגענער האַר. געהערט ער דער יק"א, איהר אינגאַנצען מיט לייב און לעבען. שטעלענדיג זיין חתימה אויפֿ'ן קאָנטראַקט, האָט

ער זיך איהר פערקויפט ווי פויסט צום טייוועל. פון דעם מאָמענט אָן איז ער אויף אייביג איבערגעגעבען אין אַ פרעמדען רשות, געוועלטיגט איבער איהם אַ פרעמדער ווילען. יק״א איז געוואָרען זיין שיקזאַל צום בעזען ווי צום גוטען, צום בעזען טויזענד מאָל מעהר ווי צום גוטען, און וואָס לענגער ער געפינט זיך אונטער איהר אַזוינערופענעם „שוץ", אַלץ מעהר איז ער איהר געפאַנגענער. אַלץ אונמעגליכער איז עס איהם זיך פון איהר צו בעפרייען, ווייל אַלץ מעהר האָראָוואַניע מוז ער איבערלאָזען, ווען ער וויל פון איהר אַוועק.

דאָ זאָלען אָנגעפיהרט ווערען איינינע מאַסנאַהמען פון יק״א, וואָס זענען מיטשולדיג אין דעם טרויעריגען מצב פון די קאָלאָניען.

א) דער בוי־פּלאַן. מיר האָבען שוין געזעהן, ווי שרעקליך צעוואָרפען די קאָלאָניסטען וואוינען און ווי זייער צעוואָרפענהייט שטייגט אַריבער די בעדערפניסען פון דער אָרגענטינישער לאַנדווירט־שאַפט. זי איז אויך ניט ענטשטאַנען מיט׳ן הסכם פון די קאָלאָניסטען, נאָר געגען זייער אויסדריקליכען פערלאַנג, ניט קוקענדיג אויף זייער שטאַרקען און איבערגע׳חזר׳טען פראָטעסט. יק״א האָט זיך איינגע׳עקשנ׳ט צו צערייסען דעם אידישען פאָלקס־קערפּער אויף מיצלעך, צו צעוואַרפען ניט בלויז די קאָלאָניען איבער פערשיעדענע לענדער און פראָווינצען, נאָר אויך די וואוינונגען איבער די קאָלאָניען — דיזע פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער קראַפט־צעבּרעקלונג אָנשטאָט דער קראַפט־זאַמלונג איז איהר אידעאַל, ריכטיגער שגעון.

דער הויף־סיסטעם מעג האָבען מאַנכע מעלות אויף דעם ריין ווירטשאַפטליכען געביעט, אויך אין אייראָפּאַ האָט ער דערפאַר מאַנכע אָנהענגער צווישען די קאָנסערוואַטיווע ווירטשאַפטס־פּאָליטיקער, דאָך וועט קיינער ניט פערטיידיגען אַ בוי־פּלאַן, וואָס רעכענט זיך ניט מיט די ווינשע און פסיכישע בעדערפניסען פון די יעניגע, פאַר וועמען ער איז בעשאַפען. דאָס קענען ביי זיך נאָר פּועל׳ן מענשען, וועלכע האַלטען זייערע מיינונגען פאַר׳ן א׳ און ת׳ פון יעדער הכמה און וועלכע בילדען זיך איין, אַז זיי זענען בערופען צו „בעגליקען" די מענשען געגען זייער ווילען.

ווי טרויעריג זענען אין יעדער בעציהונג די רעזולטאַטען פון דער געצוואונגענער צעזייטהייט פאַר די קאָלאָניסטען און פאַר׳ן יודענטום! מען זאָל נאָר בעטראַכטען, וואָס דאָס בעדייט, ווען איין אָדער אַ פּאָר פאַמיליען וואוינען אַליין אויפ׳ן פוסטען פעלד, ניט זעהענדיג ווייט און ברייט אַרום אַ לעבעדיגען נפש. אין מיטען וואָך און ביי טאָג זענען אַלע פערנומען מיט דער אַרבייט, אין די אָוועגדען, קענען זיי די הייזער אַליין ניט איבערלאָזען, אין די שבתים און יום־טובים ווידער ערלויבט ניט

די אמונה צו פאהרען — ווען זאלען זיי זיך אלזא זעהן מיט מענשען ? ווי זאלען זיי די ארבייטס-פרייע צייט פערברענגען ? אין גענוצען, אין ענדלאזען גענוצען. דאס שטארקע אידישע געזעלשאפטסקייט-בעדערפניס, דער טיפער אידישער דראנג צו לעבען מיט און צווישען מענשען, ווערען דערביי מיט געוואלט אונטערדריקט. די פוסטקייט פונ'ם פעלד-לעבען, וואס ווארפט אן אויף די אידען א גרויסע אימה, ווערט קינסטליך געטריבען ביז צום מאקסימום. וויפיעל ליידען ענטהאלט דיזער סיסטעם פאר די אידען, וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיט סאציאלע בעדערפניסען און נייגונגען, ווי אבשטויסענד מוז דערביי פאר זיי ווערען די לאנדווירטשאפט ! אנשטאט אלזא צו פערלייכטערן די אידען דאס איינלעבען זיך אין דער נאטור-סביבה, לעגט מען זיי נאך קינסטליכע שטערונגען אויפ'ן וועג.

פסיכיש פול ענויים, ווירקט די צוואָרפענהייט קולטורעל אויסערארדענטליך דעגראדירענד. אהן דעם פערקעהר מיט אנדערע, אהן דעם אויסבייט פון מיינונגען און אנרעגונגען מוז דער מח פערטעמפט ווערען, ווערט דער גייסטיגער האריזאנט פערשמעלערט. די צוואָרפענהייט האט די טענדענץ מיט דער צייט צו בעשאפען א אידיאטיזם, צו פערוואנדלען סאציאלע וועזען אין א מין מענשליכע בהמות.

דאס בלייבט ווידער ניט אהן א ווירקונג אויף די ווירטשאפטספיהרונג. אהן דעם נאהענטען צוזאמענוואוינען איז שווער, איז כמעט אונמעגליך צו פיהרען א קאלעקטיווע טעטיגקייט, איז כמעט אויסגעשלאסען צו ענטוויקלען א גענאסענשאפטליך לעבען, ווען די אנדערע בעדינגונגען וואלטען אפילו געווען דערצו געגעבען. פון דער אנדער זייט בלייבט דער אידישער קאלאניסט, דער אנפאנגער אין דער אגריקולטור, בעשרענקט אויף ווייניגע קענטניסען, וועלכע ער שעפט מייסט פון זיינע אייגענע בעאבאכטונגען און ערלעבניסען און אויף א שאבלאנענהאפטען ארבייטס-אופן, ווייל די שותפות'דיגע גייסטעס-טעטיגקייט, דער אויסבייט פון מיינונגען און ערפאהרונגען, די געגענזייטיגע אנרעגונגען זענען אויסערארדענטליך פערשווערט. פון דעם אידישען קאלאניסט איז אלזא אוועקגערויבט די מעגליכקייט אויסצוגלייכען זיינע חסרונות פאר דער לאנדווירטשאפט, ענטוויקלענדיג זיינע מעלות. פיזיש אבגעשטאנען, פערפרעמדעט מיט דער נאטור, אהן די גענאסענשאפטליכקייט, ביי א דערנידעריגטער אינטעליגענץ, מיט מאנגעלהאפטע ערפאהרונגען — ווי זאל ער דא טרעטען אינ'ם קאנקורענץ-קאמפף מיט'ן מוסקעל-שטארקען, נאטור-פערטרויטען, פון קינדהייט אן אין דער לאנדווירטשאפט געניטען קריסטליכען בויער ? ער שטעהט-אב, ער מוז אבשטעהן.

צו דעם אַלעם קומט צו דער מאָמענט פון׳ם נאַציאָנאַלען זעלבסט־שוץ. די אידישע קאָלאָניען זענען אַרומגערינגעלט מיט פרעמד־נאַציאָנאַלע קולטורעל נידעריג שטעהענדע עלעמענטען, געגען וועלכע עס איז נויטיג אַ שטאַרקע פערטיידיגונג. בעזונדערס ווערען די אידישע קאָלאָניסטען אָפט בעאונרוהיגט דורך די האַלב־ווילדע גויטשאָס, וועלכע איבערפאַלען זיי מיט גזלות און הריגות.

זיי שטעהען אָהנמעכטיג געגען דיזע איבערפאַלען, ווייל ביי דער ווייטקייט פון די וואוינהייזער איז גאַנץ אונמעגליך שותפות׳דיג צו בעוואַכען די קאָלאָניען. דאָס אונגליק בעשטעהט ניט בלויז אין די רציחות, וועלכע קומען פאָר פון צייט צו צייט, נאָר ניט ווייניגער אין דער שטענדיגער מורא פאַר׳ן אָנפאַל, אין דעם לעבען אין אַן׳אייביגער ציטערניש, טאָמער פאַסירט ווידער אַן׳אונגליק. מען זאָל זיך נאָר אַריינטראַכטען אין דער לאַגע פון אַ פרוי, וועלכע בלייבט אין אַ שטאָק־פינסטערער רעגען־נאַכט אַליין מיט די נימ־דערוואַקסענע קינדער אין אַן׳איינזאַם הייזעל אויפ׳ן פעלד, בעת דער ווינד טרייסעלט די ווענד צום איינוואַרפען, סטראַשעט אַראָבצוטראָגען דעם דאַך און דרינגט דורך אַלע גלידער און פלוצלינג קלאַפט ווער אין דער טיר. וואָס פאַר מאָמענטען פון אַנגסט, פון טויט־שרעק מוז זי דורכלעבען, עהדער זי אָריענטירט זיך, ווער עס פערלאַנגט אַריינצוטרעטען! ניט איינמאָל האָבען די קאָלאָניסטען מיט טרערען אין די אויגען זיך געבעטען מען זאָל זיי ערלויבען צו וואוינען אין גרעסערע גרופען, כדי צו קענען בילדען אַ זעלבסטשוץ. נאָך אַן׳איבערפאַל אין לוסיענוויללע אין פאָריגען יאָהר, בעת 13 פערזאָנען זענען אויף דעם גרויזאַמסטען אופן דער־הרג׳ט געוואָרען, האָבען די קאָלאָניסטען זיך ווידער געווענדעט מיט אַן׳עהנליכער בקשה צו יק״א. זי האָט אָבגעזאָגט. איהר האַרץ בלייבט האַרט ווי אַ שטיין.

וואָס פאַר אַן׳אונערהערטעס פערברעכען ליגט אַלזאָ אין דער געצוואונגענער צעשפרייטהייט! זי איז אַ פערגעוואַלטיגונג פון דער קאָלאָניסטישער פרייהייט, אַן׳אַטענטאַט אויפ׳ן אידישען גייסט, אַ ווירטשאַפטליכער ריקשריט, אַ קולטורעלער און פיזישער מאָרד, איינע פון די גרעסטע שטערונגען פאַר דער אידישער קאָלאָניזאַציאָנס־בעוועגונג.

ווי אַנדערש וואָלט עס געוועזען, ווען די קאָלאָניסטען וואָלטען ניט בערויבט געוואָרען פון זייער עלעמענטאַרסטעס מענשען־רעכט, ווען זיי וואָלטען געווען פריי צו וואוינען לויט זייער אייגענער נייגונג. די קאָלאָניען וואָלטען דאַן פאָרגעשטעלט קליינע צענטרען פון קולטור און קראַפט, פון לעבען און בעוועגונג, פון אַרבייט און פרייד — ווען די אַנדערע בעדינגונגען וואָלטען ניט געווירקט דאַגעגען. די קאָלאָניסטען וואָלטען

אויסגעבּיטען זייערע אײנדריקע און ערפאַהרונגען פון דער ווירטשאַפט און יעדער וואָלט געשטרעבט נאָכצוטהון דעם בעסטען צווישען זיי; די גענאָסענשאַפטליכע בעוועגונג וואָלט געקענט דערגרייכען די העכסטע מדרגה פון בליהונג; די אַרבייטספרייע צייט וואָלטען די מענשען פערבּראַכט אין אָנרעגענדע געשפּרעכען פול וויץ און גלייכווערטלעך, ווי דער איד האָט עס ליעב; די יונגע לײַט וואָלטען אין דער צײַט געפונען געלעגענהייט צו ווערען בעקאַנט און נאָהענט איינע מיט די אַנדערע, צו מעסטען און אַנטוויקלען זייערע גייסטיגע און פיזישע כחות אין שותפות׳דיגען שפּיעל און שפּאַס. אָנצוקניפּען בעציהונגען און זיך אויסצוזוכען פּאַסענדע לעבענס-בעגלייטער; אָנפאַלען וואָלטען שפּיעלענדיג אָבגעוועהרט געוואָרען דורך א מין פאָלקס-מיליץ. ווען זיי וואָלטען נאָך איבערהויפּט פאָרגעקומען. אַ לוסטגאָרטען האָבען די קאָלאָניען געקענט זיין, יק״א האָט זיי פערוואַנדעלט אין אַ גיהנום.

ב) די פילאַנטראָפּישע צעד־אָרדנונג. ווי די מיטעל-אַלטערליכע צעך־אָרדנונג איז געוועזען די שטאָדטישע ערגענצונג פונ׳ם פעאָדאַליזם, אַזוי האָט יק״א אויסגעטראַכט אַנ׳אײַנגעאַרטיגען צעך-סיסטעם, כדי צו פערפאָלשטענדיגען איהר פעאָדאַלע קאָלאָניזאַציאָנס מעטהאָדע. זי האָט פאָלשטענדיג אָבגעשאַפט די פערקעהרס- און געווערבע-פרייהייט אין די שטעדטלעך, וואָס בילדען זיך נויטווענדיג אויס אין די קאָלאָניען, און האָט איינגעפיהרט אַ מאָנאָפּאָל אויפ׳ן מסחר און מלאכות. דערצו נויטיגט זי זיך גאָר ניט אין קיין געזעצען, וואָס זאָלען פאַר איהרע קאָלאָניען אָבשאַפען די אַרגענטינישע קאָנסטיטוציע. אַלס איינציגע בעזיצערין פון אַלע ערדען האָט זי דאָס גאַנצע ווירטשאַפטליכע לעבען אין איהרע הענד. פערדינגט זי איינעם אַ פּלאַץ, דאַן ווערט איהם אויסדריקליך געמעלדעט, צו וועלכען צוועק ער מעג איהם בענוצען. פּרובּירט ער ניט פאָלגען, איז דאָ צו איהם אַ פּשוט׳ע תרופה: מען נעהמט איהם אַוועק די „קאָנצעסיע".

דאָס רעכט צו דינגען אַ פּלאַץ איז אַ גרויסע אויסצייכנונג. דערצו מוז מען זיך „דערדינגען". זוכה זענען צו דיזער אויסצייכנונג נאָר יחידי סגולה, ווען מען גיט אין דעם פאָרם פון אַ „קאָנצעסיע" אויף אַ קלייט, אַ האָטעל אָדער אַ מלאכה אַ פּרעמיע פאַר גוטע „פערדיענסטען".

די פאָלגען פון דעם סיסטעם זענען ווי פון יעדען מאָנאָפּאָל: אַ יקרות אויף די פּראָדוקטען, אָהן די אויסגלייכענדע ווירקונגען פון דער פרייער קאָנקורענץ מוזען די פּרייזען אויף די פּראָדוקטען נאַטור-נויטווענדיג שטייגען אין דער הויך. אַלס פּראָדוצענט אָבגעשאַנען, ווערט דער אידישער קאָלאָניסט אַלס קאָנסומענט נאָך מייסט בעריסען. ליגט דאָ ניט אַ נייער גרונד פאַר דער קאָלאָניסטישער נויט?

ג) דאָס פֿעהלען פֿון אַגראַר־אינדוסטריע.

טיילס אַלס פֿאָלגע פֿון דער געווערבע־אונפֿרייהייט, טיילס וועגען מאַנגעל אין קאַפּיטאַל איז אין די אידישע קאָלאָניען ניטאָ קיין שפּור פֿון אַגראַר־אינדוסטריע, וועלכע האָט געקענט ענטשטעהן און געבען פֿיעלע אימיגראַנטען־פֿאַמיליען געלעגענהייט צו אַרבייט און פֿערדיענסט און פֿערגרעסערן די הכנסה פֿון די קאָלאָניסטען. איך דענק בעזונדערס וועגען דער לעדער־אינדוסטריע, וועלכע האָט אַ גוטען אָבזאַץ אין אַרגענטינאַ. די פֿעלען פֿון די געקיילעטע בהמות, וואָס זענען אין די קאָלאָניען כמעט אָהן אַ ווערט, פֿון די געפֿאַלענע בהמות, וועלכע קיינער גיט זיך גאָר קיין מיה ניט אָבצושינדען, וואָלטען דערביי געקענט בעאַרבייט ווערען מיט אַ נוצען פֿאַר אַלע. וואָס פֿאַר גרויסע מעלות עס קען האָבען די פֿעראייניגונג פֿון דער אינדוסטריע מיט דער לאַנדווירטשאַפֿט פֿאַר דער לעצטער, קען דאָ נאָר בעריהרט ווערען: די פֿערוואָרטונג פֿון די ווירטשאַפֿטליכע אָבפֿאַלען, די אָרטיגע אָבזאַץ־געלעגענהייט, בעזונדערס פֿאַר די פּראָדוקטען פֿון די נעבען־צווייגען. די פֿערדינסט־מעגליכקייט אין דער טויטער סעזאָן. יק"א דערלאָזט אָבער ניט די ענטשטעהונג פֿון אַן אַגראַר־אינדוסטריע. זי וויל האָבען אַקער־בויערן און ניט מעהר ווי אַקער־בויערן, שטעלענדיג די קאָלאָניזאַציע ריין אויף דער לאַנדווירטשאַפֿט, בינדעט זי די אידישע פּראָדוקציאָנס־כחות פֿון אַ נייער זייט. זי איז אַ ווירטשאַפֿטליך־רעאַקציאָנערע מאַכט. קיין טובה טהוט זי דעם יודענטום דערמיט נאַטירליך ניט, אפילו די קאָלאָניזאַציאָנס־אידעע פֿאַר זיך האָט ניט דערפֿון דעם קלענסטען נוצען, דאַגעגען אָבער פֿיעל שאָדען.

דער געשילדערטער קאָלאָניזאַציאָנס־סיסטעם וואָלט זאָגאַר ביי אַ גוטער אָנווענדונג געמוזט ברענגען צו די טרויעריגסטע רעזולטאַטען. ער איז אָבער ניט גוט אָנגעווענדעט געוואָרען. מען האָט פֿערקעהרט מיט איהם געטריבען דעם גרויזאַמסטען מיסברויך, וואָס די מענשליכע פֿאַנטאַזיע קען זיך נאָר אויסמאָלען, און איהם פֿערוואַנדעלט אין אַן אייביגער אינקוויזיציאָן פֿאַר די קאָלאָניסטען. עהדער מיר געהען דערצו איבער, וועט אָבער ניצליך זיין זיך עטוואָס צו פֿערטראַכטען איבער די טעמים, וועלכע האָבען געבראַכט די יק"א צו אַ סיסטעם, וואָס האָט פֿאַר זיך עפּיס עהנליכעס נאָר אין די פֿינסטערסטע צייטען פֿון דער מענשהייטליכער געשיכטע, און צו זאָגען אַ פּאָר ווערטער איבער יק"א'ס לאַנדווירטשאַפֿטליכע ערציהונג.

3. די גוטע כונות און שלעכטע רעזולטאַטען פֿון דער פֿילאַנטראָפּיע.

מען שטעהט פֿול ערשטוינען פֿאַר יק"א'ס קאָלאָניזאַציאָנס־סיסטעם. ווי האָט ער גאָר געקענט ענטשטעהן, ווי ערהאַלט ער זיך ביים לעבען?

וואס פאר טעמים האט דערביי די יק"א ? מען קען פסיחאלאגיש בעגרייפען די ערגסטע אונטערדריקונג, ווען דער אונטערדריקער האט דערביי וואס פאר עס איז נוצען, וואס האט אבער די יק"א דערפון, וואס זי האלט די קאלאניסטען אין דער אונמעגליכסטער אבהענגיגקייט, וואס זי מאכט זיי דאס לעבען אזוי אונערטרעגליך, וואס זי וויל זיי אויף קיין אופן ניט פריילאזען ? די שפאניש-ארגענטינישע פרעסעווארפט דער יק"א פאר, אז זי איז גאר ניט קיין פילאנטראפישע געזעלשאפט, נאר א קאפיטאליסטישע חברה, וועלכע פערפאלגט לויטער עקספלאאטאטארישע ציעלען. אויף אזא אופן בעפרידיגט זי, וואס איז מיט'ן חאראקטער פון דער אידישער פילאנטראפיע ניט בעקאנט, איהר קויסאל-בעדערפניס, דאס הייסט איהר פסיחישעם בעדערפניס ארויסצוגעפינען די סבות פון די ערשיינונגען. אונז קען אבער דיזע ערקלערונג ניט בעפרידיגען. מיר ווייסען, אז יק"א איז נאר בעשאפען צוליעב פילאנטראפישע צוועקען. זי קען ריכטיג אדער פאלש ערפילען איהרע אויפגאבען, ריוח אבער זוכט זי א ל ס ג ע ז ע ל ש א פ ט ניט. ווען איך האב איהר קאלאניזאציאנס-סיסטעם אנגערופען א פעאדאלען, האב איך מיט דעם אויסדרוק געוואלט חאראקטעריזירען דעם ש ט י י ג ע ר פון איהר טעטיגקייט, אבער ניט די צ י ע ל ע ן פון איהר טעטיגקייט. וועלכע ציעלען פערפאלגט אלזא דאך יק"א'ס פעאדאליזם ?

אומזיסט וועלען מיר זוכען א תשובה אויף דיזע פראגע אין די אלגעמיינע כללים פון דער קאלאניזאציאנס-טהעאריע. א קאלאניזאציאנס-סיסטעם, וואס בינדעט די ענערגיע פון די קאלאניסטען און מאכט זיי דאס לעבען פאר אנ'אייביגער פיין, וואלט ביי אנדערע פעלקער אפילו דורך די קאנסערוואטיווסטע ווירטשאפטס-לעהרער פעראורטיילט ווערען מיט דער גרעסטער שארפקייט. עס מוזען זיין ספעציפיש אידישע טעמים, וואס האבען די יק"א געבראכט צו איהר שיטה. וועלכע טעמים זענען עס ? כדי עס פאראוים צו זאגען : עס זענען ניט אביעקטיווע טעמים, נאר סוביעקטיווע, זיי ליגען ניט אין דער נאטור פון דער אידישער קאלאניזאציע, נאר אין דער פסיהיק פון די קאלאניזאטארען.

די ענטשיידענדע פאקטארען פון דער יק"א, די מיטגלידער פונ'ם פאריזער אדמיניסטראציאנס-ראט, אזוי ווייט ווי זיי קימערן זיך בכלל מיט דער טעטיגקייט פון דער געזעלשאפט, וואס זיי רעפרעזענטירען, האבען זיכער געהאט די בעסטע כונות ביי דער אויסארבייטונג פונ'ם קאלאניזאציאנס-פלאן, זיי זענען אבער דערביי געווארען דער קרבן פון זייערע פאראורטיילען געגען דעם קאלאניזירטען עלעמענט, פון זייער ניט בעקאנטשאפט מיט די פערהעלטניסען אין די קאלאניען און פון זייער אייגענער גאוה.

די ווירדען-טרעגער פון דער יק"א זענען דורכגעדרונגען מיט דער

איבערצייגונג, אַז די מזרח־אידען, וועמען זיי קאָלאָניזירען, זענען פֿון נאַטור אויס ניט פֿעהיג צו דער לאַנדווירטשאַפֿט, אַז זיי פֿעהלט בכלל דער אַרבייטס־חשק, אַ איבערצייגונג, וואָס זיי היטען זיך אָבער אָפֿען אַרויסצוזאָגען, וואָס זיי לייקענען זאָגאַר עפֿענטליך אָב, כדי ניט צו געבען די שונאי ישראל קיין פתחון פה. דיזע פֿאָראורטיילען האָבען זיך ביי זיי איינגעוואָרצעלט דורך די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדאַ, וועלכע האָט איבערגעלאָזט טיעפֿע שפּורען אויף דער וועלט־אַנשויאונג פֿון דעם מערב־איראָפּעאישען יודענטום, צו וועלכען זיי געהערען.

די אַרגענטינישע בעאַמטענשאַפֿט פֿון יק"א, אונטערשטיצט דורך די הויכע פּאַריזער בעאַמטע, וואָס האָט זייט דער גרינדונג פֿון דער קאָלאָניזאַציאָן ניט אויפֿגעהערט צו פֿערשוואַרצען די קאָלאָניסטען אין די אויגען פֿון זייערע „אויסלעזער", האָט דיזען פֿאָראורטייל נאָך פֿערשטאַרקט. די גאַנצע פֿעראַכטונג און אונצוטרוי פֿונ'ם אַסימילירטען מערב־יודענטום צום „קולטורלאָזען" מזרח־יודענטום האָבען געפֿונען ביי יק"א זייער שאַרפֿסטען אויסדרוק. דער געגענזאַץ פֿון די פֿערשיעדענע קולטור־קרייזען, צו וועלכע עס געהערען די קאָלאָניזירענדע און די קאָלאָניזירטע, האָט זיך פֿערמישט מיט'ן סאָציאַלען געגענזאַץ, וואָס טיילט זיי אָב איינע פֿון די אַנדערע, מיט'ן געגענזאַץ צווישען די רייכע הילף־געבער צו די אָרימע הילף־נעהמער. אונזערע „הויכציוויליזירטע" מערב־אידישע פֿילאַנטראָפּען האָבען זיך אַריינגעלעבט אין אַ איבערמענשענטום־איינבילדונג, אין אַ גרויסקייט־שגעון בנוגע זייערע „אָרימע ברידער פֿון מזרח", אַ גרויסקייט־שגעון, וואָס וואַקסט אין גראַדער פּראָפּאָרציאָן צו דער אויסערליכקייט פֿון זייער קולטור און דער גרויס פֿון זייערע געלד־זעק. שוין גענוג אָבגעטיילט דורך צוויי פֿערשידענע וועלטען, שטעהט נאָך צווישען די קאָלאָניזירענדע און די קאָלאָניזירטע אַ שטאַרקע מחיצה פֿון אַ עקעלהאַפֿטער, אינפֿעראַנטוואָרטליכער בעאַמטענשאַפֿט, וועלכע האָט צו זיך קיין גלייכען ניט און וועלכע זוכט קינסטליך נאָך צו פֿערגרעסערן די געגענזעצע, צו מאַכען אונמעגליך יעדעס פֿערשטענדניס צווישען זיי, כדי ניט צו דאַרפֿען אַרויסלאָזען פֿון איהרע הענד די מאַכט, וועלכע זי האָט אינגאַנצען פֿערכאַפּט.

ווי זאָל מען קאָלאָניזירען אידען? אויף דיזע פֿראַגע, וואָס האָט אונז שוין בעשעפֿטיגט, האָט יק"א געפֿונען אַנ'אַנדער תשובה ווי מיר.

עס איז נאַטירליך שטענדיג ריזיקאַליש צו וועלען טרעפֿען אַ פֿרעמדענס געדאַנקען, דאָך גלויב איך, געשטיצט אויף די פּרושים פֿון די בעאַמטע, ניט צו האָבען קיין טעות, ווען איך זאָג, אַז די יק"א־קעפּ אורטיילען אונגעפֿעהר אויף פֿאָלגענדען אופֿן:

די רוסישע אידען, די מזרח־אידען איבערהויפּט, אונפֿעהיג ווי זיי זענען צו דער לאַנדווירטשאַפֿט און אָהן חשק צו פֿיזישע אַנשטרענגונגען,

מוזען זיך פֿריהער דורכקאָכען אין'ם קאָלאָניזאַציאָנס־קעסעל, עהדער זיי קען געגעבען ווערען דאָס אייגענטומס־רעכט אויף די פֿאַרמס און די פֿערקעהרס־פֿרייהייט. ווען זיי ענטשליסען זיך אין אַ גוטען, ריכטיגער אין אַ שלעכטען מאָמענט צו ווערען ערד־אַרבייטער, איז עס נאָר אַ פֿאָר־איבערגעהענדע שטימונג, אַ פֿערצווייפֿלונגס־אַקט; פֿריהער אָדער שפּעטער מוז ווידער אויפֿוואַכען דער „אמת'ער" איד, דער קרעמער און שאַכערער, און מאַכען פֿון אַלע אָנשטרענגונגען אַ תל. אויב די אידישע קאָלאָניסטען וועלען זיין אונבעגרענצטע אייגענטימער, וועלען זיי באַלד פֿערקויפֿען די פֿאַרמס און פֿונאַנדערלויפֿען אין אַלע ווינקעלעך מיט דער כונה צו עפֿענען קלייטלעך אָדער זיי וועלען די קאָלאָניען זעלבסט פֿערוואַנדלען אין אַ מין רוסישע קליינשטעדטלעך. דאָס קען אונמעגליך געמאַכט ווערען נאָר דורך דעם, וואָס פֿאַר'ן אַוועקגעהן ווערט געשטעלט די גרעסטע שטראָף, וועלכע איז מעגליך אין די ראַהמען פֿון דער רעפּובליקאַנישער קאָנסטיטוציע, נעמליך צו פֿערלירען אַלץ, וואָס אַזאַ פֿערברעכערישער קאָלאָניסט בעזיצט. ער וועט שוין דאַן פֿערזאָגען אַ צעהנטען צו פֿערלאָזען די קאָלאָניע, וואָס ביי איהר גרענעץ הויבט זיך אָן פֿאַר איהם דאָס עלענד. די אידען נייגען פֿון דער אַנדער זייט שטאַרק צו לוקסוס. ווען זיי וועלען קענען פֿער'משכנ'ען זייערע בעזיצטימער, וועלען זיי מאַכען אונפּראָדוקטיווע הלואות. דאָס איז אַ נייער גרונד זיי ניט צו געבען קיין אייגענטומס־רעכט. די אידען זענען ווייטער צו אינטעליגענט, דעריבער רייסען זיי זיך אַזוי צו פֿרייע פּראָפֿעסיעס, דעריבער זענען זיי אויך אַזוי ווידערשפּענסטיג געגען זייערע מנהיגים און מדריכים. אינטעליגענץ און לאַנדווירטשאַפֿט זענען צוויי הפכים בנושא אחד, איינערע געגענזעצע. וואָס מעהר די אידען וועלען אין אינטעליגענץ פֿערלירען, אַלץ מעהר וועט די אידישע קאָלאָניזאַציאָנס־אידעע געווינען. צעשפּרייטענדיג זיי איבער די קאָלאָניען, וועלען זיי זיך בּיסלעכווייז אויסקורירען פֿון זייער איינזייטיגער מח־ענטוויקלונג. דערביי וועט נאָך אַרויסקומען אַ גרויסער נוצען פֿאַר דער קאָלאָניזאַציע דורך דעם, וואָס די קאָלאָניסטען וועלען אויפֿהערען צו פֿערברענגען צופֿיעל די צייט אין מחלוקת איינע מיט די אַנדערע און מיט דער אַדמיניסטראַציע. וואונענדיג יעדער פֿאַר זיך, וועלען זיי זיך דאָס מעהר אָבגעבען מיט דער ווירטשאַפֿט, וואָס ווייניגער זיי וועלען זיין פֿערנומען מיט אונניצליכע ענינים אָדער „מיט זאַכען, וואָס זענען צו זיי ניט שייך". דאָס אַלץ מעג זיין אין אָנהויב שמערצליך פֿאַר די קאָלאָניסטען, אָבער דאָס ווערט דאָך שליסליך געטהון זיי לטובה. וועלכער קלוגער היררג וועט זיך לאָזען ווייך מאַכען דורך ווייבערשע געפֿיהלען, אויב די אַמפּוטאַציע פֿון אַ גליד ביים חולה איז זיין איינציגע רעטונג? און זו קאָלאָניזירט, די יק"א, מיט'ן היררג־מעסער אין דער האַנד.

איהר קאָלאָניזאַציאָנס־מעטהאָדע איז אַנ׳אָפּעראַציע אויפ׳ן אידישען פאָלקס־
גייסט, אַנ׳אָפּעראַציע, אויסגעפיהרט דורך די אומגעלומפּערטעסטע רופאים־
פּאַרטאַטשעס. יעדער שריט איהרער איז אַ געוואַלטזאַמער שניט אינ׳ם
פליישׁ פון דעם יודענטום. יק״א האָט ניט צוגעפּאַסט איהר קאָלאָניזאַ־
ציאָנס־אופן צום אידישען פאָלקס־האַראַקטער, ווי עס פאָדערט דער גע־
זונדער מענשען־פערשטאַנד, פערקעהרט, זי קרימט און בייגט דעם
אידישען־פאָלקס־האַראַקטער און זוכט איהם מיט געוואַלט אַריינצופּרעסען
אין אַ קינציג אויסגעטראַכטען, אָבער אוננאַטירליכען סיסטעם, וועלכען
זי האָט געמאַכט פאַר אַ חק ולא יעבר. זי קאָלאָניזירט ניט, נאָר
„קוּרירט“. איהרע קאָלאָניען זענען וועניגער פּראָדוקציאָנס־ערטער ווי
„מאָראַלישע היילאַנשטאַלטען“, געגרינדעט דורך דער פילאַנטראָפּישער
גאָט־עהנליכקייט, וואָס פיהלט זיך פאַר בערופען צו שפּילען די ראָלע
פון אַ מאָראַלישען אָפּעראַטאָר אויף דעם האַראַקטער פון אַ פאָלק.

יק״א׳ס קור איז ניט בלויז אוננויטיג און שמערצהאַפט, זי איז
אויך שעדליך. זי ווירקט ווי פּיאַווקעס אויף אַ געזונדען גוף. עס זאָל
ניט געלייקענט ווערען, אַז יק״א האָט מיט איהר סיסטעם געזוכט צו
לעזען אויך מאַנכע וויכטיגע פּראָבלעמען פון דער קאָלאָניזאַציע, זי
רעאַגירט אָבער אויף אַנ׳אופן, וועלכער פערשאַרפט נאָך די פּראָבלע־
מען און שטעלט די קאָלאָניזאַציע אין סכנה.

דער קאָלאָניזאַטאָר, וואָס פערפאָלגט ניט בלויז פּריוואַטע ציעלען,
וועט זיך ניט בעגניגען מיט דער גרינדונג פון קאָלאָניען, נאָר וועט אויך
זאָרגען פאַר זייער ערהאַלטונג. ער וועט אַלזאָ אָננעהמען מיטלען, כדי
אָבצוּווערען פון זיי אַלע מעגליכע געפאַהרען. דאָס מוז אויך טהון
יעדע ערנסטע אידישע קאָלאָניזאַציאָנס־געזעלשאַפט. עס איז דעריבער
פאַר זיך גאַנץ בערעכטיגט, ווען יק״א וויל האָבען אַנ׳איינפלוס אויף די
קאָלאָניען אויך נאָך זייער גרינדונג. די פראַגע איז נאָר ווי גרוס דיזער
איינפלוס זאָל זיין און ווי ער זאָל אויסגענוצט ווערען. צוויי זאַכען
קענען זיך אַרויסווייזען אַלס געפעהרליך פאַר דער עקזיסטענץ
פון די אידישע קאָלאָניען: די איבערשולדונג פון די פאַרמס און אַ צו
גרויסער פאַרם־מסחר. ביידע זאַכען זענען אויסגעשלאָסען, כל זמן די יק״א
איז די רעכטליכע בעזיצערין פון אַלץ. דערין ליגט טיילוויז אַ שיין פון
בערעכטיגונג פאַר איהרע קאָנטראַקטען, אָבער דאָך נאָר אַ שיין פון בער־
רעכטיגונג. וואָס איז נוגע דער איבערשולדונג, האָט זי מיט די אידישע
קאָלאָניסטען אַלס אַזוינע צו טהון בלויז אין די ערשטע יאָהרען. ווען
אַ בעזיצלאָזער מענש ווערט קאָלאָניזירט און ער נעהמט אָן גלייך אין
דער ערשטער צייט פיעל קרעדיט, קען עס זיך אַרויסווייזען פאַר זיין
ווייטערדיגער עקזיסטענץ אַלס פאַטאַל. ער מוז אַלזאָ אָבגעהאַלטען ווערען,

ביבליאטעק און לעז צימער פון אידיש
נאציאנאלען ארבייטער פערבאנד
LIBRARY AND READING ROOM OF THE
75
Jewish National Workers Alliance

פון ניט גענוג איבערלעגטע הלוואות. אויב דערציִ איז אָבער דוקא
נויטיג איהם צו בערויבען די ווירטשאַפטליכע פרייהייט, קען מען בעד
שטרייטען. יעדענפאַלס וועט מען עס נאָך געפינען פאַר בעגרייפליך,
אַז יק״א וויל זיך בעוואָרענען און מען וועט איהר פערצייהען, וואָס זי
ניט די ערשטע יאָהרען ניט אַרוים די קאָלאָניסטען די אייגענטומס־
טיטלען, הגם אַלס ערשטע היפאָטהעקאַרין וואָלט זי קענען זיין זיכער
מיט איהר געלד. מען וועט אָבער דערביי מוזען פערלאַנגען זי זאָל
איהם זעלבסט געבען דעם נויטיגען קרעדיט. ווייטער אָבער דאַרף יק״א
אָנווענדען בלויז איהר מאָראַלישען איינפלוס, אויב זי בעזיצט אַזוינעס,
און אין איבריגען איבערלאָזען דעם קאָלאָניסט זיין אייגענער פער־
אַנטוואָרטליכקייט. ווען זי וויל איהם ניט מאַכען פאַר אַ ווירטשאַפט־
ליכען קאַליקע. וואָס איז שייך צום גיטער־מסחר, קען דיזער שעדליך
ווירקען אין צוויי פאַלען: ווען דורך איהם וואָלט ענטשטעהען אַן אָנזאַמ־
לונג פון פיעלע ערדען אין איינצעלנע הענד אָדער ווען די פאַרמס
וואָלטען פערקויפט ווערען אין אַ בעדייטענדער צאָהל צו ניט־אידען,
דורך וואָס עס וואָלט פערלאָרען געהן דער אידישער כאַראַקטער פון
די קאָלאָניען. דיזע ביידע פאַלען וואָלטען אָבער נאָר איינטרעטען ביי
אַן אַלגעמיינער נויט פון די קאָלאָניסטען, ווען אויך ביי דער זעלבסט־
שטענדיגקייט וואָלט זייער מצב ניט זיין בעסער ווי היינט. דאָס הייסט
אָבער פאָראויסזעצען, אַז די סבות פון דעם קריזיס זאָלען אויך ווירקען,
בעת זיי וואָלטען ניט עקזיסטירען, און אַלזאָ בעגרינדען יק״א׳ס קאָלאָ־
ניזאַציאָנס־פאָליטיק מיט איהרע שלעכטע פאָלגען. לאָמיר זיין דייט־
ליכער. אויב די קאָלאָניסטען וואָלטען אויך נאָך דער אויסקויפונג פון זייערע
פאַרמס ניט אַרוים פון זייער עלענד, וואָלטען מאַנכע פון זיי אין פער־
צווייפעלטע מאָמענטען געמאַכט אַליין צו געלד און וואָלטען זיך בעזעצט
אין די שטעדט, ווי דאָס איז געשעהן און געשעהט ביי די היינטיגע
צושטענדע, בעת די קאָלאָניסטען האָבען גאָר ניט וואָס צו פערקוי־
פען. אָבער מיר ווייסען דאָך פונוואַנעט די קאָלאָניסטישע נויט שטאַמט,
נעמליך פון זייער אַבסאָלוטעסטער אָבהענגיגקייט מצד דער יק״א. אָהן
דיעם וואָלטען זיי קיינמאָל ניט קומען צו אַזאַ פערצווייפלונג, וועלכע
זאָל זיי פערטרייבען פון די פאַרמס, וועניגסטענס ניט אין אַ בעדייטענדער
צאָהל. די קאָלאָניען שטעלען היינט פאַר אַן אָרט פונ׳ם שווערען סאָ־
ציאַלען דרוק און דאָך רייסען זיך פיעלע אַהין, אַזוי שטאַרק איז אָנגע־
וואַקסען דאָס אידישע קאָלאָניזאַציאָנס־בעדערפניס. וואָס וואָלט אַלזאָ
געווען, ווען זיי וואָלטען געווען דאָס, וואָס זיי האָבען געזאָלט זיין,
אַן אָרט פונ׳ם לייכטען סאָציאַלען דרוק? וואָלט ניט דאַן דער דראַנג צו
די קאָלאָניען געווען אַן אויסעראָרדענטליכער? דעם אָרט פון איינעם,

וואס וואלט געווארפען די פארם, וואלטען געווען הונדערט אנדערע און בעסערע גרייט איבערצונעהמען. אין די קאלאניען וואלט אויף אזא אופן פארגעקומען א נאטירליכע צוכטוואהל, די פארמס וואלטען אריינגעפאלען אין די הענד פון די בעסטע לאנדווירטען, פון די אנפאסונגס־פעהיגערע, ווילענס־קרעפטיגערע, אונטערנעהמונגס־רייכערע. דורך דעם וואלט די עקזיסטענץ פון די קאלאניען אויף שטענדיג פער־פעסטיגט געווארען. דיזע געזונדע ענטוויקלונג איז דא אויסגע־שלאסען. עס קומט גאר פאר א ענטגעגענגעזעצטע ענטוויקלונג: עס בלייבען אין אלגעמיין די ווילענס־שוואכערע, די ביינזאמערע, די ווייניגער ריה־רעוודיגע, וועלכע האבען מורא צו ריזיקירען דעם שפרונג אין דאס דונקעלע אויסער נאטירליך א אונבעשטימטע צאהל אידעאליסטען, וואס זענען מעהר גייסטיג פערבונדען מיט דעם קאלאניזאציאנס־געדאנק. ווען דיזע אלע ערוועגונגען זענען נאך ניט בכח צו בערוהיגען די יק"א איבער'ן גורל פון די קאלאניען אין פאל פון דער אנערקענונג פונ'ם אייגענטומס־רעכט, וואלט זי שליסליך זיך נאך קענען זיכער'ן א געוויסען איינ־פלוס, פעסטזעצענדיג אינ'ם קאנטראקט די בעשטימונג, אז איהר געהערט דאס פארקויפס־רעכט, ד. ה. אז אין פאל פון א פערקויף, שטעהט זיי אויפ'ן ערשטען פלאן. דורך דעם וואלט א אונגעווינשטע גיטער־ספעקולאציע געקענט פערמידען ווערען.

ניט ווילענדיג מעלדעט זיך א פערגלייך צווישען דער יק"א און דער פרייסישער אינערער קאלאניזאציע. ווי רעאקציאנער די פרייסישע רעגירונג איז ניט, שטעהט זי דאך הימעלהויך איבער די יק"א אינ'ם פערשטענדניס פאר דיווירטשאפטס־געזעצען און דער פאלקס־פסיחיק. כדי צו פערפעסטיגען דעם דייטשען עלעמענט אין די פראווינצען פאזען און וועסט־פרייסען, איז געגרינדעט געווארען די דערמאהנטע אנזידלונגס־קאמיסיאן, וואס קאלאניזירט מענשען מיט ווייניג געלד־מיטלען מיט דער הילף פונ'ם מלוכה־קרעדיט. דער קאלאניסט בעקומט ערד און צו־שטייער אויף די ערשטע איינריכטונג. די בויערן־שטעלע טראגט דעם נאמען רענטען־גוט, ווייל זי ווערט אויסגעצאהלט מיט א מעסיגער יעהר־ליכער רענטע אין פערלויף פון א יאהר 60. מען וועט זיך ניט שטארק וואונדערן איבער דיזען לאנגען טערמין, ווען מען דערמאהנט זיך אן די הויכקייט פון די ערד־פרייזען אין איראפא. כדי צו פערמיידען, אז די ערד זאל ניט אריינפאלען צוריק אין פוילישע הענד, ווערט פעסטגע־שטעלט אינ'ם קאנטראקט די בעדינגונג, אז ביי יעדען בעזיץ־בייט איז נויטיג די הסכמה פון דער אנזידלונגס־קאמיסיאן. אין דער פראקטיק ווערט דיזע בעשטימונג אנגעווענדעט גאנץ ליבעראל אויסער געגען די פוילען. כדי צו דערמוטיגען דעם ארבייטס־פלייס פונ'ם קאלאניסט, איז

איהם ערלויבט די רענטע אויסצוקויפֿען, ד. ה. זיך פֿון איהר צו בעפֿרייען דורך אַ פֿריהערדיגע אויסצאָהלונג, אויסער ביי איין צעהנטעל, וועלכער מוז בלייבען ביז דער רענטע־טערמין ענדיגט זיך, כדי דער אַנזידלונגס־קאָמיסיאָן צו זיכערען אַן׳ איינפֿלוס אויף די נאַציאָנאַליטעט פֿונ׳ם קומענדיגען בעזיצער. אין יעדער בעציהונג רעכענט זיך די אַנזידלונגס־קאָמיסיאָן מיט די ווינשע פֿון די קאָלאָניסטען. דעם דאָרף־סיסטעם איז געגעבען געוואָרען די בכורה פֿאַר׳ן הויף־סיסטעם, כדי ביי די קאָלאָניסטען צו ענטוויקלען אַ שטאַרקען געזעלשאַפֿטס־גייסט. דאָס גענאָסענשאַפֿטס־וועזען ווערט שטאַרק בעגינסטיגט. ווען מען לעגט אַוועק אָן אַ זייט דעם נאַציאָנאַל־פּאָליטישען מאָמענט פֿון דיזען קאָלאָניזאַציאָנס־סיסטעם, זעהט מען, אַז די פּרייסישע רעגירונג און געזעצגעבונג, ווי רעאַקציאָנער זיי זאָלען ניט זיין, ווייסען צו שעצען די בעדייטונג פֿונ׳ם איינגענטומס־רעכט, פֿערקעהרס־פֿרייהייט, פֿונ׳ם שותּפֿות׳דיגען לעבען, פֿון דער פּערזענליכער איניציאַטיווע און די פּסיחישע בעדערפֿניסען פֿון די קאָלאָניזירטע. די יק״א איז אָבער קליגער פֿון דער גאַנצער וועלט. איהר פֿילאַנטראָפּישע מאַיעסטעט בילדעט זיך איין צו זיין פֿעהיג צו שפּיעלען די ראָלע פֿונ׳ם שיקזאַל אינ׳ם לעבען פֿון אַ פֿאָלק, זיך ניט רעכענענדיג מיט זיין ווילען, נייגונגען, בעדערפֿניסען.

זי בלייבט ביי איהר סיסטעם, הגם זיינע שלעכטע רעזולטאַטען זענען גענוג שאַרף אַרויסגעטרעטען, הגם דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט פֿערהיטען, איז גראָד געקומען: די איבערשולדונג פֿון די קאָלאָניסטען, ווען אויך ניט פֿון די קאָלאָניען, און דאָס אָפֿטע איבערגעבען די פֿאַרמס אין די הענד פֿון ניט־אידען. און יק״א וועט פֿון זעלבסט ניט אויפֿהערען צו לעבען אין איהרע פֿאַטאַלע טעותים. פֿערבייטענדיג די סבּות מיט די ווירקונגען, שרייבענדיג אַלע מיספֿאָלגען אויפ׳ן חשבּון פֿונ׳ם קאָלאָניזירטען עלעמענט, איז זי אונפֿעהיג קליגער צו ווערען פֿון איהרע פֿעהלערן, וועט זי ווייטער פֿאָרטזעצען איהר רואינירענדען סיסטעם, אויב זי וועט ניט ענדליך אַראָבגעשליידערט ווערען דורך אַ שטאַרקער האַנד פֿון די הימלען פֿון איהר גרויסקייט־שגעון.

4. יק״א אַלס ערציהערין.

אַז יק״א׳ס קאָלאָניזאַציאָנס־סיסטעם פֿערפֿאָלגט דאָס ציעל די קאָלאָניסטען קולטורעל צו דעגראַדירען, ווערט בעשטעטיגט אויך פֿון אַן׳אַנדער זייט, דורך דעם בעדייטונגספֿולען פֿאַקט נעמליך, אַז זי האָט ניט געטהון דאָס מינדעסטע, כדי צו פֿערשפּרייטען אַגראַר־וויסען אין איהרע קאָלאָניען, ווי קאָמיש, ווי היפּאָקריטיש אָדער ווי נאַאיוו קלינגט עס, ווען מען לייענט אַ רעדע פֿון ה׳ נאַרסיס לעווען, אין וועלכער ער מעלדעט, אַז די אויפֿגאַבע פֿון יק״א איז צו גרינדען מוסטער־קאָלאָניען.

וועלכע זאלען דינען אלס א לייכטענד ביישפיעל פאר אנדערע און שוין דורך זייער עקזיסטענץ אליין פערשטארקען די נייגונג צו דער אגרי־קולטור צווישען די אידען! מוסטער־קאלאניען אהן איין איינציגע פארם־שולע, אהן איין איינציגע מוסטער־ווירטשאפט, אהן איין ביכעל איבער די עלעמענטארסטע השגות פון דער לאנדווירטשאפטס־לעהרע! יע, אין אנדערע לענדער, וואו דאס איז גראד ניט שטארק נויטיג, גרינדעט די יק״א לאנדווירטשאפטליכע שולען און פערשווענדעט אויף זיי מאסען געלד. צו וואס דארף זי איהרע שולען אין רוסיש־פוילען און אין אנדערע געגענדען פון רוסלאנד, די אידען טארען דאך דארט סיי ווי סיי ניט קויפען קיין ערד? דערויף איז דער תרוץ, אז עס מוז דאך א מאל קומען א צייט, ווען די אידען וועלען בעקומען גלייכע רעכטען, דעריבער ווערען שוין היינט פארגעגרייט קאנדידאטען פאר דער אגרי־קולטור *). ארגענטינא דאגעגען, דאס הויפט־טעטיגקייטס־פעלד פון יק״א, האט ניט זוכה געווען צו קיין שולע. ווי זאלען די שטאדטישע איינוואהנער ווערען גוטע לאנדווירטען, ווי זאלען זיי זיין קאנקורענץ־פעהיג מיט די בויערן פון אנדערע פעלקער, ווען זיי בעקומען גארניט די מעגליכקייט צו ערלערנען זייער פאך, איינצודרינגען אויף זייער נייען טעטיגקייטס־געביעט?

אמת, אז אין אזוינע עקסטענסיווו ווירטשאפטענדע לענדער ווי ארגענטינא שפיעלט די טהעאריע ניט אזא ראלע ווי אין אייראפא, אבער עס וואלט געווען דער גרעסטער אונזין צו גלויבען, אז זי איז דארט איננאנצען איבעריג. עס איז אויך אמת, אז אין די פאלקס־שולען פון יק״א ווערען אבגעגעבען איינציגע שעה אין וואך פאר לאנדווירטשאפט־ליכען אונטערריכט, אבער דיזער אונטערריכט האט ניט קיין ברעקעל ממשות, ער איז די ריינסטע שפיעלעריי, ווייל קיינער נעהמט די אגראר־לעקציע ניט ערנסט און די לעהרער אליין האבען ניט די קלענסטע השגה פון דעם, וואס זיי אונטעררוכטען כלומר'שט. פאקטיש ווערט די שעה, וואס איז בעשטימט אויף די אגראר־לעקציע, בענוצט נאר אלס פויזע אדער די לעהרער לערנען דאמאלסט פון די שילער צו האלטען א לאפעטע אין האנד. דאס ווייניגע, וואס די אידישע קא־לאניסטען פערשטעהן פון זייער פאך, האבען זיי געלערנט פון פאר־ביירייטענדע גויטשאס אדער פון אייגענער ערפאהרונג, פאר וועלכע זיי האבען בעצאהלט און בעצאהלען טייער רבי־געלד. ווייט קומען קענען זיי דערמיט ניט ביים בעסטען ווילען. מיר זעהען אלזא אויך דא, אז אנשטאט אריבערצואיאגען אין וויסען זייערע קאנקורענטען פון די אנ־דערע נאציאנען, שטעהן זיי אב פון זיי בעדייטענד און אז די חסרונות,

*) Rapport ect. 1908, זייט 11.

וואָס זיי ברענגען־מיט צו דער אַגריקולטור, ווערען דורך גאָרנישט אויסגעגליכען, פֿערקעהרט נאָך פֿערמעהרט, דען זעלטען ווער פֿון זיי איז אימשטאַנד צו לעזען אַ בוך אָדער אַ צייטונג אין דער לאַנדעס־שפּראַך, פֿון וועלכע ער זאָל קענען שעפּען בעלעהרונג איבער די פֿראַגען, וואָס אינטערעסירען איהם. דער מאַנגעל אין אַגראַר־קענטניסען, וואָס מען מערקט אויף שריט און טריט אין די אידישע קאָלאָניען, איז איינער פֿון די וויכטיגסטע סבּות, וואָס זייער לאַגע איז אַזאַ קלאָגעדיגע.

אויף אַלץ האָט דער פֿילאַנטראָפּישער אונזין זיינע טעמים. ניט אומזיסט ריהרט יק״א מיט קיין פֿינגער, כדי צו פֿערשפּרייטען אַגראַר־וויסען אין איהרע קאָלאָניען. זי האָט עס אַ מאָל פּראָבירט און זיך דער־ביי „פֿערברענט“ די הענד. זי פֿלעגט אַראָבברענגען פֿון פֿראַנקרייך אויסשטודירטע אַגראָנאָמען, וועלכע פֿלעגען זוכען אָנצווענדען זייערע מיטגעבראַכטע קענטניסען אויף די אַרגענטינישע פֿערהעלטניסען, צו וועלכע זיי פּאַסען גאָר ניט. ווען מען וויל בלינד אָנווענדען די כּללים פֿון דער אינטענסיווער אַגריקולטור אין אַ לאַנד פֿון די עקסטענסיווסטע ווירטשאַפֿטס־מעטהאָדען, מוז מען נאַטירליך שאָדען אָנשטאָט צו נוצען. דעם דורכפֿאַל פֿון דער פֿראַנצויזישער אַגראָנאָמיע אויף דעם אַרגענטינישען באָדען האָט יק״א אָנגענומען פֿאַר אַ דורכפֿאַל פֿון דער אַגראָנאָמיע אין אַרגענטינאַ איבערהויפּט און זייט דעם דענקט זי, אַז דער בעסטער אופֿן צו מאַכען אידען פֿאַר טיכטיגע קאָלאָניסטען, איז זיי צו מאַכען פֿאַר פּויערים אינ׳ם שלעכטען זין פֿון וואָרט, פֿאַר מענשען מיט גראָבע מחות, פֿאַר אַרבייטס־בהמות.

איינס פֿון די ווירקזאַמסטע ערציהונגס־מיטלען אויפֿ׳ן אַגריקולטור־רעלען געביעט, די פּרעמיען פֿאַר גוטע אויפֿטהואונגען, האָט יק״א אַ מאָל אָנגעווענדעט, כדי אָנצוטרייבען די קאָלאָניסטען צום פֿלייס און אויסצייכנונגען. ווי איבעראַל האָבען אָבער אויך דאָ אַרויסגעוויזען די יק״א־בעאַמטע זייער אַבסאָלוטע אימפּאָטעניץ, מענשען־פֿעראַכטונג און צביעות. מען פֿלעגט מאַכען אויסשטעלונגען, אויף וועלכע עס פֿלעגט צוגעוואָרפֿען ווערען אַ קליינע מטבּעה די, וועלכע פֿלעגען זיך אויס־צייכענען, דאַגעגען קיין לויבענד וואָרט, קיין עהרענד צייכען, אַזוי ווי די קאָלאָניסטען וואָלטען געווען שנאָרער־נאַטורען און זיך געיאָגט בלויז נאָכ׳ן גראָשען. די אינספּעקטאָרען אויף זייערע רייזען פֿלעגען דאָס־גלייכען זיך אַרומוואַרפֿען מיט קליינגעלד, ווען זיי פֿלעגען בעגעגנען אַ קאָלאָניסט, וועלכער האָט ביי זיי נושא חן געווען, און שפּעטער איז דאָס געלד פֿערעכענט געוואָרען אויפֿ׳ן חשבון פֿונ׳ם פּריוז־געקרוינטען קאָלאָניסט גופא. וועלכער האָט עס געמוזט אָבצאָהלען מיט פּראָצענטען. היינט איז שוין דאָס אַלץ פֿערגעסען, ווייל יק״א איז רייכער געוואָרען

מיִט נײַע „ענטטוישונגען“ איִבּער די „אונדאַנקבּאַרע רוסען“...

האָט יק״א אַלזאָ גאָרניִשט אויפֿגעטהון אויפֿ׳ן געבּיעט פֿון דער לאַנדוויִרטשאַרפֿטליִכער קולטור און ערציִהונג? אָה נײן! זי האָט אויפֿגעטהון אַ גרויסע קולטור־טהאַט, מיִט וועלכער זי האָט מיִלעניוויִט אָנגעטריִבּען איִהר קאָלאָניִזאַציִאָנס־וואָגען: אײנער פֿון איִהרע געוועזענע דיִרעקטאָרען איִן בּוענאָס איִירעס, הערר קאַזעס, האָט איִן זײַן אַמטסצײַט מיִט די אײגענע הענד איִבּערזעצט פֿאַר די קאָלאָניִסטען — דעם סדור אויף שפּאַניִש. מען מוז זײַן אַנ׳אַנאַרהיִסט, כדי ניִט אָנצוערקענען די וויִכטיִגקײט פֿון דיִזער טהאַט...

V. דער בּעאַמטעךאבּסאָלוטיזם.

די ערגסטע וואונד פֿון אונזער אַרגענטיִניִשער קאָלאָניִזאַציִע איִז אַ אונפֿעהיִגע, איִנפֿעראַנטוואָרטליִכע, געוויִסענלאָזע בּעאַמטענשאַפֿט, ווי מען קען איִהר זעלטען וואו אָנטרעפֿען. דיִזע בּעאַמטענשאַפֿט איִז, ווי מיִר האָבּען געזעהן, ניִט ווענ׳ג שולדיִג איִן דער אויסאַרבּײטונג פֿונ׳ם געשיִלדערטען אונזיִניִגען און גרויזאַמען קאָלאָניִזאַציִאָנס־סיִסטעם, זי וועהרט זיִך אויך מיִט אַלע כחות געגען די אָבּשאַפֿונג אָדער מיִלדערונג פֿון דיִזען סיִסטעם, ווײַל ער גיִט איִהר אַ אונבּעגרענצטע מאַכט איִבּער די מענשען און זאַכען, ווײַל ער מאַכט איהר פֿאַר די אַבּסאָלוטע הערשעריִן איִבּער די קאָלאָניִען און איִבּער דער ריִזיִגער פֿאָלקס־ירושה. דער שלעכטער סיִסטעם איִז אַרײַנגעפֿאַלען איִן שלעכטע הענד. די אונפֿערמיִידליִכע לײַדען, וואָס דער סיִסטעם בּעשאַפֿט פֿאַר די קאָלאָניִסטען, דערגרײכען די העכסטע מדרגה דורכ׳ן מיִסבּרויך, וואָס האַרצלאָזע מענשען מאַכען מיִט איִהם. אַזוי ווי דער סיִסטעם איִז אַ מוסטער, ווי מען זאָל ניִט קאָלאָניִזיִרען אַזוי זענען די יק״א־בּעאַמטע מוסטער פֿון מענשען, וועלכע מען זאָל ניִט אַוועקשטעלען אויף אַזאַ פֿעראַנטוואָרטונגספֿולען פּאָסטען ווי די איִדיִשע קאָלאָניִזאַציִע שטעלט פֿאָר. וואָס פֿאַר אַ גוטע מײנונג מיִר זאָלען ניִט האָבּען איִבּער די איִדען אַלס קאָלאָניִזאַציִאָנס־מאַטעריִאַל, וועט דאָך קײנער ניִט לײקענען, אַז די קאָלאָניִזאַציִע איִז פֿאַר אונז אַ נײַער, שווערער און פֿערפּלאָנטערטער פּראָבּלעם, אַז צו זײַן לעזונג פֿאָדערען זיִך מצד די קאָלאָניִזאַטאָרען אַ גרויסע סומע פֿון גײסטיִגע פֿעהיִגקײטען, רײנע איִדעאַלע געזיִנונגען, בּעגײסטערונג פֿאַר דער איִדעע, ליִעבּע צו די מענשען, אַלס אָנפֿאַנגער אויפֿ׳ן קאָלאָניִזאַציִאָנס־געבּיִט, אַלס גריִם איִן אַרגענטיִנאַ מוזען מיִר פֿיִעל פּראָבּען מאַכען, בּיִז מיִר טרעפֿען דעם ריִכטיִגען וועג, בּיִז מיִר לעבּען זיִך אײַן איִן די נײַע פֿערהעלטניִסען. קײן זאַך איִז דאָ ניִט אַזוי שעדליִך ווי די שאַבּלאָנע, ווי דאָס געהן איִן אויסגעטראָטענע וועגען. עס פֿאָדערט זיִך מאָראַליִשע גרויסקײט פֿון די

קאָלאָניזאַטאָרען זיך מודה צו זיין אין געמאַכטע פעהלערן, צו פערלאָזען מעטהאָדען, וואָס זענען דערקענט געוואָרען פאַר פאַלשע, צווישען די קאָלאָניזירער און די קאָלאָניזירטע מוזען הערשען פריינדליכע בעציהונגען, געגענזייטיגע אַכטונג, כדי צו ווירקען איינע אויף די אַנדערע. דער קאָלאָניזירער מוז זיין דער בעל־יועץ פונ׳ם קאָלאָניסט, ניט זיין קאָמאַנדאַנט, ער מוז איהם ערקלערען, ניט בעפעהלען. ער מוז זיין שטאָלץ אָהן גאוה, שטאַרק אָהן עקשנות און מוז ווירקען מעהר דורך זיין ביישפיעל ווי מיט׳ן וואָרט, אין אַלע זיינע מעשים מוז זיין צו דערקענען די איבערגעבענהייט צו דעם קאָלאָניזאַציאָנס־געדאַנק. מיט איין וואָרט: די פיהרונג פון דער קאָלאָניזאַציאָנס־בעוועגונג מוז ליגען אין די הענד פון די בעסטע און איידעלסטע אין אונזער נאַציאָן. אַזוינע קאָלאָניזאַטאָרען וואָלטען וואונדער אויפגעטהון, זיי וואָלטען געשאַפען אַ קאָלאָניזאַציאָנס־סיסטעם לויט די אידישע בעדערפניסען און נייגונגען, זיי וואָלטען געפיהרט די קאָלאָניזאַציע פון פאָרטשריט צו פאָרטשריט. די קאָלאָניסטען וואָלטען זיי געטראָגען אויף די הענד.

אָהן אַ ספק גיט עס ביי אונז אידען אַזאַ אינטעליגענץ, וואָס וואָלט געקענט געשטעלט ווערען בראש פון דער קאָלאָניזאַציע. אמת, פאַך־מענער פעהלען אונז, אָבער ביי דער אָנפאַסונגס־פעהיגקייט פון אונזער ראַסע און דעם אידעאַליזם פון אַ גרויסען טייל פון אונזער אינטעליגענץ וואָלטען אונזערע בוך־מענשען זיך געוואָרפען מיט אַ פייער פון בעגייסטערונג אויף דעם נייען געביעט, וואו זיי וואָלטען בעקומען געלעגענהייט צו פערווענדען זייער ענערגיע, וואָס רייסט זיך צו טהאַטען און וואָלטען באַלד געוואָרען בקיאים אין תורת אַגריקולטור. די יק״א וואָלט אָבער געמוזט נעהמען דיזע פיאָנירען־אינטעליגענץ צווישען די מזרח־אידען, וואו עס לעבען נאָך אין אַ פולער קראַפט די אידעאַלען פון אונזער נאַציאָן, דערצו האָט זיך יק״א ניט געוואָלט ענטשליסען. זי פעראַכטעט די מזרח־אידען צו שטאַרק, כדי זיי אַליין צו פערטרויען דעם גורל פון דער קאָלאָניזאַציע. פונ׳ם מזרח־יודענטום האָט זי גענומען פאַר דער קאָלאָניזאַציע נור דעם גוף, אַ נשמה האָט זי איהר אַנ׳איינגענע אַריינגעבלאָזט. עס איז אַ געזונדע נשמה אין אַ קראַנקען גוף לויט איהר מיינונג. מיר זענען אָבער איבערציינגט, אַז עס איז פערקעהרט אַ קראַנקע נשמה אין אַ געזונדען קערפער.

דער קאָפ אָבגעטיילט פונ׳ם איבעריגען קערפער, פיאָנירען פון דער מוסקעל־אַרבייט אָהן פיאָנירען פון דער אידעע — דאָס איז דער טרויעריגער שיקזאַל פון אונזער אַרגענטינישער קאָלאָניזאַציע.

ווער זענען דען די קאָלאָניזאַטאָרען פון יק״א ? וואָס איז שייך

צו איהרע ווירדען־טרעגער, צו די מיטגלידער פינ'ם אדמיניסטראציאנס־ראט, די פערטרעטער פון די געמיינדען און חברות, וועלכע בעזיצען די אקציעס פון יק"א, זענען זיי אין זייער סביבה אויסגעצייכנעטע מענער, אבער אויף דעם גאנג פון דער קאלאניזאציע איבען זיי ניט אויס קיין פאקטישען איינפלוס. זיי קומען צונויף איין מאל אין יאהר אויף א קורצע זיצונג, וואו זיי הערען אויס מיט איין אויער דעם בעריכט פון דער פאריזער צענטראל־אדמיניסטראציע און סאנקציאנירען מיט א לייכטען הארצען אלע איהרע מעשים און פלענער. זיי האבען מיט דער קאלאניזאציע א גאנץ שוואכע אינערליכע פערבינדונג, זי איז ביי זיי ניט מעהר ווי א פילאנטראפישע שפילעריי, א צייט־פערטרייב און ניט שטענדיג אנ'אנגענעהמער. זי דינט זיי אלס א בעקוועמעס מיטעל צו בערוהיגען זייער געוויסען איבער זייערע פפליכטען צו די „ארימע ברידער פון מזרח". זיי ווילען ניט די ליידען פון די קאלאניסטען, זיי ווינשען „פון הארצען" דעם פארטשריט פון דער קאלאניזאציע, אבער דעם קאפ זיך איבער איהר צו צעברעכען לוינט זיי ניט. זיי בענשען די מעשים טובים פון די בעאמטע און „גלויבען גערן", אז אין ארגענטינא איז אלצדינג אין דער בעסטער ארדנונג.

די בעאמטע, די פאקטישע בעלי בתים, די אונבעשרענקטע הערשער, זענען פון אנ'אנדער שטאף. דאס זענען קליינע מענשען אהן אידעאלען, וואס האבען זיך דערשלאגען צו זייער שטעלונג דורך פראטעקציע, דורך א „צד אין טיש", דורך קריכעריי. מאראלישע און אינטעלעקטועלע מיטעלמעסיגקייטען, אבגעטיילט פון די קאלאניסטען דורך א צווייפעלהאפטער „ציוויליזאציע", פול אסימילאטארישע פאראורטיילען, דורכגעדרונגען מיט א הונגער צו מאכט און הערשאפט, זענען זיי אינגאנצען פערדארבען געווארען דורך די געלד־זעק, אויף וועלכע זיי זיצען, דורך די אונבעשרענקטע מאכט, וואס איז געלעגט געווארען אין זייערע הענד. צווישען זיי און די קאלאניסטען פיהרט ניט קיין בריק פון פערשטענדניס. די פאלגען פון די פעהלערן, וואס זיי מאכען, שרייבען זיי אויפ'ן השבון פון די קאלאניסטען אדער פון זייער „גוטהארציגקייט". און אזוי ווערט נאך אלץ גרעסער דער תהום, וואס טיילט אב די „בעגליקער" פון די „בעגליקטע", ביז די ערשטע עסען זיך אינגאנצען איין אין אנ'אנטיסעמיטישע שנאה געגען די לעצטע, ביז זייער הארץ ווערט פאלשטענדיג פערטעמפט געגען יעדע מענשליכע רעגונג און זיי בעלי־בית'עווען שליסליך ווי פרעמד־הערשער, ווי א פרעמדער שבט אין אנ'איינגענומענעם לאנד. *)

---

*) עס מעג האבען א אינטערעס אנצופיהרען אין דער זאך „א קרוין"־עדות. הערר דר. חלפן, דער ראבינער פון דער „קאנגרעגאסיאן איסראעליטא" אין בוענאס

וואָלט יק״א וועניגסטענס מאַטעריעל געווען פֿעראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ און בליהונג פֿון דער קאָלאָניזאַציע, דאַן וואָלטען די צושטענדע נאָך געווען צו דערליידען, דאַן וואָלט זי צוליעב איהר אייגענעם נוצען געזאָרגט, אַז די קאָלאָניסטען זאָלען האָבען וואָס ברייטערע עקזיסטענץ־ און ענטוויקלונגס־מעגליכקייטען, ווי עס טהוען אַלע קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניזאַציאָנס־חברות, זי וואָלט דאַן געאַרבייט לויט'ן פּרינציפּ: „לעבען און לאָזען לעבען”. אָבער יק״א, די פֿילאַנטראָפּיש־קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפֿט, האָט אין איהר אַרגענטינישער טעטיגקייט אַלע חסרונות פֿון דער פֿילאַנטראָפּיע און קאַפּיטאַליזם, קיין איינציגע פֿיליייכט ניט פֿון זייערע מעלות. מיט דער גאוה און מענשען־פֿעראַכטונג פֿון דער פֿילאַנטראָפּיע האָט זיך ביי איהר צונויפֿגעפּאָרט די ברוטאַליטעט פֿונ'ם קאַפּיטאַליזם; מיט דעם מאַנגעל אין אַ אידעעלער פֿעראינטערעסירטהייט פֿון אַ עקספּלאָאַטאַטאָרישער אונטערנעהמונג געהט האַנד אין האַנד דאָס פֿעהלען פֿון אַ מאַטעריעלער פֿעראינטערעסירטהייט פֿון אַ צדקה־חברה, וועלכע ווייס ניט וואָס אָנצוהויבען מיט איהרע מיליאָנען. ניט קיין אידעאַלען און ניט קיין בעריייכערונגס־חשק טרייבען ניט אָן דאָס קאָמפּליצירטע רעדער־ווערק פֿון יק״א'ס קאָלאָניזאַציאָנס־מאַשין. אמת, די בעאַמטע זענען מאַטעריעל פֿעראינטערעסירט אין דער קאָלאָניזאַציע, צו פֿיעל זאָגאַר פֿעראינטערעסירט, אָבער זייער אינטערעס פֿאָדערט ניט איהר ווירקליכע עקזיסטענץ און פֿאָרטשריט, נאָר דעם שיין, אַז זי עקזיסטירט און געהט פֿאָרווערטס. זייער גאַנצען שכל ווענדען זיי אָן בלויז צו דערוועקען און ערהאַלטען דיזען שיין. זיי ווערען ניט בעלוינט ענטשפּרעכענד זייערע פֿינאַנציעלע ערפֿאָלגען, נאָר לויט זייערע „מאָראַלישע” פֿערדינסטען, דאָס ערלויבט זיי צו זיין גאַנץ — אונמאָראַליש. לעבען און ווערגען, געגען אינוועניג גרויזאַם זיין ווי דער טיגער און מאַכען פֿאַר דער וועלט אַ מינע פֿון דער פֿרומער טויב — דאָס איז דער פֿיהרענדער מאָטיוו פֿון אַלע זייערע מעשים.

די הערשזוכט, ברוטאַליטעט, ווילקיר פֿון יק״א'ס בעאַמטענשאַפֿט געהען אַריבער אַלע גרענעצען דערפֿאַר, וואָס עס פֿעהלען די צוויי

איירעס, דירעקטאָר פֿון יק״א'ס שולען, וועלכער בערייזט אָפֿט איהרע קאָלאָניען מיט אַ „ראַבינישער מיסיע” און דער פּראָיעקטירטער מצד יק״א גראַנד־ראַבינער פֿאַר אַרגענטינאַ, האָט מיר אויסדריקליך ערקלערט, אַז די בעאַמטע פֿון יק״א האָבען ניט דעם קלענסטען אינטערעס פֿאַר דער קאָלאָניזאַציע, זענען פֿול פֿעראַכטונג און האָס צו די רוסישע אידען, און האָט נביאות געזאָגט, אַז אין אַ יאָהר צעהן וועט עס קומען צו אַ גרויסען קראַך פֿון דער גאַנצער קאָלאָניזאַציע, אַ קראַך, וואָס זיי פֿיהלען אַ פֿאָראויס, וואָס זיי סטאַרען זיך אָבער אָבצולעגען, כדי ער זאָל ניט איינטרעטען אין זייער צייט, לויט'ן כלל: „נאָך מיר מעג אפֿילו קומען דער מבול”.

וויכטיגע פֿאַקטאָרען, וועלכע וואָלטען זיי קענען מעסיגען: בעשטראָפֿונג און געזעלשאַפֿטליכע קאָנטראָלע.

ווען עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ בעאַמטער האָט שוין צו שטאַרק מיסברויכט זיין מאַכט און האָט געטהון עוולות, וואָס ווערען בעשטראָפֿט דורך די געזעצען פֿון לאַנד, ווערט איהם פֿאָרגעלעגט צו דעמיסיאָנירען אָדער ער קריגט פּשוט אַנ'אַנדער שטעלע. איהם אויסצוליפֿערען דעם געריכט ערלויבט ניט דער יק"א איהר „פֿאָרנעמהייט" אָדער די מורא אַרויסצורופֿען „אונגעווינשטע קריטיקען". די בעאַמטע בעזיצען אַלזאָ אַ מין שוץ־פּאַטענט געגען בעשטראָפֿונג פֿאַר פֿערברעכענס. ווייט, אונענדליך ווייט פֿון די אידישע צענטרען, האָבען זיי נאָך פֿערשטאַנען צו אָרגאַניזירען אַ שווייגען אַרום און אַרום, צו פֿערמיידען, אַז די קאָלאָניסטישע פּראָטעסט־שטימע זאָל געהערט ווערען אויסערהאַלב די גרענעצען פֿון לאַנד, פֿון די קאָלאָניען. אין דער זיכערהייט, אַז דער שמעריך־געשריי פֿון זייערע קרבנות וועט נאָר הערען דער מדבר — וואָס שטערט זיי צו בעפֿרידיגען זייערע נידעריגסטע תשוקות?

אין דער געשיכטע פֿון יק"א'ס אַרגענטינישער קאָלאָניזאַציע דאַרף מען איבריגענס אונטערשיידען צוויי בעאַמטען־פּעריאָדען. ביידע פּעריאָדען האָבען אָבער אין זיך דאָס איינע בשותּפֿותדיגע, אַז זיי האָבען געמאַכט דאָס קאָלאָניסטישע לעבען פֿאַר אַ ענדלאָזע קייט פֿון פּייניגונגען, פֿון טיראַניזירונגען, דערנידעריגונגען, פֿערגעוואַלטיגונגען, פֿאַר אַ פֿערבלוטען און פֿערצאַפּלען אָהן אַ אויפֿהער.

די ערשטע בעאַמטען־פּעריאָדע האַראַקטעריזירט זיך מיט דער אַ נ אַ ר ה י ע אין אונרעכט, אין מאַכט־מיסברויך און מיט דער ש ר יי ע נ ד ע ר פֿערגעוואַלטיגונג מצד די נ י ד ע ר י ג ע בעאַמטע; אין דער צווייטער פּעריאָדע זענען די אונרעכטען און די מאַכט־מיסברויכען אָרגאַניזירט, צענטראַליזירט, דיסציפּלינירט, די פֿערגעוואַלטיגונג איז מייסט אַ ש ט י ל ע און געהט אויס פֿון א ו י ב ע ן. אין די גרינדונגס־יאָהרען פֿלעגען די בעאַמטע אין די קאָלאָניען זיך בענעהמען ווי סאַטראַפּען, פֿלעגען גנב'נען, גזל'ן, שווינדלען אין מיטען העלען טאָג, פֿלעגען די קאָלאָניסטען און זייערע פֿאַמיליען בוכשטעבליך אויסהונגערן, זיי זעצען אין טורמעס, אויפֿהעצען געגען זיי די קריסטליכע שכנים, די גויטשאָס, די פּאָליציי, אָנריכטען געגען זיי פּאָגראָמען, בלוט־פֿערגיסונגען. דאָס האָט אויפֿגערודערט די וועלט, פֿון אַלע זייטען זענען געפֿלויגען פּראָטעסטען, אויך די ניט־אידישע וועלט־פּרעסע, פֿאַר וועלכער די יק"א ציטערט אַם מייסטען, האָט זיך שלעכט אָפּגערופֿען איבער די אַדמיניסטראַציע. *)

*) מיט דיזער פּעריאָדע איז די אידישע פּרעסע פֿול געווען. זעה „המליץ" יאָהרגאַנג 1892—93, בעזונדערס „קורות הישוב בארגענטינה" פֿון דר. יפה נוס.

נו ווערט געמאַכט „אָרדנונג". די לאַגע פֿון די קאָלאָניסטען ווערט וועניג וואָס פערלייכטערט. מיט זייערע וואונשען און בעדערפֿניסען רעכענט מען זיך ניט ווי פֿריהער. זייער פֿערלאַנג זיי צו געבען אַ פֿערטרעטונג אין דער אַדמיניסטראַציע, כדי צו האָבען אַן'איינפֿלוס אויפֿ'ן גאַנג פֿון די קאָלאָניען, ווערט אָבגעוואָרפֿען. דערפֿאַר אָבער ווערט די מאַכט קאָנצענטרירט אין דער פּאַריזער אַדמיניסטראַציע, וואָס רעגולירט יעדע בעוועגונג אין די קאָלאָניען דורך צירקולאַרען, מיט אַ פּיינליכער אויפֿמערקזאַמקייט קוקט פּאַריז דערויף, אַז קיין קלאָגען זאָלען מעהר ניט קומען אין די וועלט, אַז אויסערליך זאָל אַלץ זיין גלאַט, פֿיין, שטיל, אָבער נאָר אויסערליך. שרייענדע מיסבּרויכען טאָרען ניט מעהר פֿאָרקומען, קיין געלעגענהייט צו קריטיק דאַרף ניט געגעבען ווערען, דאַגעגען זענען די שטילע מיסבּרויכען אויפֿגעהויבען געוואָרען צו דער מדרגה פֿון אַ סיסטעם און די שטילקייט איז געמאַכט געוואָרען פֿאַר אַ פֿאָרבעדינגונג פֿון אַלע מיסבּרויכען, ווערגען, אַז קיין קול זאָל ניט געהערט ווערען, איז געוואָרען יק"א'ס פּרינציפּ.

הגם אַל־דאָס גוטע ווי אַל־דאָס בעזע מוז היינט קומען פֿון אויבען, האָט זיך דיזע צענטראַליזאַציע עד היום ניט געלאָזט פֿאָלשטענדיג דורכפֿיהרען, ווייל ווענייג גוטעס, דאַגעגען פֿיעל שלעכטעס טהוען נאָך איצט די נידעריגע בעאַמטע אויפֿ'ן אייגענעם חשבון. אַ געוויסע „בעוועגונגספֿרייהייט" מוז דאָך געגעבען ווערען צו די נידעריגע בעאַמטע. די צענטראַל־אַדמיניסטראַציע אין פּאַריז ווי איהר פֿערטרעטונג, די בוענאָס איירעסער דירעקציע, דריקען צו ביידע אויגען איבער די נבלות פֿון די נידעריגע בעאַמטע, אַזוי ווייט ווי זיי שטערען ניט זייער רוה. פֿון דער אַנדער זייט לעבען זיי אין אַ קינסטליכער בלינדהייט בנוגע די פּאַסירונגען אין די קאָלאָניען. יק"א אַנערקענט נעמליך ניט קיין קלאָגרעכט פֿון די קאָלאָניסטען ביי איהר גופא. זי האָט אַלזאָ אָבגעשאַפֿט דאָס עלעמענטאַרסטע רעכט, וואָס דינט ביי אַלע דעספּאָטישע רעגירונגען אַלס קאָרעקטיוו געגען מאַכט־איבערשרייטונגען. נאָך מעהר, ניט בלויז וואָס די צענטראַלען מאַכען זיך אַ צימעס פֿון די קאָלאָניסטישע קלאָגען, נאָר זיי ליפֿערען זאָגאַר דירעקט אויס די קלעגער צו דער וואוט פֿון די פֿערקלאָגטע, אָבשיקענדיג אַלע בעשולדיגונגען איבער די לאָקאַלע אַדמיניסטראַטאָרען צו זיי זעלבסט, מיט דער גייסטרייכער בעגרינדונג, אַז די קאָלאָניסטען דאַרפֿען זיך ווענדען אין אַלע זייערע ענינים ניט דירעקט צו די העכערע אינסטאַנצען, נאָר דורך די אונטערע בעאַמטע.

221—237 יאָהרגאַנג 1892 און די ספּעטערע אַרטיקעל „Die argentinischen Greuel", די „וועלט" 1898. מיינע פּערזענליכע אויספֿאָרשונגען בעשטעטיגען די דאָרטיגע בעשולדיגונגען.

וואס זענען „דערצו דא", ד. ה. מיט קלארע דבורים, אז די קאלאניסטען דארפען זיך קלאגען איבער'ן טייוועל ביי זיין באבען דורך די פערמיטלונג פונ'ם טייוועל גופא. אזא פערקלאגטער בעאמטער איז זיך נאטירליך שפעטער נוקם ונוטר פאר דער קאלאניסטישער „חוצפה". געגנוג אנגעלערנט, וויקלען זיך די קאלאניסטען שליעסליך איין אין א פאלשטענדיגען שווייגען און ווארגען זיך שטיל מיט זייערע טרערען. די העכערע אינסטאנצען, ניט הערענדיג מעהר קיין קלאגען, קענען זיך ניט אבריהמען איבער די מוסטערהאפטיגקייט פון די אונטערבעאמטע און די צופרידענהייט פון די קאלאניסטען. די גרויסע בעטריגער, וואס נארען א וועלט, לאזען זיך פון זייער זייט גערן אבנארען, כדי ניט געשטערט צו ווערען אין זייער פוילער רוה.

די ראהמען פון דער שריפט ערלויבען ניט איבערצוגעבען אלע שענדליכע מעשים פון די אונטערע יק"א-בעאמטע פון א מאל און איצט. דערמיט וואלט מען קענען אנפילען גאנצע בענדער. איין קאלאניע וועט אלס אילוסטראציע ווייטער בעשריעבען ווערען. דא וועלען מיר זיך בעשעפטיגען מיט'ן ארגאניזירטען שטילען מיסברויך פון אויבען און בעלייכטען די רעגירונגס-מעטהאדע פון יק"א. איך זאג „רעגירונגס-מעטהאדע", ווייל יק"א'ס קאלאניזאציאנס-סיסטעם איז אויסגעארטעט אין א איינגעארטיגען הערשאפטס-סיסטעם, ווייל יק"א רעגירט מעהר ווי זי קאלאניזירט.

פאלשטענדיג אהן טאלענט צום קאלאניזירען, שטערענדיג יעדע בעוועגונג, יעדען פארטשריט מיט א אונזיניגער פערגליווערטער שאבלאנע, וועלכע איז דאס שעדליכער און הארטהערציגער, וואס ווייטער די קאלאניזאטארען זענען פונ'ם קאלאניזאציאנס-ארט, זענען די יק"א-מענערענדליך געגוג „אנגעלערנט". זיי „וויסען", אז די רוסישע אידען האבען עפים „ניהיליסטישעס" אין זיך, אז זיי זענען נוטה צו „מרידות" און „אונרוהען". דערפון האבען זיי זיך „איבערצייגט" אין די ערשטע יאהרען, ווען צווישען דער אדמיניסטראציע און די קאלאניסטען פלעגען פארקומען אהן אנ'אויפהער צוזאמענשטויסונגען. זיי דארפען האבען רוה און ארדנונג. זיי ווילען ניט זיין ביי די לייט אויפ'ן צונג. זיי ברויכען א „פרידליכען", „ארבייטזאמען" עלעמענט, וואס „בונטעוועט" זיך ניט, וואס שטעקט ניט די נאז, וואו ער „דארף ניט", וואס צאהלט די חובות און רעדט ניט איבער. דיזען עלעמענט אויסצוועהלען אדער זיך צו ערציהען איז זייער ערנסטעסטע דאגה. צו דעם צוועק זענען אנגענומען געווארען אלע מיטלען פון געוואלט, שלויהייט און קארופציאן.

די געוואלט איז פאלשטענדיג אין די הענד פון יק"א. זי האט ניט קיין אייגענע פאליציי, אבער די ארגענטינישע רעגירונג איז ניט

אזוי שלעכט איהר אבצוואגען אין הילף ביים קאמפף געגען די „אנארחיע". יק"א פערלאנגט שליסליך אויך גארנישט אומזיסט, זי גיט פיעל צו־שטייער אויף אויסצוהאלטען די פאליציי אין די קאלאניען חוץ א מתנת יד. די פאליציסטען וועט מען ניט טרעפען ביי סכסוכים צווישען קאלאניסטען. אויף אזוי ווייט זענען די לעצטע אויטאנאם, אז זיי מעגען זיך געגענזייטיג אראברייסען די נעז. מען מערקט אויך אבסאלוט ניט, אז עס עקזיסטירען עפיס וועלכער פון דער ארדנונג ביי די אפטע רויב־און מארד־אנפאלען אויף די אידישע קאלאניען מצד די קריסטליכע שכנים און די בארבארישע גויטשאס. דא בלייבט דאס אויג פון די ארדנונגס־היטער בלינד און דער ארעם פון דער גערעכטיגקייט צו קורץ. קיינמאל איז נאך ניט ענטדעקט און בעשטראפט געווארען א מערדער פון אידען, אויף אזוי ווייט ווי ער איז ניט געהאפט געווארען ביי דער האנד. דאגעגען איז די פאליציי דא אויפ'ן ערשטען וואונק פון דעם קלענסטען יק"א־אגענט. די קרובה'שע נשמות ציהט עס איינע צו דער אנדערער.

אבער יק"א, ווי אלע קלוגע רעגירונגען, שטיצט זיך ניט אויסשליסליך אויף דער רויהער געוואלט. זי ווייס, אז אויף באיאנעטען (סטיקעס) זיצען איז א אונאנגענעהמע הלכה. מען בענוצט זיך מיט זיי פון צייט צו צייט, מען האלט זיי שטענדיג גרייט פאר א „נויטיגען פאל", אבער עס איז דאך ניט גוט צו האלטען דעם עולם שטענדיג אין א אויפגערעגטען צושטאנד. צו הילף קומען שלויהייט און קארופציע, די בעגלייטערינען פון דער געוואלט.

קודם כל האט מען נאך די „בונטען" פון די ערשטע יאהרען, וואס זענען ארויסגערופען געווארען דורך די שוידערליכע צושטענדע אין די קאלאניען, פערשטויסען אלע אונצופריעדענע עלעמענטען, בעזונדערס די, וועלכע האבען געהאט עפיס אנ'איינפלוס אויף די מאסע פון די קאלאניסטען. צו יענער צייט איז נאך באראן הירש זעלבסט געוועזען דער פרעזידענט פון יק"א'ס אדמיניסטראציאנס־ראט, זיינע שלעכטע בעלי יועצים אין פאריז, וועלכע געוועלטיגען נאך עד היום אין דער צענטראל־אדמיניסטראציע, האבען עס אבער, צוזאמען מיט די ארגענטינישע בעאמטע, פערשטאנען איהם אריינצוטרייבען אין א גרונדלאזען צארן געגען די קאלאניסטען, זיי שילדערנדיג מיט די שווארצעסטע פארבען. אלץ, וואס האט געקענט דינען אלס פערטיידיגונג פאר די קאלאניסטען, האבען זיי דאגעגען סיסטעמאטיש צו איהם ניט דערלאזט*). הירש, נידערטרעכטיג מיספרויכט און אבגענארט, האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, צו געבען אלע אונצו־

*) דר. זאנענפעלד, דער לאנגאניגער דעספאט פון דער אדמיניסטראציע, דער מערי דעל וואל פון יק"א, לאזט ניט צו, למשל, צו באראן הירש דעם דר. יפה, וואס

פרידענע עלעמענטען הוצאות אויף די רייזע, וואוהין זיי ווילען נאר. זייט יענער צייט ווערען גרויזאם די אונביינזאמע עלעמענטען פערשטויסען, אויף אזוי ווייט ווי עס לאזט זיך נאר, אבער שוין זייט לאנג, ניט בעקומענדיג רייזע־הוצאות. פיליייכט זענען געווען צווישען די פערשטויסענע אויך מאנכע אונפאסיגע עלעמענטען, זיכער איז אבער, אז גראד דער בעסטער קלאס אימיגראנטען האט געליטען, מענשען, וועלכע זענען געווען גרייט זיך מקריב צו זיין פאר'ן קאלאניזאציאנס־אידעאל, וועלכע האבען אבער געשעצט די פרייהייט מעהר פאר'ן ברויט און האבען פעראכטעט א לעבען מיט אייביגע אונבעגרענצטע בעלי בתים איבער'ן קאפ. נייע קאלאניסטען ווערען זייט דאמאלסט אויפגענומען מיט דער גרעסטער פארזיכט און נאכדעם ווי די קאנדידאטען ווערען גוט אויסגעזיבט און אויסגעפרובט. דערביי פערפאלגט יק"א א רואינערענדען סיסטעם, וואס קען ניט שארף גענוג פעראורטיילט ווערען.

מעלדעט זיך ווער צום קאלאניזירען, הייסט מען איהם ווארטען און זיך דערווייל איינארבייטען. וואס און ווען, זאגען די העכערע בעאמטע ניט. זיי, וואס ווילען שפיעלען די ראלע פונ'ם שיקזאל ביי די אידען, זענען געוועהנליך אויך שטום ווי דער שיקזאל און עפענען דעם מויל נאר צו קורצע אימפעראטארישע בעפעהלען. די נידעריגע בעאמטע זענען אבער ווייניגער קארג אויפ'ן ווארט און פערשפרעכען יעדען באלד צו קאלאניזירען. אויף אזא אופן זאמלען זיך צונויף פיעלע אימיגראנטען, אפט מיט די פאמיליען, מאנכע מיט אנ'אייגענעם היבשען קאפיטאל, נעהמען אן בעשעפטיגונג אין די קאלאניען אלס לוין־ארבייטער, הונגערן אין דער טויטער סעזאן, פטר'ן זייער געלד און „ווארטען". יאהרען פערגעהען נאך יאהרען, דער אדער יענער ווערט קאלאניזירט, די איבעריגע אבער טרייסט מען מיט אנצוהערענישען און האלבע פערשפרעכונגען, אז אט־אט וועט קומען די שורה צו זיי. יק"א דערגרייכט דערביי דעם ציעל, וועלכען זי שעמט זיך גאר ניט אויסצוזאגען אין א פערשטעלטער פארם אין איהרע בעריכטען, אז זי קען אויסקלויבען די „פאסענדסטע", ד. ה. די שטילינקע, די נכנע'דיגע. די אנדערע, די גרעסטע מעהרהייט, ווערען אבער רואינירט, אין פשוט'ען זין פון ווארט רואינירט. מענשען, וואס זענען אבגעוועהן אונטער די גרעסטע דחקות 3, 5, יע 7 יאהר אויפ'ן פעלד, ווילען זיך ניט מעהר צוגעוואוינען צום שטאדטישען לעבען, בעזונדערס ווען מען נעהמט אין בעטראכט, אז דאס זענען כמעט אהן אויסנאהם לויטער מענשען, וועלכע

האט פערלאזען ארגענטינא, ווייל ער האט ניט געקענט צוזעהן די צרות פון די קאלאניסטען, אין דער מורא, אז ער וועט אויסזאגען דעם אמת פון חדר. (זעה די דערמאהנטע „קורות הישוב בארגענטינה".)

זענען געקומען דירעקט פון רוסלאַנד מיט דער כונה צו ווערען קאָלאָ־ניסטען, יק"א'ס פעטערבורגער צענטראַל־קאָמיטעט, בעזונדערס ה' פיינ־בערג דערמונטערט דיזע וואַנדערונג, זאָגט צו, אַז אויפ'ן אָרט וועט „אַלץ רעכט ווערען", און נאָכדעם ווי די מענשען האָבען פערבראַכט די בעס־טע מאַנעס־יאָהרען אין די קאָלאָניען, נאָכדעם ווי זיי האָבען זייער לע־בען פערוועבט איינגאַנצען מיט'ן קאָלאָניזאַציאָנס־געדאַנק, פאַר איהם געבראַכט די גרעסטע קרבנות, זאָלען זיי געהן זוכען אַנדערע פרנסות, אונבעקאַנטערהייט מיט'ן לעבען אין די אַרגענטינישע שטעדט, ניט בעזיצענדיג קיין מלאכה אין די הענד? ווי עלענד עס לעבען די קאָלאָניזאַציאָנס־קאַנדידאַטען, קענען אפילו די אָפּטימיסטיש געפאַרבטע פובליקאַציעס פון יק"א ניט פערבאָרגען.

„עס איז איצט ניט זעלטען", הייסט עס אין'ם בעריכט פון דעם אויבען ציטירטען אַדמיניסטראַטאָר ה' באַרוך איבער לוסיענוויל, „צו „זעהן 15 ביז 20 פערזאָנען (פון אימיגראַנטען"), וועלכע לעבען ביי „איין קאָלאָניסט. דאָס איז ניט קיין סכנה אין זומער, ווייל מען „בעט זיך אויס אונטער'ן פרייען הימעל, דאָס ווערט אָבער געפעהרליך „אין דער קאַלטער צייט און אין דער רעגען־פעריאָדע, ווייל אַלע זענען „געצוואונגען צו שלאָפען אין איינעם אָדער צוויי צימערן, וועלכע דער „קאָלאָניסט פערמאָגט. צו דיזער אונבעקוועמליכקייט פונ'ם היגיענישען „שטאַנדפונקט קומט צו אַ עקאָנאָמישע שוועריגקייט, דער מאַנגעל אין „אַרבייט בעת'ן ווינטער, ווייל די אַקער־אַרבייטען און דאָס זייען קענען „ניט בעשעפטיגען אַלע הענד. ניט קוקענדיג אויף די פאַמיליען, וואָס „וועלען איינגעאָרדנעט ווערען אין יאָהר 1909, וועט נאָך בלייבען אַ „גרויסע צאָהל פון די, וועלכע וועלען זיך געפינען אין גרויסע שוועריג־„קייטען, ווי אויסצוהאַלטען זייער עקזיסטענץ. *)

דאָס איז די לאַגע אין לוסיענוויל, נאָך דעם ווי ה' באַרוך'ס בעריכט איז „פערבעסערט" געוואָרען לויט זיינע איינענע ווערטער אויף 50 פראָצענט. פון מיין אייגענער ערפאַהרונג ווייס איך, אַז אַ סך אי־מיגראַנטען וואוינען אין לוסיענוויל קאָפּ אויף קאָפּ אין די עופות־שטאַלען צוזאַמען מיט די הינער, אַז זאָגאַר אין מרחץ שלאָפען מענשען. אין די אַנדערע קאָלאָניען זענען די פערהעלטניסען ווענינ בעסער, נאָר זענען די אַנדערע אַדמיניסטראַטאָרען ווענינער געוויסענ־האַפט צו דערצעהלען דעם אמת.

דיזע אימיגראַנטען, וועלכע ווערען גרויזאַם אָבגענאַרט אין זייערע האָפנונגען, וואָס ווערען אין זיי פערבערעכעריש דערוועקט, זענען רייגע

*) Rapport ect 1909, זייטע 45.

מערטירער פון דעם קאָלאָניזאַציאָנס־אידעאַל, אומזיסטיגע מערטירער אָהן דעם קלענסטען נוצען פאַר׳ן אידעאַל. *)

דאָס זעלבע איז מיט די קאָלאָניסטען־קינדער. ניט גענוג, וואָס יק״א קאָלאָניזירט בלויז אַן׳אונבעדייטענדען טייל פון זיי, ווערען די איבעריגע פערפיהרט דורך האַלבע פערשפּרעכונגען און צווייזדייטיגע אָנצוהערענישען, צו פערברענגען זייער יוגענד אין די קאָלאָניען, אום שפּעטער צו ווערען פון דאָרט געוויסענלאָז פערשטויסען. ווען די קאָלאָניסטען־קינדער וואָלטען וויסען, אַז זיי האָבען ניט אויף וואָס צו וואַרטען, וואָלטען זיי זיך אין דער רעכטער צייט צוגרייטען צו אַן׳אַנדער פּראָפעסיע. אָבער יק״א דאַרף האָבען אַ מין רעזערוו־אַרמעע, זי וויל האָבען אויף יעדע קאָלאָניסטען־שטעלע 100 קאָנקורענטען, כדי די, וואָס וועלען זוכה בגורל זיין, זאָלען זיך שעצען איבערגליקליך און איהר זיין אייביג דאַנקבאַר און געהאָרזאַם. זי זעהט אויך אין דער פּאָליטיק אַ מיטעל, כדי לייכטער אויסצופּרעסען די חובות פון די קאָלאָניסטען־עלטערען, דעריבער לאָזט זי די יונגע לייט פּטר׳ן זייערע בעסטע יאָהרען אין פאַלשע האָפנונגען און אין אַ בעשעפטיגונג, וואָס קען זיי ניט נוצען פאַר׳ן ווייטערדיגען לעבען, און מאַכט זיי אויף דעם אופן פאַר ווירטשאַפטליכע קאַליקעס.

יק״א׳ס פּאָליטיק פון שווייגען און צווייזדייטיגע פערשפּרעכונגען האָט אויך פאָלגען, וואָס מען ווייס ניט צו זאָל מען איבער זיי מעהר לאַכען אָדער זיך עמפּערען. עס קלינגט פּאַראַדאָקסאַל, אָבער דעריבער איז עס דאָך ניט ווייניגער אמת: יק״א האָט איינגעפלאַנצט אַ מנהג.

*) איין בעזונדערס שוידערליכען פאַל קען איך זיך ניט אבזאגען צו דערצעהלען. אויף דער סטאַציע דאמינגעס (קאלאניע קלאַראַ) האט מיר אַן׳אַלטער מאַן ערצעהלט מיט טרערען אין די אויגען פאָלגענדע געשיכטע: נאכדעם ווי זיין זוהן האט דריי יאהר לאַנג געוואַרט מען זאל איהם קאלאניזירען, הייסט איהם דער אַדמיניסטראטאר אראבברענגען זיין פאַמיליע פון רוסלאַנד, ווייל אַליין איז ער ניט בכח צו בעאַרבייטען די פאַרם. ער שיקט דורכ׳ן אַדמיניסטראַטאר געלד אהיים און ברענגט אראב דעם אַלטען פאָטער. הייסט מען איהם ווידער וואַרטען, כדי דער פאטער זאל זיך פון זיין זייט „איינאַרבייטען״. עס געהען אַוועק נייע צוויי יאהר, צוזאַמען 5 יאהר, אט־אט דאַרף ער קריגען די פאָרם. איז זיך מיט אַ מאל מיישב דער אַדמיניסטראטאר און גיט איהר אַוועק עפּיס זיינעם אַ גוטען ברודער, בעהויפּטענדיג, אַז דער יונגער מאַן האט איהם אבגענאַרט דערמיט, וואס ער האט אנגעגעבען, אַז ער האט אַ זוהן אַ קליין יונגעל פון אַ יאהר 7, בעת ער האט גאר אַ קליין מיידעל אין דעם עלטער. פון ערגער שטאַרבט דער יונגער מאַן און לאזט איבער אויף צרות די גאַנצע פאַמיליע: אַ יונגע אלמנה מיט אַ קינד און דעם אַלטען פאטער אין דער קאלאניע און אַן׳אַלטע מוטער אין רוסלאַנד. דעם אמת פון דער ערצעהלונג האבען מיר בעשטעטיגט אַ סך קאלאניסטען.

פֿון פֿריִהע חתונות, פֿון קינדער־הײַראַטען, וואָס דערמאָהנען באַלד אָן די בהלה־חתונות פֿון ניקאָלאַי׳ס צײַטען.

די מאָדע זיך פֿריִה צו פֿערהײַראַטען איז געוועהנליך אַ סמן פֿון וואָהלשטאַנד, פֿון פֿערפֿעסטיגטע לעבענס־פֿערהעלטניסען, פֿון לײַכטע פּרנסה־מעגליכקײַטען, ווען עס ווירקען ניט דערבײַ אַנדערע סבות. אין יק״א׳ס קאָלאָניען האָט זיך דיזע מאָדע אײַנגעוואָרצעלט, ניט קוקענדיג אויפֿ׳ן דלות, אויף די אונזיכערע לעבענס־פֿערהעלטניסען אָדער גראָד אַ דאַנק דעם און אַ דאַנק די ווירקונגען פֿון אַ סיסטעם, וואָס גיט די קאָלאָניזאַטאָרען אַן׳אײַנפֿלוס אויף די אינטימסטע אָנגעלעגענהײַטען פֿון די קאָלאָניסטען. ווי אין די אַמאָליגע צײַטען פֿלעגען זיך די פֿעטאָדאַלען נעהמען דאָס רעכט צו „פֿאָרען”, אַזוי שפּילט די פֿילאַנטראָפּיש־פֿעאָדאַליסטישע יק״א די ראָלע פֿון אַ שדכן צווישען די קאָלאָניסטישע יוגענד, ריכטיגער קינדהײַט.

ווי איז עס מעגליך? „פּשוט” : יק״א האָט אַ פּרינציפּ צו קאָלאָניזירען נאָר בעווײַבטע מענשען. ווען אַ קאָלאָניסט פֿערלאַנגט מען זאָל זײַן זוהן אײַנאָרדנען, דערמאָהנט מען איהם, אַז דיזער איז נאָך גאָר אַ בחור און אַלזאָ ניט „קאָלאָניזאַציאָנס־פֿעהיג”. ווען יק״א וועט נעהמען פֿערטײַלען פֿאַרמס, ווײס קײנער ניט, אָבער מען טרײסט יעדען, אַז באַלד־באַלד וועט עס געשעהן. דער קאָלאָניסט טראַכט בײַ זיך איבער: מעגליך, אַז מען וועט אינקורצען פֿלוצלינג אָנהויבען צו טײלען און זײַן זוהן וועט מען דורכלאָזען, ווײַל ער איז נאָך נישט געשטאַנען אונטער דער חופּה. די גליקליכע געלעגענהײַט וועט זיך פֿילײכט נאָך אַ מאָל ניט אומקעהרען, מען מוז אַלזאָ וואָס אַם שנעלסטען פֿערזאָרגען דעם זוהן מיט׳ן „נויטווענדיגסטען”, מען מוז איהם מאַכען „קאָלאָניזאַציאָנס־פֿעהיג”. אַזוי האָבען אַ מאָל געטראַכט ניט בלויז אײַנצעלנע, נאָר פֿיעלע און פֿיעלע האָבען מכין געווען זײַערע קינדער צו געניסען די טובות פֿון יק״א, בעת דיזע האָבען נאָך ניט דערגרײַכט דעם הײַראַטס־פֿעהיגען עלטער. הײַנט זענען די קאָלאָניסטען פּעסימיסטישער צו יק״א׳ס ווערטער, דער מנהג איז אָבער געבליבען. מײדלעך, וועלכע זענען אָקערשט פֿון פֿאָלקס־שול אַרויס, און יונגע בחורים׳לעך ווערען אָפֿט געבראַכט אונטער דער חופּה. דער רעזולטאַט דערפֿון זענען בײשפּיעללאָז אָפֿטע פֿרויען־קראַנקהײַטען, פֿערמעהרטע לעבענס־זאָרגען, וואַקסענדע אָרימקײַט. יק״א אין איהר רײַצענדער ראָלע אַלס שדכנ׳טע האָט געמענט בעקומען אַ פּרעמיע פֿון אַלע אַנטימאַלטהוזיאַנער.

די „יק״א”־אַדמיניסטראַציאָן ווײס, אַז צווישען די קאָלאָניסטען הערשט אַ שטאַרקע ערביטערונג, אַ טיעף אײַנגעוואָרצעלטע שנאה צו איהר, זי ווײס אויך, אַז ניט קוקענדיג אויף אַלע איהרע „שמד־שטיק

וואלט איהר הערשאפט לאנג ניט קענען דויערן אהן א שטיצע אין די קאלאניען גופא. עס איז דעריבער געווען איהר פאליטיק פון אנהויב אן, זיך צו שאפען און ערהאלטען א פארטיי פון טרייע אנהענגער. בעת די דערמאהנטע צוזאמענשטויסונגען פון די ערשטע יאהרען, ווען מען האט א סך קאלאניסטען גרויזאם פערטריבען, זענען אנדערע ווידער בערוהיגט געווארען דורך גוטע פערשפרעכונגען און בערגינסטיגונגען. נאטירליך זענען עס בלויז יחידי סגולה, וועלכע האבען א געוויסען איינפלוס אויף די אנדערע און גענייסען די אויסצייכנענדע אויפמערקזאמקייט פון דער יק"א, כדי די איבריגע, די מאסע, זאלען קענען נאך ברוטאלער בעהאנדעלט ווערען. דאס פיהרט זיך אזוי עד היום. ווער עס קען דער יק"א עפיס שאדען, דעם זוכט זי צו בעפרידיגען, דעם קאלאניזירט זי גיכער א זוהן אדער אנ'איידעם, גיט זי גיכער א הלואה, א קאנצעסיע אויף א מלאכה, א קרייט, א האטעל א. א. וו. קיין אויפריכטיגע פריינדשאפט זי זיך דערמיט ניט. אבער די קאלאניסטישע אייגהייט איז צעריסען. גראד די, וועלכע וואלטען קענען נוצען דער קאלאניסטישער זאך, זענען מייסט קארומפירט, שווייגען מיט א כונה, בערוהיגען דעם עולם, הגם קיינער דערוועגט זיך ניט אויפצוטרעטען אלס אונבעדינגטער פערטיידיגער פון יק"א, אין דער מורא צו ווערען שטילערהייט באיקאטירט אלס פיינד. דער טיפ פון די „איבערגעקעהרטע", פון די יעניגע, וועלכע זענען פריהער געווען יק"א'ס געגנער און זענען דערנאך אריבער אין יק"א'ס לאגער צוליעב טעמים, וואס קענען נאטירליך ניט בלייבען אינגאנצען בסוד, איז אזא אפטער, אז די קאלאניסטען זענען געווארען אויסערארדענטליך פארזיכטיג און ווילען קיינעם, וועלכער רופט זיי צום קאמפף געגען יק"א, מעהר ניט טרויען, ווייל זיי ציטערען, אז ער וועט ניט אויסהאלטען דעם נסיון, וואס וועט זיך אונפערמיידליך צו איהם מעלדען.

איז שוין נויטיג א „רעגירונגס־פארטיי", ווערען די קאלאניסטען איינגעטיילט אין צופרידענע און אונצופרידענע, אין אנהענגער און געגנער, און ווערט יעדער אויף א בעזונדערען אופן בעהאנדעלט, דאן קען מען ניט אויסקומען אהן שפיאנאזש. פארדעם איז טאקי אויך פאלשטענדיג געזארגט געווארען.

די אדמיניסטראציע בענוצט זיך ניט בלויז מיט איהרע אגענטען און איינצעלנע קאלאניסטען אלס שפיאנען, נאר האט עס פערשטאנען אזוי קונציג איינצוריכטען, אז איין קאלאניסט זאל איהר ערצעהלען דעם אנדערענס סודות. קומט ווער פון די ניט־איבערגעשפיצטע אין די אדמיניסטראציע בעטען א „טובה", ווערט ער אזוי לאנג געצויגען פאר דער צונג, ביז ער פלוידערט אויס אלץ, וואס ער האט אויפ'ן לונג. דאס

איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז צווישען די קאָלאָניסטען איז ענטשטאַנען אַ שרעקליכעס מיסטרויען איינער צום אַנדערען, אָפֿט אפילו צווישען די נאָהענטעסטע קרובים, אַז קיינער וואַגט ניט אָפֿען צו זאָגען אַ וואָרט געגען יק"א. אַז זאָגאַר אין'ם ענגסטען קרייז פֿון דער פֿאַמיליע און פֿריינד רעדען די קאָלאָניסטען מיט דער גרעסטער פֿאָרזיכט איבער זייער לאַגע און לעבען. די לופֿט איז ווי אָנגעזאַפּט מיט שפּיאָנאַזש, וואָס הערט אַלץ אונטער און גיט איבער אַ בעלאַגערנדען שונא. אַ שפּיאָנאַזש, וועלכע בינדעט יעדען די צונג און בעשאַפֿט אַנ'אַטמאָספֿערע פֿון נעגענזייטיגע שנאה און פֿעראַכטונג, וואָס לעגען זיך ווי בליי אויף אַלע געזעלשאַפֿטליכע בעציהונגען און פּאַראַליזירען און פֿערגיפֿטען יעדען רעשט פֿון געזעלשאַפֿטליכען לעבען.

יק"א ווירקט אַלזאָ ניט בלויז ווירטשאַפֿטליך רואינירענד און קולטורעל דעגראַדירענד, נאָר זי האָט אויך אויף איהר געוויסען אַ שרעקליכע דעמאָראַליזאַציע פֿון די קאָלאָניען. שאַפֿענדיג אַ רעזערוור פֿון מענשען, וועלכע זענען גרייט צו פֿערנעהמען דעם פּלאַץ פֿון די, וואָס ווערען אַרויסגעשטויסען, שטיצענדיג זיך אויף אַ קליקע פֿון איינגענאַרטיגע בויערן־„קולאַקעס", פֿון קריכער און טעלערלעקער, פֿערהעצענדיג די קאָלאָניסטען איינע געגען די אַנדערע, זייענדיג איבעראַל מיסטרויען און שנאה, האָט די בעאַמטענשאַפֿט פֿון יק"א דערגרייכט דאָס ציעל פֿון איהרע וואונשען: זי האָט צעריסען די אחדות פֿון די קאָלאָניען, צעבראָכען זייער מאָראַלישע ווידערשטאַנדס־קראַפֿט און האָט געמאַכט די אונטערטעניגקייט און פּחדנות, די אָנפּאַסונג צו דער געמיינהייט פֿאַר די העכסטע לעבענס־כללים. אין שאַרבענס ליגט פֿאַר יק"א'ס פֿיס דער אַ מאָליגער מוטיגער און עקשנות'דיגער גייסט פֿון דער קאָלאָניסטישער בעפֿעלקערונג. דער מאָראַלישער פעסט־הויך, וואָס געהט אויס פֿון איהר, האָט איהם צעשמעטערט.

יק"א'ס טעטיגקייט, וואָס ווירקט אין יעדער בעציהונג אין דער ענטגעגענגעזעצטער ריכטונג פֿון די ציעלען, וועלכע זי האָט זיך געשטעלט, ווערט געקרוינט דורך איהר נידערטרעכטיגער אַנטינאַטוראַליזאַציאָנס־פּאָליטיק. אַ היים האָט זי געזאָלט געבען די אידען, וואָס זי בעזעצט, אַ רעכטליכען שויץ, און זי האָט זיי אַוועקגענומען דאָס ביסעל רעכטען, וואָס זיי האָבען פֿערמאָגט. זי האָט זיי געמאַכט פּאָליטיש און בירגערליך פֿאַר ציגיינער.

ווי מיר ווייסען שוין, טאָרען זיך די אידען, וועלכע יק"א נעהמט אַרויס פֿון רוסלאַנד צום קאָלאָניזירען, ניט צוריקקעהרען אַ היים, וואָס זיי האָבען, ווי עס הייסט אין ענטלאַסונגס־צייגניס, „פֿערלאָזען אויף שטענדיג". צוריקקעהרען אין רוסלאַנד וואָלטען זיי קענען אונטער

פֿערשוווערטע בעגרענצונגען און נאָר אַלס אויסלענדער. אָבער כדי אָנגע־זעהן צו ווערען אַלס אויסלענדער, מוז מען דאָך זיין ערגיצוואו אין אויסלאַנד פֿעררעכענט אַלס בירגער, נאַטוראַליזירט. קען עס געבען אַ פשוט׳ערען געדאַנק ווי דעם, אַז די געזעלשאַפֿט, וואָס שרייבט אויס איהרע עמיגראַנטען פֿון רוסלאַנד, זאָל זי אין אַרגענטינאַ, וואו זי בע־זעצט זיי, איינשרייבען? דער יק״א דאַרף עס קאָסטען בלויז אַ פֿעדער־שטריך, בעת פֿאַר די קאָלאָניסטען, וועלכע זענען ניט בעקאַנט מיט די פֿאָרמאַליטעטען פֿון דער נאַטוראַליזירונג און וואוינען געוועהנליך וויים פֿון די צוגעהעריגע אינסטאַנצען, איז עס אַ פֿערפּלאָנטערטער עסק. אַזוי ווי אַ צוויי־יאָהריגער אויפֿענטהאַלט אין אַרגענטינאַ בערעכטיגט צו ווערען אַ בירגער, האָט די יק״א שוין ניין מאָל געקענט לאָזען ארויסגעבען איהרע קאָלאָניסטען די בירגער־קאַרטען. אָבער ניט בלויז וואָס יק״א נאַטוראַליזירט אַליין ניט, פֿלעגען נאָך איהרע בעאַמטע שטילערהייט אַגיטירען געגען די נאַטוראַליזאַציע און פֿלעגען מאַכען אַ ברוגז׳דיגע מינע, ווען די קאָלאָניסטען פֿלעגען פּרובען איבעררעדען דערפֿון. די טעמים, וועלכע זיי פֿלעגען דערביי אָנגעבען, זענען ניט ווייניג אינ־טערעסאַנט. מען האָט די קאָלאָניסטען געגעבען אָנצוהערען, אַז די פֿאָלגע פֿון דער נאַטוראַליזאַציע וועט זיין, אַז די זיהן וועלען דאַרפֿען— דינען ביי מיליטער. די יק״א אַלס אַנטימיליטאַריסטין — וואָס פֿאַר אַ וואונדערפֿאָלע איבערראַשונג פֿאַר הערווע און חברים!

נאַטירליך בין איך, חלילה, ניט חושד די יק״א אין אַנטיפּאַטריאָ־טיזם אָדער אַנאַרכיזם. קיינער טאָר איהר ניט משיג גבול זיין אין איהר רעכט זיך צו בענוצען מיט אַזאַ סאָרט פּאָרוויפֿע געגען געגנער. ניין, איהר הייסע פֿאָטערלאַנדס־ליעבע צו אַלע פֿאָטער־לענדער פֿון דער וועלט שטעהט איבער אַלע ספקות. אויך איהר אַרגענטינישעס שול־ווערק, וואו מען לערנט פֿון העברעאיש נאָר אַ ברכה אויף אַ דונער, און פֿון אידיש קיין וואָרט, בעווייזט ווי הויך עס שטעהען איהר די פֿאָטערלאַנדס־אינטערעסען, איהר אַנטיפּאַטריאָטיזם אין דער נאַטוראַלי־זאַציאָנס־פֿראַגע איז טאַקי אויך ניט קיין זעלבסט־צוועק, נאָר בלויז אַ מיטעל צו אַנדערע צוועקען. זי ווייס נעמליך, אַז ווען די קאָלאָניסטען וועלען בעזיצען בירגער־רעכטען אין לאַנד, וועלען זיי איהר, דער אויסלענדישער געזעלשאַפֿט, קענען ווערען אונאַנגענעהם, ווייל זיי וואָל־טען אין פֿאַל פֿון אַ פּראָצעס נעגען איהר לייכט און אַפֿילו אומזיסט בעקומען רעכט־שוץ און יורידישע הילף. זי בעדאַרף האָבען צו טהון מיט אַבסאָלוט רעכטלאָזע מענשען, כדי איבער זיי אויסצושטרעקען איהר גרענעצלאָזע הערשאַפֿט. דעריבער טרייבט זי אַ ציגייניזירונגס־פּאָליטיק, אַ פּאָליטיק, צו פֿערוואַנדלען מענשען מיט אַ שלעכטער היים און

האַלבע רעכטען אין מענשען אָהן אַ היים, אָהן אַ שוין, און רעכטלאָזע שקלאַפען.

מחמת דער פּאָליטיק איז בלויז אַ קליינער טייל קאָלאָניסטען נאַטוראַליזירט און דאָס דורך איינענער איניציאַטיווע. צווישען די פיהרענדע קרייזען פון דער אַרגענטינישער בעפעלקערונג האָבען זיך דעריבער אויפגעהויבען שטימען, וואָס קלאָגען אָן די קאָלאָניסטען, אַז זיי ווילען מיט אַ כונה ניט ווערען קיין בירגער, כדי זיך אַרויסצודרעהען פון די בירגער־פפליכטען, יק״א, וואָס פערשפּרייט איבעראַל פּאַטריאָטיזם, איז זיך דעם מאָל גאַנץ אונטריי געוואָרען.

ווען, נעהמענדיג אַלע געשילדערטע מאָמענטען אין בעטראַכט, שטעלט פאַר יק״א׳ס אַרגענטינישע קאָלאָניזאַציע געגען אינוועניג אַנ׳ערשיטערנדע טראַגעדיע, איז זי דאָך אין דער זעלבער צייט געגען אויסען אַ עקעלהאַפטע קאָמעדיע, וואָס ווערט געשפּיעלט מיט דער זעלבער אויסגערעכענטער שלויהייט, ווי עס איז אויסגעאַרבייט געוואָרען דער קאָלאָניזאַציאָנס־ און הערשאַפטס־סיסטעם. „אַלעס איז אין דער בעסטער אָרדנונג״, דאָס איז דער רעפרען, וואָס מען הערט שטענדיג אין אַלע הימנען, וועלכע די יק״א זינגט פאַר דער וועלט אויף איהר קאָלאָניזאַציע און פילאַנטראָפּיע.

מיר האָבען זיך שוין בעקענט מיט דער קאָמעדיע פון׳ם וואָהלשטאַנד און פאָרטשריט, פון וועלכע עס מעלדען שטענדיג יק״א׳ס פּובּליקאַציאָנען. וויפיעל אמת עס שטעקט דערין, וויפיעל ערנסט עס ליגט אין יק״א׳ס ריהמען דעם קאָלאָניסטען־פליים, אַזויפיעל אמת און ערנסט ליגט אויך אין איהרע בעריכטען מכח דעם self governement, דער אויטאָנאָמיע פון די קאָלאָניסטען, וועלכע זיי האַלטען אין איין לויבען. די לעצטע וועלען מאַכען ערשטוינטע פנים׳ער, ווען זיי וועלען ערפאַהרען, אַז יק״א איז אַנ׳אַנהענגערין פון דעם זעלבסטשטענדיגקייטס־פּרינציפּ, און זיי וועלען ניט וויסען, אויף וואָס פאַר אַ וועלט זיי זענען. ווען זיי וועלען הערען, אַז זיי געניסען שוין פאָלשטענדיג די זעלבסטשטענדיגקייט, צו וועלכער זיי גאַרען אַזוי שטאַרק, אין וואָס בעשטעהט דען די זעלבסטשטענדיגקייט? דאַרפען זיי ווערען אונאָבהענגיגע איינענטימער? דאַרפען זיי געהן אין קומען ווי זיי ווילען? האָבען זיי דעם מינדעסטען איינפלוס אויף די ערציהונג פון זייערע קינדער, אויף וועלכע זיי געבען צו־שטייער, אויף די פיהרונג פון דער קאָלאָניזאַציע? פון דעם אַלעם קיין שפור *). דאָס איינציגע, וואָס ווייזט אויס ווי אַנ׳אויטאָנאָמע איינ־

*) אפילו די קאלאניסטישע ביבליאטהעקען, אויף וועלכע די יק״א גיט צושטייער, מוזען פארלעגען דער אַדמיניסטראַציע אַ ליסטע פון די ביכער, וואס זיי ווילען זיך איינשאַפען. „שעדליכע״ ביכער ווערען געשטריכען. אַזוי האט יק״א פער־

ריכטונג, איז די זעלבסט־פערוואלטונג פון די דערמאָהנטע לייה־קאַסען. דיזע קאַסען, וועלכע האָבען ניט קיין קרעדיט־באזיס, ווייל די קאָלאָניס־טען גופא, זייערע מיטגליעדער, בעזיצען ניט קיין רעאַל־קרעדיט, בעקו־מען, ווי אויבען נעזאָגט, הלוואות פון יק״א, וועלכע זיי פערטיילען לויט דער אייגענער בעאורטיילונג. דערמיט האָט אָבער יק״א בלויז זיך פער־שפּאָרט די אַרבייט צו האָבען צו טהון מיט יעדען בעזונדער, האָט זיך בעשטעלט אונבעצאָהלטע קאַסירער אין דער געשטאַלט פון די פאָר־שטעהער פון די קרעדיט־פעראיינען און האָט זיך דערצו נאָך געזיכערט אַ שותפות׳דיגע אחריות פון אַלע פאַר יעדען איינצעלנעם. איבריגענס איז דער קרעדיט פון די לייה־קאַסען ביי דער יק״א אַ גאַנץ אונבעדייטענ־דער. דערמיט הויבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס די קאָלאָניסטישע אויי־טאָנאָמיע.

די וועלט דאַרף וויסען, אַז יק״א׳ס מוטעריליכעס האַרץ טהוט אַליין, וואָס איז נאָר נויטיג פאַר די קאָלאָניסטען. אין דער צייט פון גרויסע פערוויסטונגען דורך היישעריקען ווענדעט זיך אַ גרופּע אידישע קאָלאָניסטען פון סאַן אַנטאָניאָ צום רעגירונגס־קאָמיסאַר, וועלכער פער־טיילט זריעה צווישען די בעשעדיגטע, מכח הילף. דער קאָמיסאַר זאָגט צו און הייסט אויף מאָרגען קומען נאָך דער זריעה. דעם צווייטען טאָג דריקט אויס דער קאָמיסאַר זיין בעדויערען, וואָס ער קען ניט ערפילען זיין פערשפּרעכען. וואָרום? ווייל די אַדמיניסטראַציע פון יק״א האָט גענעבען צו וויסען דעם פערטרעטער פון דער רעגירונג, אַז זי וועט אַליין זאָרגען פאַר איהרע קאָלאָניסטען. זי האָט ניט געהאַלטען קיין וואָרט. דער פילאַנטראָפּישער שיין איז אָבער גערעטעוועט געוואָרען *).

צום שלום זאָל נאָך בעמערקט ווערען, אַז יק״א פערשטעהט זאָ־נאַר די קונץ, איהרע פערברעכענס צו פעררעכנען אַלס פערדינסטען. איך האָב אויבען דערמאָהנט די קאָלאָניען ווילאַ אַלבאַ און מע־דאַנאָס, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרען מיט דער הילף פון קריסטליכע קאַפּיטאַליסטען דורך געוועזענע קאָלאָניסטען פון יק״א, וועלכע האָבען ניט געקענט דערטראָגען יק״א׳ס טיראַניי. מיט דיזע קאָלאָניען, וועלכע געפינען זיך אין הפוך צו יק״א׳ס קאָלאָניען אין אַ בליהענדען צושטאַנד, און וועלכע מוזען דינען אַלס אַ לעבעדיגע אָנקלאָגע געגען איהר, האָט איהר ביוראָקראַטיע נאָך די חוצפה זיך צו ריהמען, אָט וואָס מיר ליי־נען דעריבער:

לאַנגע, אַז אין „באַראָן הירש״ זאָלען זיך ניט געפונען קיין ביכער פון — טאָלסטאָי און אַז אַרבייטער זאָלען ניט טאָרען זיין קיין ביבליאָטהעק־מיטגליעדער.

*) דער פאַל איז ערצעהלט געוואָרען דעם שרייבער פון די שורות דורך פאַמיליע שפּירא אין סאַן אַנטאָניאָ.

„עס איז אַ זעהר מערקווירדיגע ערשיינונג, אַז דאָס ביישפּיעל „פֿון אונזער ווערק האָט דערמונטערט אייניגע אידישע „גרופּען, וועלכע האָבען געבילדעט קליינע ווירטשאַפֿטליכע צענטרען, „וואָס זענען זעהר אינטערסאַנט" *). און דער שרייבער רעכענט אויס ווילאַ אַלבאַ, מעדאַנאָס, ראָקאַ, ניט דערמאָהנענדיג מיט איין וואָרט, אַז זיי זענען געגרינדעט געוואָרען דורך געוועזענע קאָלאָניסטען, וואָס האָבען זיך געראַטעוועט פֿון דער אידישער פֿילאַנטראָפּיע צו קריסטליכע קאַפּיטאַליסטען, אַזוי ווי זיי וואָלטען ענטשטאַנען אונטער דעם „אויפֿמונטערענדען ביישפּיעל" פֿון איהרע קאָלאָניען, אַזוי ווי די לעצטע וואָלטען טאַקי געווען פּראַקטישע אַקערבוי-שולען לויט ה' לעווענ'ס בעהויפּטונג. זיך צאַצקען מיט די אייגענע פֿערברעכערס, די קטיגור לאָזען רעדען ווי סניגור — דאָס איז אַזאַ אונערהערטע מדרגה פֿון געוויסענלאָזיגקייט, פֿון צביעות, וואָס ווייזט, אַז די יק"א-אַדמיניסטראַציאָן האָט ניט דאָס קלענסטע אחריות-געפֿיהל פֿאַר איהרע ווערטער און מעשים, אַז זי האָט מאָראַליש פֿאָלשטענדיג באַנקראָטירט.

VI. יק"א'ס מוסטער-קאָלאָניען.

כדי מיט אַ לעבעדיגען בילד צו אילוסטרירען יק"א'ס קאָלאָניזאַציאָנס-טעטיגקייט און איהרע רעזולטאַטען, וויל איך געבען אַ קורצע שילדערונג פֿון צוויי קאָלאָניען איהרע, מיט וועלכע זי ריהמט זיך אַם מייסטען, מויריציאָ און „באַראָן הירש". אַ פֿערגלייך צווישען דיזע ביידע קאָלאָניען איז בעזונדערס לעהררייך, ווייל זייער גרינדונג ליגט אין גאַנץ פֿערשיעדענע צייטען און ווייל די מדרגה פֿון זייער צופֿוילטקייט ענטשפּרעכט גענוי זייער עלטער. ביידע קאָלאָניען זענען פֿערהאַפּט פֿון אַ מין שווינדזוכט, נאָר בעת די יונגע קאָלאָניע „באַראָן הירש" געפֿינט זיך נאָך אין אָנהויב-שטאַדיום פֿון דער קראַנקהייט, איז מויריציאָ, די עלטעסטע קאָלאָניע פֿון יק"א, שוין אַריינגעטרעטען אין איהר לעצטען שטאַדיום און שטעלט פֿאָר אַ נ'אָרגאַניזם, וואָס איז דורך און דורך צעפֿרעסען פֿון באַצילען. געפֿינענדיג זיך אויף צוויי ענטגעגענגעזעצטע עקען פֿון דער ענטוויקלונג, ריכטיגער פֿון דער פֿערקריפּלונג, ווייזען זיי, ווי געזעצמעסיג, ווי אונפֿערמיידליך עס איז די ענטאַרטונג פֿון יק"א'ס קאָלאָניזאַציע.

לאָמיר אָנהויבען מיט דער יונגער קאָלאָניע.

1. „באַראָן הירש".

בעת די ערשיטערנדע פּאַסירונגען אין רוסלאַנד פֿונ'ם רעוואָלו-

*) Rapport ect. 1908, זייט 45.

ציאָנס־און פּאָגראָם־יאָהר 1905 האָבען זיך צונויפֿגערעדט אַ היבשע צאָהל אידען אין יעליסאַוועטגראַד און דער סביבה, וואָהלהאַבענדע סוחרים, צו פֿערלאָזען דאָס בלוטיגע לאַנד מיט די לופֿט־פּרנסות און זיך צו נעהמען צו דער אַגריקולטור אין דער אַרגענטינישער רעפּובליק מיט דער הילף פֿון יק״א. זיי האָבען געשיקט זייערע פֿערטרעטער צו יק״א אין פּאַריז, ביי וועלכער זיי האָבען גע׳פּועל׳ט געוויסע פּריווילעגיעס אין פֿערגלייך מיט די אַנדערע קאָלאָניען, נעמליך: אַ געוויסעס זעלבסט־פֿערוואַלטונגס־רעכט, דאָס רעכט אין אַ קורצערען טערמין זיך אויסצו־קויפֿען (12 יאָהר), גענוג ערד. דיזע פּריווילעגיעס האָבען זיי בעקומען דערפֿאַר, וואָס זיי האָבען צו דער גרינדונג פֿון דער קאָלאָניע פֿער־לאַנגט פֿון דער יק״א נאָר ערד, ווייל יעדער פֿון זיי האָט מיטגעבראַכט אויפֿ׳ן אָרט אַ געוויסען קאַפּיטאַל, ווענינסטענס 2 טויזענד רובעל פֿאַר דער משפּחה, אַנדערע 8—10 און מעהר, איינער זאָגאַר 25 טויזענד רובעל. פֿאַר׳ן געלד האָט אויך די שטיינרייכע יק״א אַ אָבשיין. „באַראָן הירש״ אָדער ריווערא, וואָס די יעליסאַוועטגראַדער האָבען געגרינדעט, פֿיגורירט אין איהרע ביכער אלס אַ קאָלאָניע מיט בעזונדערע פּראַוועס.

די קאָלאָניע האָט אין אָנהויב געוויזען אַ האַרצערקוויקענדען בילד, באַלד אָבער פֿערענדערט זיך דער איינדרוק אַלץ מעהר צום שלעכטען.

דער בויפּלאַן פֿון „באַראָן הירש״ איז אויסגעאַרבייט געוואָרען דורך דעם קאָלעקטיווען שכל פֿון די קאָלאָניסטען גופֿא און איז דער איינציגער ביי יק״א, וואָס איז בכלל גענומען בעפֿרידיגענד. די טשאַק־ראָס זענען אַזוי סיסטעמאַטיש פֿונאַנדערגעטיילט געוואָרען, אַז אַ גרעסע־רע צאָהל פֿאַמיליען, געוועהנליך 12, וואוינען צוזאַמען און דאָך האָבען זיי ניט ווייט צום אַרבייטס־פּלאַץ און אַז פֿון דער אַנדער זייט איז דער פֿערקעהר פֿון גרופּע צו גרופּע אַ לייכטער. אַ דאַנק דעם הערט מען פֿון איין זייט ניט פֿון קיין איבערפֿאַלען און פֿון דער אַנדער זייט איז מעגליך אַ געזעלשאַפֿטליכעס צוזאַמענלעבען, אַזוי אַז די לאַנד־ווירטשאַפֿטליכע בעשעפֿטיגונג בעדייטעט ניט פֿאַר די געוועזענע מעהר אָדער ווייניגער אינטעליגענטע סוחרים קיין ריקשריט אין קולטורעלער בעציהונג. ווירקליך מאַכען די ריווערער קאָלאָניסטען קולטורעל אַ גוטען איינדרוק, זיי פֿערקעהרען אין דער אַרבייטס־פֿרייער צייט פֿיעל איינע מיט די אַנדערע, לעזען ביכער, צייטונגען, זענען אויפֿ׳ן לויפֿענדען פֿון אַלץ, וואָס קומט פֿאָר אין דער אידישער וועלט, און האָבען אַ לעבע־דיגען אינטערעס פֿאַר אַלע פֿראַגען אין יודענטום.

דאָס שטערט זיי ניט צו זיין גוטע לאַנדווירטען, אויסגעצייכענט פֿליי־סיגע אַרבייטער. פֿערקעהרט, אין דער קורצער צייט, וואָס די קאָלאָניע

עקזיסטירט, האבען זיי בוכשטעבליך פערוואנדעלט א וויסטעניש אין א בליהענדע לאנשאפט. דיזע מענשען, וועלכע האבען פריהער קיינמאל ניט געהאלטען א פלוג אין האנד, אונבעקאנט מיט שווערע פיזישע אנשטרענגונגען, מייסט געוואוינט צו בעקוועמליכקייטען, האבען אין אנהויב געלעבט לויט'ן שטייגער פון די אונגליקליכע רוסישע בויערן אין ערד־הייזלעך, זייער אייגענע ארבייט, וועלכע זיי האבען שפעטער פערביטען אויף מענשליכערע הייזער, וואס זיי האבען ווידער אליין געבויט, האבען אליין געגראבען זייערע טיפע ברונעמס, ארומגעצוימט די ברייטע פעלדער, אליין געאקערט, געזייט, געבראנעוועט, געשניטען, ניט שאנעווענדיג קיין אנשטרענגונגען, ניט קוקענדיג אויף קיין היצען, קיין רעגענס, אנראר־וויסען פעהלט זיי, אבער אוועקלעגענדיג אן א זייט דעם פעהלער, אין וועלכען זיי זענען ניט שולדיג און וועלכער וואלט זיך לאזען לייכט בעזייטיגען — וואס פאר א גלענצענדע צייגניס געבען זיי דא אב פון דעם אידישען ארבייטס־פליים, פון דער אידישער קאלאניזאציאנס־פעהיגקייט, פונ'ם אידישען אידעאליזם! און די יוגענד, וועלכע האט אזוי שנעל ענטוויקעלט איהרע פיזישע כחות, וועלכע האט בעקומען עטוואס פערברוינטע, קראפט שפריצענדע פנימ'ער, אדערן פון שטאהל און אייגען, וואס גלאנצען פון בעגייסטערונג פאר'ן אידעאל פון עהרענפולער ארבייט, געזונדען נאטור־לעבען, פאלקס־אויפלעבונג! אה, מיין געבראכען פאלק, איך האב קיינמאל אזוי שטארק ניט געגלויבט אין דיינע בעהאלטענע לעבענס־קרעפטען און פעהיגקייטען, אין דער מעגליכקייט פון דיין ווידערגעבורט, ווי זייט איך האב געזעהן די געוועזענע יעליסאוועטגראדער סוחרים אויף דער ארגענטינישער סטעפ!

דאך שוין האט זיך עפיס ווי א קריכענדע שלאנג ארייגגע'גנב'עט אין די קאלאניע און האט אין איהר ארייגעלאזט א טויטליכען גיפט. וואס איז פארגעקומען? יק"א־באציליען זענען בעפאלען דעם בליהענדען ארגאניזם און זויגען אויס זיינע לעבענס־זאפטען.

קודם כל זענען די קאלאניסטען שווער אבגענארט געווארען מיט דער ערד, עס איז אן אפענער סוד, אז דער עקספערט פון דער דירעקציע, וואס האט איהר רעקאמאנדירט די ערד, אויף וועלכע די קאלאניע איז שפעטער געבויט געווארען, האט גענומען א גרויסע סומע געלד פונ'ם פערקויפער פאר זיין גוטער רעקאמאנדאציע. די גערעכטיגקייט פאדערט צו מעלדען, אז בעת די דירעקציע האט זיך דערפון דערוואוסט, האט זי איהם אבגעזאגט פון דער שטעלע. די קאלאניסטען זענען אבער דערמיט ניט געהאלפען געווארען, זיי זענען געבליבען ביי דעם ערגסטען סארט ערד, וואס קען נאר געבען, א מאגערע, זאמדיגע ערד, וואס ניט בלויז די אידען, נאר אפילו די שכנה'שע דייטשען קענען מיט

איהר װעניג װאָס אָנהויבען, מחמת דעם, װאָס די מיסטיגונגס־מעטהאָדע איז אין אַרגענטינאַ ניט בעקאַנט, מוז נעמליך די ערד נאָך איינינגע יאָהר פון בעאַרבייטונג עטליכע יאָהר רוהען, אַזוי אַז די קאָלאָניסטען מוזען שטאַרבען פאַר הונגער, װען זיי בעקומען ניט פאַר דער לאַנגער שמיטה־צײַט אַנדערע ערד צום בעאַרבייטען. װי עס בעהױפּטען די פערטרעטער פון די קאָלאָניסטען, װעלכע האָבען אַ מאָל געפיהרט די פערהאַנדלונגען מיט פּאַריז, האָט מען זיי טאַקי צוגעזאָגט צו געבען רעזערװ־ערד, ד. ה. נײַע ערד, װען די אַלטע װעט זײַן אויסגעאַרבייט און װעט דאַרפען אויסרוהען. אַ גאַנצע שורה פון בעװייזע רעדען פאַר'ן אמת פון דיזער בעהױפּטונג. אָבער צוגעזאָגט אָדער ניט צוגעזאָגט — די קאָלאָניע געפינט זיך אין אַ פערצװייפעלטער לאַגע און עס איז גאַנ'ץ נאַטירליך און גערעכט, װען די קאָלאָניסטען פאָדערן, אַז יק"א זאָל זיי אַרויסהעלפען פון דער נויט, אין װעלכער זיי זענען אַרײַנגעפאַלען דורך דער שולד פון איהרע בעאַמטע. זיי פערלאַנגען דאָך שליסליך ניט קיין נדבה, נאָר זענען גרייט מיט פערגניגען צו צאָהלען דעם קרן מיט'ן געפאָדערטען פּראָצענט, און יק"א בעזיצט פיעל ערד אַרום „באַראָן הירש". װאָס ענטפערט די יק"א? די אַלױיסענדע הערען אין פּאַריז האָבען אויסגערעכנט און געמאַכט פאַר אַ חק ולא יעבור, אַז אַן אַר־געגטינער קאָלאָניסט דאַרף האָבען אונטער אַלע אומשטענדען ניט מעהר און ניט װעניגער װי 150 העקטאָר ערד און זיי װעלען גיכער מקריב זײַן די קאָלאָניע עהדער אָבצואװייכען אויף אַ האָהר פון זייער שאַבלאָנע. כדי אָבער דאָך צו פערשטאָפּען די קאָלאָניסטען די מײַלער, האָבען זיי בעקאַנט געמאַכט, אַז זיי װעלען אָבגעבען ערד אין אַרגענ־טינע און שפּעטער אין קויף צו איין זוהן אויף יעדע קאָלאָניסטישע פאַמיליע. די עלטערן װעלען אַלזאָ מוזען ליגען אויפ'ן קאַרק פון די קינדער, אויף אַזוי װײַט װי זיי זענען בכלל גליקליך צו האָבען „קאָלאָניזאַ־ציאָנס־פעהיגע", דאָס הייסט אויסגעגעבענע קינדער. װאָס זאָלען טהון די יעניגע, װאָס זייערע קינדער זענען נאָך ניט דערװאַקסען צום הייראַ־טען? װעלענדיג אָדער ניט װעלענדיג װעט מען באַלד אָנהויבען צו פיהרען אין ריװעראַ קינדער אונטער די חופּה.

אָנשטאָט צו פערזאָרגען די קאָלאָניסטען מיט'ן נויטיגען שטח ערד, װערט דערמיט געטריבען אַ מאוסע ספּעקולאַציע. עס װערען פער־טײלט טשאַקראָס צװישען ריװערער און בוענאָס איירעסער קרעמער, װעלכע טראַכטען גאָר ניט זיי צו בעאַרבייטען, נאָר פערדינגען זיי צו קריסטען און שאַכערען מיט זיי. דאָס טהוט די אָרטיגע אַדמיניסטראַציע, װעלכע מאַכט דערבײַ אַ גלענצענדען געשעפט. אין מיט'ן העלען טאָג טרײַבט זי דעם טשאַקראָ־מסחר, מיט אַ בײַשפּיעללאָזער חוצפּה און

ציִניִזם פֿיִלט זיִ אָן דיִ קעשענעס מיִט שוחד און פֿערוויפֿט דאָס געלד מיִט גוטע בריִדער.

יע, דער אַדמיִניִסטראַטאָר פֿון „באַראָן היִרש“ (דער תכשיט הייִסט מ. מ. געסנעראָוו) האַלט ווענינ פֿון בושה. פֿון איין זייט מחמת פֿאָרזיִכט און פֿון דער אַנדער זייט צוליִעב בעקוועמליִכקייִט טרייבט ער דעם טשאַקראָ־מסחר דורך פֿערמיִטלער, דיִ מעטהאָדע איִז פֿאָלגענדע: איין אָדער צוויי פּאַרשוינען „קויפֿען אָב“ אָגולנע אַ 40 טשאַקראָס פֿאַר אַ 10 טויזענד פעזאָס און פֿערטייִלען זיי צווישען דיִ, וועלכע געבען דעם גרעסטען „פֿערדיִנסט“. אויף אַזאַ אופן איִז דער פֿערמיִטלערלוין פֿון אַ טשאַקראָ געשטיִגען אויף 700 פעזאָס (בייִ 1500 פֿראַנק). אָפֿיִציִעל הייִסט עס אָבער, אַז דיִ קויפֿער וועהלען אויס זייערע פֿערטרעטער, וועלכע פֿערטייִלען צווישען זיי דיִ טשאַקראָס. דאָס איִז דיִ פֿיִעל גערייִהמטע „אויטאָנאָמיִע“ פֿון באַראָן היִרש“.*)

ס'פֿערשטעהט זיִך, אַז בייִ אַזאַ פֿערטייִלונגס־אופן פֿאַלען אָפֿט אַריין דיִ טשאַקראָס איִן דיִ הענד פֿון אונפּאַסענדע פּערזאָנען. אָבער אויך דיִ מענשען, וועלכע נעהמען דיִ קאָלאָניִזאַציאָנס־איִדעע ערנסט און ברענען פֿאַר חשק זיִך אויסצולעבען אויפֿ'ן לאַנדוויִרטשאַפֿטליִכען געביִעט, זענען געצוואונגען זיִך צו בענוצען מיִט שוחד, כדי צו פֿערוויִרקליִכען זייער איִדעאַל. דער וועג צו דער קאָלאָניִזאַציע פֿיִהרט דורך קאָרופּציִע.

אויף דעם פֿאַרם־האַנדעל בעשרענקט זיִך ניִט דער אַפּעטיִט פֿון דער לאָקאַלער אַדמיִניִסטראַציע. פֿון אַליץ ווכט זיִ צו מאַכען געלד, מיִט אַליץ ווערט געשוויִנדעלט, מיִט אַליץ. איִך וואָלט אַריִבערגעהן דיִ ראַהמען פֿון דער שריִפֿט, ווען איִך וואָלט דאָ אויפֿצעהלען אַלע פֿערברעכענס פֿון אַ גאָטלאָזען לומפּ, וואָס איִהם איִז איִבערגעגעבען געוואָרען דיִ הערשאַפֿט איִבער אַ עדה איִדען און וואָס איִז דאָך פֿערשריִבען בייִ דער דיִרעקציע אַלס איינער פֿון דיִ בעסטע בעאַמטע. דאָ זאָלען נאָך מיִטגעטייִלט ווערען בלויז אַ פּאָר חאַראַקטעריִסטיִשע פֿאַקטען.

דאָס שטעדטעל, וואָס האָט זיִך איִן דער קאָלאָניִע געביִלדעט און וואָס האָט געזאָלט איִבערגעגעבען ווערען איִן דיִ זעלבסט־פֿערוואַלטונג פֿון דיִ קאָלאָניִסטען אויפֿ'ן יסוד פֿון זייערע בעזונדערע רעכטען,

---

*) אַזוי איז געווען צו לעזען אין אַ מיטטיילונג פונים פּעטערבורגער צענטראַל־קאמיטעט פון יק״א אין נומ. 9 פון „יודישען עמיגראַנט“ 1910: „דא (אין באַראן הירש) איז ניטא קיין אַדמיניסטראַציע און יעדע גרופּע קאלאניסטען האט דא איהרע פארשטעהער, וועלכע זעהען נאך אַלץ, וואס מען דאַרף. אום אויפגענומען צו ווערען, דאַרף מען זיך צו ווענדען צום פאָרשטעהער פון אַזאַ גרופּע, און אַז די גרופּע נעהמט איהם אויף, פערלאַנגט זי די איינוויליגונג פון דער אַדמיניסטראַציע“.

איז דאָך געבליבען, ווי איבעראַל, פֿאָלשטענדיג אינ'ם רשות פֿון דער אַדמיניסטראַציע, און ווי איבעראַל פֿערטיילט די אַדמיניסטראַציע די „קאָנצעסיעס", ווי עס פּאַסט איהר. דיזע רייכע קוועלע פֿאַר קאָרופּציע ווערט דאָ אויסגענוצט פֿון איין זייט צוליעב די „כלל-אינטערעסען" פֿון יק"א, פֿון דער אַנדער זייט צוליעב די אינטערעסען פֿון דער לאָקאַלער אַדמיניסטראַציע. דעם מאָנאָפּאָל אויף אַ מלאכה, אַ קלייט א. א. וו. בעקומען די יק"א-פֿריינד און אַלע, וועלכע געבען דעם אַדמיניסטראַטאָר אַ גוטע מתנת יד. אַזוי האָט איינער אַ קריסט מיט'ן נאָמען פֿ ע ר נ אַ נ ד אָ פֿ ו י ע ר, אַ מאָנאָפּאָל אויף אַ מאַגאַזין פֿון אַלע סאָרטען סחורות, פֿאַר וועלכע ער נעהמט מינדעסטענס דאָפּעלטע פּרייזען ווי געוועהנליך און עקספּלאָאַטירט אויף אַ שענדליכען אופן די קאָלאָניסטען. און אַזוי איז עס מיט אַלץ.

אָדער אַנ'אַנדער פֿאַל: סוף 1909 גרינדעט די יק"א אַ קאָלאָניע אין דער פּראָווינץ צענטראַל-פּאַמפּאַ, בערנאַסקאָניע. אַ טייל פֿון די ניי-איינגעאָרדנעטע קאָלאָניסטען דאַרפֿען בעקומען פֿערד דורך די אַדמיניסטראַציע פֿון „באַראָן הירש". מזומן געלד טרויט מען דעם קאָלאָניסט ניט, נאָר מען צאָהלט געוועהנליך דעם פֿערקויפֿער פֿאַר דער געליפֿערטער סחורה לויט דער אָנווייזונג פֿונ'ם קאָלאָניסט. אונזער אַדמיניסטראַטאָר צווינגט די מענשען, וועלכע מאַכען די ערשטע וויכטיגע שריט אַלס איינגענע בעלי בתים, צו קויפֿען די פֿערד אויף אַ בעשטימטען פּלאַץ און פֿון דעם ערגסטען סאָרט, קלאַטשעס אָדער „זשעגוועס" אינ'ם לשון פֿון לאַנד, וואָס טויגען לחלוטין ניט צו דער אַרבייט. דיזע בהמות, וואָס זענען ווערט 7—10 פּעזאָס אַ שטיק, פֿעררעכענט זי צו 40 פּעזאָס, די סומע, וואָס יק"א האָט בעשטימט פֿאַר אַ פֿערד. און ווען די קאָלאָניסטען האָבען זיך געקלאָגט, אַז די פֿערד וועלען באַלד אויס'פּגר'ן און זיי וועלען ניט האָבען מיט וואָס צו אַרבייטען, האָבען זיי בעקומען די גייסטרייכע תשובה פֿון דעם אַדמיניסטראַטאָר'ס פֿערמיטלער, אַז דאָס געלד געהערט דאָך ניט זיי, נאָר באַראָן הירש...

דאָס זענען איינצעלנע פֿאַקטען פֿון אַ ענדלאָזער שורה פֿון פֿערברעכענס. מען קען זיך פֿאָרשטעלען ווי אַזוינע פֿאַקטען מוזען ווירקען אויפֿ'ן לעבען פֿון דער קאָלאָניע, ווי פֿון איין זייט גראָבען זיי אונטער איהר ווירטשאַפֿטליכע עקזיסטענץ און ווי פֿון דער אַנדער זייט פֿערפּעסטען זיי די גאַנצע אַטמאָספֿערע און פֿערדאַרבען די עפֿענטליכע מאָראַל. „ווי קען בליהען דער גייסט פֿון אַרבייט און פֿלייס דאָרט, וואו די עהרליכקייט ווערט אַזוי שלעכט בעלוינט און דורך שווינדעל קען מען זיך מאַכען אַ פֿערמעגען?" דיזע ווערטער פֿון אַנ'אויפֿרוף, וואָס האָט פֿערשפּרייט די „סאָסיעדאַד אַגריקאָלאַ באַראָן הירש" (לאַנדווירטשאַפֿט-

ליבער פֿעראיין) אין הערבסט 1909 איז געווען אַ טיעפֿער זיפֿץ פֿון דער עהרליכער קאָלאָניסטישער ברוסט איבער די נידערטרעכטיגקייט פֿון דער אַדמיניסטראַציע און איהרע שטיצען צווישען די קאָלאָניסטען־קולאַקעס.

די לעצטע פֿעהלען דאָ אויך ניט. די אַדמיניסטראַציע האָט זיך אַרומגערינגעלט מיט אַ הייפֿעל אונטער־העלפֿערס, די „לעגאַלע" פֿערטרעטער פֿון דער קאָלאָניע, מיט וועלכע זי טיילט איהר רויב, כדי זיי זאָלען העלפֿען האַלטען „אָרדנונג" און אונטערדריקען אַלץ, וואָס קען מאַכען, אַז איהרע פֿערברעכענס זאָלען בעקאַנט ווערען אויסערהאַלב דער קאָלאָניע.

ווייס די דירעקציע אין בוענאָס איירעס פֿון די אונערהערטע שווינדלען און סקאַנדאַלען אין „באַראָן הירש"? יע און ניין, דאָס הייסט, זי ווייס דערפֿון, נאָר זי מאַכט זיך ניט וויסענדיג. וואָרום? ווייל דער אַדמיניסטראַטאָר האָט איהר דעריבער גאָר נישט בעריכטעט. איך רעד גאַנץ ערנסט. ניט איינמאָל האָבען זיך איינצעלנע און גאַנצע גרופען ביי איהר געקלאָגט איבער די מיסשטענדע אין דער קאָלאָניע, אָבער שטענדיג וואַרפֿט זי אַריין די בעשולדיגונגען אין פּאַפּיר־קאָרב אָדער שיקט זיי איבער צום אַדמיניסטראַטאָר, ווייל זיי זענען ניט אָנגעקומען אויפֿ'ן „רעכטמעסיגען" וועג, דאָס מיינט דורכ'ן אַדמיניסטראַטאָר גופֿאָ, די צווישען־אינסטאַנץ. די דירעקציע בלייבט טויב פֿאַר די קאָלאָניסטישע אָנקלאָגען און די זשוליקעס אין און אַרום דער אָרטיגער אַדמיניסטראַציע ווערען אַלץ הוצפּה'דיגער און לאַכען זיך ציניש אויס פֿון זייערע שוצלאָזע קרבנות.

ווען מען רעכענט צו דעם אַלעס צו דעם קרעדיט־מאַנגעל, וואָס פֿיהלט זיך שטאַרק אין „באַראָן הירש" און וואָס האָט אָנהויב 1910 געצוואונגען די קאָלאָניסטען צו פֿערקויפֿען זייער תבואה אויף די פֿעלדער בחצי חנם, וועט מען איינזעהן, אַז מיט דיזער קאָלאָניע, וואָס האָט לכתחילה אַזוי פֿיעל פֿערשפּראָכען, כוז עס געהן אַלץ ווייטער אַראָב און אַז זי וועט קיין לאַנגען קיום ניט האָבען, אויב די מיסשטענדע וועלען ניט אָבגעשאַפֿט ווערען בעת עס איז נאָך דאָ צייט. שוין האָט זיך אָנגעהויבען דאָס לויפֿען פֿון דער קאָלאָניע און דוקא מצד די בעסטע עלעמענטען, וועלכע זענען דעם שרייבער פֿון די שורות פֿערזענליך בעקאַנט און וועמען איך קען אויסשטעלען דאָס בעסטע צייגניס — אַנ'ערשיינונג, וואָס האַראַקטעריזירט שטענדיג די ענטאַרטונג פֿון יק"א'ס קאָלאָניען, דעם אָנהויב פֿון זייער סוף.

2. מוריציא.

דיזע עלטעסטע קאָלאָניע פֿון יק"א האָט אַ צו לאַנגע געשיכטע,

כּדי איִהר דאָ באריכות איִבערצוגעבען. נאָך די שוידערליִכע פֿערגע־וואַלטיִגונגען פֿון די ערשטע יאָהרען מצד אַ פֿערברעכעריִשער חברה איִן און אַרום דער אַדמיִניסטראַציע (עד היום שטעהט די טורמע, וועלכע איִז געבויט געוואָרען דורך די קאָלאָניִסטען און איִן וועלכע זיי זענען דערנאָך גרויזאַם געפּייניִגט געוואָרען) האָט זיך אָנגעהויבען אַ רוהיִגערע און אַ פֿיִעל פֿערשפּרעכענדע ענטוויִקלונג. מיִט'ן נאָכלאָזען פֿון דער אונ־טערדריִקונג מצד די נייע בעאַמטע האָט שטאַרק פֿונאַנדערגעבליִהט דער קאָלאָניזאַציאָנס־גייסט, דער אַרבייטס־פֿלייס און מען האָט אַלגע־מיין ערוואַרטעט, אַז מוריציאָ וועט ווערען די ציִרונג פֿון יק"א'ס אַר־גענטיִניִשער קאָלאָניזאַציע. דאַן טרעט וויִדער אַריין אַ ענדערונג צום שלעכטען. דאָס היינטיִגע ביִלד פֿון מוריציאָ איִז אַ גענוג טרויעריִגעס, און ווער עס וואָלט וועלען בעאורטייִלען דעם איִדיִשען קאָלאָניזאַציאָנס־טאַלענט אויפֿ'ן יסוד פֿון מוריציאָ'ס געגענוואַרט, ניִט נעהמענדיִג איִן בעטראַכט די סבות פֿון די ערשיינונגען, וועלכע וויִרקען שוין זייט לאַנג און זענען אָפֿט בעהאַלטען פֿונ'ם אויסערען בליִק, וואָלט מוזען קומען צו די פּעסיִמיִסטיִשעסטע רעזולטאַטען. בעטראַכט מען פֿער־קעהרט דיזע סבות, דאַן פֿערוואַנדעלט זיך דער פּעסיִמיִזם איִבער'ן קאָ־לאָניזאַציאָנס־מאַטעריאַל איִן אַ גליִהענדען האַס און אַ טיִעפֿער פֿער־אַכטונג צו די קאָלאָניזאַטאָרען.

איִנ'ם בויפּלאַן אונטערשייִדעט זיך מוריציאַ זעהר שטאַרק פֿון „באַראָן היִרש". איִהם האָט יק"א'ס זשעניִע אויסגעשפּונען, זי האָט געלאָזט בויען די קאָלאָניִע בצלמה ובדמותה און עס איִז אַרויס אַ פֿער־זעהעניִש. איינצעלנע הייזלעך צעוואָרפֿען איִבער אַ גרויסען ערד־שטח, דאָ און דאָרט העכסטענס אַ פּאָר הייזער צוזאַמען, דערצו די אָבגעלאָ־זענסטע וועגען, פֿון וועלכע מען קען זיך מאַכען שווער אַ בעגריִף, פֿול גריִבער און „טהאָלען", וואָס בילדען בעת אַ רעגען טיִפֿע לוזשעס, וועל־כע שטעהען מחמת דער פֿעטקייִט פֿון די ערד טעג לאַנג, אַזוי אַז עס איִז אַ גרויסען טייִל איִן יאָהר סכנת נפֿשות צו פֿאָהרען, בעזונדערס איִן דער נאַכט — דאָס איִז דאָס אויסערע ביִלד פֿון דער קאָלאָניִע. די פֿאָלגע פֿון דער צעוואָרפֿענהייִט און דעם שווערען פֿערקעהר איִז אַ טיִעף אַראָבגעזונקענער גייסטיִגער צושטאַנד, דאָס סאָציאַלע און קול־טורעלע לעבען איִז אַזוי גוט ווי פֿאָלשטענדיִג דערשטיִקט. און ניִט קוקענדיִג אויף דעם, וואָס יק"א האָט די איִנטעליִגענטערע און אונציפֿרי־דענע פּערזאָנען מאַסענהאַפֿט אַרויסגעשטויסען, זענען דאָך געבליִבען מאַנכע איִנטעליִגענטע פּערזאָנען איִן דער קאָלאָניִע, וועלכע זענען גע־וואָרען קאָלאָניִסטען ניִט בלויז מחמת מאַטעריִעלע טעמים, נאָר אויך אָדער דער עיקר, זעהענדיִג איִן דער קאָלאָניזאַציע אַ פֿאָלקס־איִדעאַל.

מיט וואָס פֿאַר אַ שווערען הארצען מוזען זיי צוזעהן דעם גייסטיגען חורבן פֿון זייערע מיטברידער, ווי שרעקליך מוז זיי אויסקומען זייער אייגענע לאַגע, לעבענדיג איינזאַם ווי אין אַ וויסטעניש, די וועלט פֿערלאָרען פֿאַר זיי, זיי פֿערלאָרען פֿאַר דער וועלט, לאָזענדיג פֿערדאַרען זייערע אינעלעקטועלע און מאָראַלישע כחות אָנשטאָט זיי צו לאָזען וואַקסען אינ׳ם דינסט פֿון אַ גרויסער זאַך, אויפֿ׳ן פֿעלד פֿון געזעלשאַפֿטליכער טעטיגקייט, פֿערלירענדיג אויף אַזאַ אופֿן די העכסטע לעבענס-לוסט און לעבענס-פֿרייד!

ניט בעסער שטעהט די קאָלאָניע נאַציאָנאַל-ווירטשאַפֿטליך. די מאַטעריעלע לאַגע פֿון די מוריציער איז הגם פֿאַר זיך ניט גוט, דאָך אַ סך בעסער ווי איבעראַל. דאָס איז אָבער ניט אַ דאַנק דער לאַנדווירטשאַפֿטליכער טעטיגקייט, נאָר אויסשליסליך מחמת דעם שנעלען וואַקסען פֿון דער רענטע. מען קען בכלל ניט רעדען פֿון מוריציאָ אַלס פֿון אַ אידישער קאָלאָניע אינ׳ם אייגענטליכען זין פֿון וואָרט. בליקט נאָך רעכטס און לינקס: ווער זענען די פֿאַקטישע בעלי-בתים פֿון די זאַטע פֿעלדער, ווער זענען די בעזיצער פֿון די גרויסע סטאַדעס בהמות, וועלכע פֿיטערען זיך דאָ? פֿרעמדע און נאָר פֿרעמדע. אויף אַנ׳ערך 250 אידישע קאָנצעסיאָנערען-פֿאַמיליען זיצען אַרום 100 קריסטליכע משפחות, זיי בעאַרבייטען אַ גרויסען טייל פֿון די פֿאַרמס און זיי געהערט די פֿרוכט. דער רעשט איז מייסט פֿערדונגען צו צוויי גרויסע קאַפּיטאַליסטען אין דער שכנה׳שער שטאָדט קאַרלאָס קאַסאַרעס. די קאָלאָניע האָט כמעט פֿאָלשטענדיג פֿערלאָרען איהר אידישען האַראַקטער. עס גיט אידען אין דער קאָלאָניע, אָבער זיי זענען פֿאַר דער ווירטשאַפֿט אַזוי גלייכגילטיג ווי דער טייל „קאָלאָניסטען“, וועלכע געפֿינען זיך אין בוענאָס איירעס אָדער אין קאַרלאָס קאַסאַרעס, וואו זיי פֿערנעהמען זיך מיט אַנדערע פרנסות און ציהען דערביי אַרויס אַ נעבען-הכנסה פֿון דער אַרענדע. די, וואָס זענען אין מוריציאָ געבליבען, זענען אין דער גרעסטער מעהרהייט אַ מין דאַטשע-קאָלאָניסטען אָהן נאַטירליך די פֿערגניגענס פֿון דער דאַטשע, לעבענדיג אין אָרימקייט און שמוץ.

וואָס זאָגען דערצו די אָפֿיציעלע שרייבער פֿון יק״א? זיי זענען אַלטע מייסטער אין דער קונץ צו פֿערוואַנדלען עלעפֿאַנטען אין פֿליגען, ווי אין אַ נויטיגען פֿאַל פֿערקעהרט צו מאַכען פֿון פֿליגען עלעפֿאַנטען. דער דערמאָהנטער ה׳ קאַזעס בעריכטעט איבער זיין רעוויזיאָנס-רייזע, אַז אין מוריציאַ האָבען „איינינע אַלטע קאָלאָניסטען“ פֿערדונגען זייערע פֿעלדער *). „איינינע“ איז אַ שעהן פֿייגענבלאַט אויף יק״א׳ס שאַנדע. ווען הערר קאַזעס וואָלט געשריבען, אַז איינינע האָבען נאָך ניט פֿער-

*) Rapport etc 1908, זייט 60

דונגען די פֿעלדער, וואָלט עס געווען פֿאַר יק״א׳ס זעלבסטבעוואוסטזיין ווייניגער אַנגענעהם, דערפֿאַר אָבער פֿאָלשטענדיג ענטשפּרעכענד דער וואַהרהייט.

פֿאַרוואָס פֿיהרען ניט די קאָלאָניסטען אַליין די ווירטשאַפֿט? די סבה. דערפֿון ליגט אין דעם הראָנישען קרעדיט־מאַנגעל אין מויריציאָ. די ערד איז אין דיזער קאָלאָניע אין אונטערשיעד צו „באַראָן הירש״ די דענקבאַר בעסטע און איז ווי געשאַפֿען פֿאַר אַלפֿאַלפֿאַ (לוצערן). אַזוי ווי פֿון איין זייט פּאַסט די ערד ווייניגער פֿאַר תבואה און פֿון דער אַנדער זייט האָט די יק״א ניט געזאָרגט פֿאַר דער פֿערשפּרייטונג פֿון אַגראַר־וויסען, איז עס גאַנץ נאַטירליך, אַז די מויריציער האָבען זיך גענומען צו זייען אַלפֿאַלפֿאַ און צו דער פֿיה־צוכט, וועלכע געבען אין איהר געגענד ביי ווייניגער אָנשטרענגונגען פֿיעל בעסערע רעזולטאַטען ווי דער אַקערבוי. איז אָבער נויטיג צו דער פֿיה־צוכט פֿיעל קאַפּיטאַל און די קאָלאָניסטען, זענענדיג קרעדיט־אונפֿעהיג, קענען איהם ניט בעקומען. בלייבט איין אויסוועג — פֿערדינגען. דעם הויפּט־נוצען האָט נאַטירליך דער גרויס־קאַפּיטאַליסט אָדער דער אַרענדאַטאָר פֿון איין זייט און די יק״א פֿון דער אַנדער זייט. דער קאָלאָניסט, וועלכער איז ניט רעכט־ליך און ניט פֿאַקטיש דער בעזיצער פֿון דער פֿאַרם, שפּיעלט בלויז די ראָלע פֿון אַ פֿערמיטלער און קאַסירער ביי דער יק״א־אַדמיניסטראַציע, ער בעזאָרגט איהרע עסקים און ברענגט איהר דאָס געלד אין הויז. די חובות פֿליסען איין רעגעלמעסיג, דאָס געשעפֿט פֿונקציאָנירט, פֿאַר דער וועלט גיט עס די שטאַרקסטע אַרגומענטען פֿאַר׳ן וואָהלשטאַנד און פֿאָרטשריט פֿון דער קאָלאָניזאַציע — האַר׳ץ, וואָס ווילסטו מעהר?

זעלבסטפֿערשטענדליך זענען די מויריציער מיט זייער לעכערליך־טרויעריגער לאַגע ניט צופֿרידען און פֿיהרען אַ פֿערביטערטען קאַמפּף פֿאַר זייער אונאָבהענגיגקייט. זיי פֿאָדערן דאָס אייגענטומס־רעכט אויף זייערע פֿאַרמס און זענען גרייט אָבצוצאָהלען אַלע זייערע חובות מיט אַ מאָל, ווייל זיי קענען לייכט בעקומען צו דעם צוועק קרעדיט אין דער נאַציאָנאַל־באַנק, דען די ערד, אַרומגעצאַמט און אַלפֿאַפֿירט, בעטרעפֿט היינט צעהן מאָל מעהר ווי זיי זענען שולדיג דער יק״א. ערשט אַלס רעכטליכע בעזיצער פֿון די טשאַקראָס וואָלטען די מויריציער קענען פֿונאַנדערלעגען די הענד, פֿערפֿיהרען גרויסאַרטיגע ווירטשאַפֿטען און צוריק־ברענגען זייערע קינדער, וועלכע זענען מחמת דער אָרימקייט און אויס־זיכטסלאָזיגקייט פֿון זייער לאַגע צעפֿלויגען נאָך אַלע זייטען. יק״א וויל אָבער דערויף אויף קיין אופֿן ניט מסכים זיין, ווייל לויט די צווייטע קאָנטראַקטען האָבען די מויריציער צו זיין ביי איהר נאָך 12 יאָהר. דער שטרייט צווישען יק״א און די קאָלאָניסטען האָט אָנגענומען

פאר דער ערשטער אונאנגענעהמע פארמען. מעהרערע קאלאניסטען האבען גענומען פערפיהרען א פראצעס געגען איהר, די שפאנישע פרעסע האט זיך אויך אריינגעמישט, פערטיידיגענד די גערעכטע פאדערונגען פון דער קאלאניע. כדי צו „בערוהיגען" די „רעבעליאן", האט די דירעקציע אראבגעשיקט א נייעם אדמיניסטראטאר מיט'ן נאמען מיזשיבאווסקי, א „מלאך השלום", וואס האט פערהעצט די קאלאניסטען איינע געגען די אנדערע, קארומפירט און „איבערגעקעהרט" איינינעווארט־פיהרער פון דער אונאבהענגיגקייטס־בעוועגונג. ווען די געווינשטע בערוהיגונג איז דאך ניט איינגעטרעטען, האט זיך די פאריזער צענטראל־אדמיניסטראציע ענטשלאסען צו א הערא‏אישער טהאט; זי האט אנגעבאטען מוריציא א קרעדיט פון א מיליאן פעזאס (איבער 2 מיליאן פראנק). אומזיסט. די שטאלצע מוריציער האבען מיט פעראכטונג אבגעווארפען דעם נסיון. זיי בלייבען ביי זייער פאדערונג אויף זעלבסטשטענדיגקייט. דער שטרייט ציהט זיך ווייטער.

ניט איבעראל נאטירליך ליגען די פערהעלטניסען ווי אין די צוויי געשילדערטע קאלאניען און דאך זענען זיי טיפיש פאר יק"א. דאס, וואס קומט היינט פאר אין „באראן הירש", איז א מאל געווען א געוועהנליכע ערשיינונג אין אלע קאלאניען, נאר האבען זיך דאמאלסט צונויפגעפארט די שווינדלען און גניבות מיט גרויזאמע געוואלט־אקטען, אזוי ווייט ווי אין מוריציא זענען אין די אנדערע קאלאניען די צושטענדע נאך ניט געקומען. דאך איז עס נאך פאר דער צוקונפט צו ערווארטען. ווען די יונגע „באראן הירש" איז א שוואכע אבשפיגלונג פון דער פערגאנגענהייט פון יק"א'ס קאלאניזאציע, ווייזט די אלטע מוריציא איהר צוקונפט ווי אין א שפיגעל — אויף אזוי ווייט ווי עס האנדעלט זיך מכה איהרע שלעכטע רעזולטאטען.

VII. יק"א און דער אנטיסעמיטיזם.

די רעד איז דא ניט פון יק"א'ס אנטיסעמיטיזם, וואס מיר האבען שוין גענוג כאראקטעריזירט, פון איהרע אנטיסעמיטישע פאראורטיילען געגען די מזרח־אידען, פון יענער אידעלער אונטערלאגע פון איהר סיסטעם, פון אלע איהרע מעשים, וועלכע האבען פערא‏ורזאכט דעם קריזיס פון איהר ארגענטינישער קאלאניזאציע. מיט דער יק"א וואס שטעהט אונטער'ן אנטיסעמיטישען איינפלוס, וואס איז אנגעזאפט מיט אנטיסעמיטישע באצילען, זענען מיר גענוג בעקאנט. צום סוף פון אונזערע בעטראכטונגען איבער די קלאגעדיגע רעזולטאטען פון באראן הירש'ס גראנדיעזער אונטערנעהמונג מוזען מיר זיך בעקענען מיט יק"א פון אנ'אנדער זייט, מיט יק"א אלס נייען מקור פון אנטיסעמיטיזם, מיט

יק"א אלס טרעגעריןן און פערשפרייטעריןן פון אנטיסעמיטישע באצילען.

איך וויים, ווי ניי, ווי מורא'דיג, ווי אונוואהרשיינליך דיזע בעשולדיגונג מוז אויפ'ן ערשטען קוק קלינגען. אבער זי איז נאר דערפאר אזוי אונוואהרשיינליך, ווייל זי איז ניי, ווייל נאך די געשרייען און פראטעסטען פון די ערשטע יאהרען האט יק"א פערשטאנען איינצוויקלען איהר ארגענטינישע טעטיגקייט אין א אונדורכדרינגבארען דונקעל פון איהר אפיציעלער פובליציסטיק, און סיסטעמאטיש אבצונארען די עפענטליכע מיינונג.

יע, יק"א ווירקט אנטיסעמיטיש, נעגאטיוו און פאזיטיוו. בעטראכטען מיר צוערשט די נעגאטיווע זייט פון איהר טעטיגקייט.

נאך די אויבערשטע שילדערונגען ווערט האפענטליך זיך קיינער מעהר ניט וואונדערן, פארוואס די אידישע קאלאניזאציע אין ארגענטינא געפינט זיך אין א חראנישען קריזיס, פארוואס זי האט ניט בלויז ניט ערפילט די איבערטריבענע ערווארטונגען פון דעם פאלק און זיין וואהלטעטער, נאר האט אפילו ניט געגעבען דאס מינימום, וואס איז מעגליך געוועזן צו דערגרייכען. יק"א איז איהר שליחות גאנץ אונטריי און האט ביי איהר סיסטעם אין איהרע פערזאנען ניט געקאנט עפיס אנדערעס אויפטהון ווי א קאריקאטור אויף קאלאניזאציע. די קליינע צאהל פון די קאלאניסטען, זייער ארימקייט, איבערשולדונג, שלעכטע ווירטשאפטספיהרונג, דאס לויפען אהן אויפהער פון די קאלאניען — דאס אלץ ליגט אויפ'ן געוויסען פון א אידישער פילאנטראפישער געזעלשאפט, וועלכע האלט אפילו ניט אויס קיין פערגלייך מיט ניט-אידישע עקספלאטאטארישע אונטערנעהמונגען. דאס אליין וואלט אבער נאך ניט געווען קיין גרויס אונגליק, ווען יק"א וואלט ניט דערביי געשפיעלט א נידערטרעכטיגע קאמעדיע פון קאלאניזאציע און פילאנטראפיע, ווען זי וואלט זיך ניט איינגעוויקעלט אין א טלית שכולו תכלת, ווען זי וואלט ניט סיסטעמאטיש בעשווינדעלט די וועלט און דערוועקט די פארשטעלונג, אז זי טהוט אלץ, וואס איז נאר מעגליך פאר דער פערווירקליכונג פון דער קאלאניזאציאנס-אידעע. שטעלען מיר זיך פאר א רגע, אז יק"א עקזיסטירט איבערהויפט ניט. וואס וואלט דאן געווען? דאס וואקסענדע קאלאניזאציאנס בעדערפניס ביי די אידען, דער דראנג פון דער אידישער פילאנטראפיע און פון די פאלקס-מאסען צו רעאגירען אויף די פראבלעמען, וואס זענען רייף געווארען צו דער לעזונג, וואלטען ענדליך בעשאפען די ארגאנען און די מיטלען צו דער בעפרידיגונג פון דיזען בעדערפניס. אבער יק"א עקזיסטירט, פערנעהמט דעם אויבען-אן אין דער אידישער פילאנטראפיע, איז געווארען פאר דער אויסערער וועלט ווי פאר די רייכע קרייזען אין יודענטום די

גרעסטע אויטאָריטעט אויפ׳ן אידישען קאָלאָניזאַציאָנס־געביעט און מאַכט דעם אָנשטעל, אַז אַליך, וואָס לאָזט זיך דאָ נאָר מאַכען, טהוט זי אַליין און פאָלשטענדיג — מוז עס ניט איינשלעפערן דאָס נאַציאָנאַלע געוויסען, מוז עס ניט בינדען די נאַציאָנאַלע ענערגיע, מוז עס ניט ברענגען צו דער גרעסטער אונטעטיגקייט אויף דעם פעלד, וואו עס ליגט די רעטונג פונ׳ם יודענטום? ליגען ניט פאַקטיש אַזוי די פערהעלטניסען?

בעת די אידישע פאָלקס־נויט וואַקסט אַליך מעהר און מעהר, בעת דער אַנטיסעמיטיזם דרינגט דורך אַלע שפּאַלטען פון דער געזעל־שאַפט און מאַכט אָן איין חורבן נאָכ׳ן אַנדערען אויף דער אידישער גאַס, בעת דער דראַנג צו דער אַגריקולטור מעבר לים, וואו עס ענדיגט זיך די הערשאַפט פונ׳ם אַנטיסעמיטיזם, האָט ביי אונז דערגרייכט אַ אויסעראָרדענטליכע מדרגה, שפּיעלט זיך די יק״א אין קאָלאָניזאַציע און לאָזט אויך אַנדערע ניט אַרבייטען. ווער וועט וועלען מאַכען קאָנקורענץ מיט אַזאַ „פאָרנעהמער" און „רייכער חברה אָהן צווינגענדע טעמים? צו וואָס אומזיסט אַרויסרופען איהר צאָרן? אַלצדינג, וואָס עס לאָזט זיך טהון, טהוט די יק״א, און מעהר קען ניט אויפגעטהון ווערען. אַזוי גלויבען מייסט די רייכע קרייזען אין יודענטום און זייער געוויסען בערוהיגט זיך דערביי. אַזוי אַז עס ווערט פאַקטיש גאָר נישט געטהון צו פערקלענערן די אידישע פאָלקס־נויט, אָבצושוואַכען דעם אַנטיסעמיטיזם אָדער זיינע ווירקונגען. איז ניט גענוג בולט די שייכות צווישען דער יק״א און דער אידישער פאָלקס־נויט, צווישען דער יק״א און דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס איהם צו בעקעמפען אָדער צו בעזייטיגען זיינע ווירקונגען איז דאָס איינציגע ציעל און די איינציגע בערעכ־טיגונג פון איהר עקזיסטענץ?

אָבער דערמיט ענדיגט זיך נאָך ניט די גרויסע שולד פון יק״א. זי האָט אויך פאָזיטיוו געאַרבייט, הגם אָהן אַ כונה, פאַר׳ן אַנטיסעמי־טיזם, זי האָט אַליין געשאַפען דאָס יעניגע, וואָס זי האָט געוואָלט אָבשאַפען, יע, זי האָט געשאַפען טויזענד מאָל ערגערעס נאָך ווי דאָס, וואָס איז געווען ביז איהר. נאָך קיינמאָל האָט אַ פילאַנטראָפּישע חברה ניט אַזוי געווירקט אין דער ענטגעגענגעזעצטער ריכטונג פון איהרע ציעלען ווי די יק״א. איהר געוויסען איז בעפלעקט מיט אַ שרעקליכער שולד, וואָס זי וועט קיינמאָל ניט קענען אָבווישען. איך רעד פון דער אונגעזונדער בערופס־פערטיילונג און פון דער דעמאָראַליזאַציע פונ׳ם אַרגענטינישען יודענטום און פון דער שטאַרקער פערשפּרייטונג פונ׳ם אַנטיסעמיטיזם אין אַרגענטינאַ, צוויי ערשיינונגען, וואָס בעציהען זיך איינע צו דער אַנדערער ווי סבה צו ווירקונג און וואָס זענען ביידע

אין אַ גרויסען טייל די קראַנקע פירות פֿון יק"א'ס קאָלאָניזאַציאָנס־בוים.

עס איז אַ אונבעשרייבבאַרער פֿאַקט, אַז אין די אַרגענטינישע שטעדט, בעזונדערס אין בוענאָס איירעס האָבען זיך איינגעוואָרצעלט אַזאַ טיעפֿע שנאה און בעזונדערס פֿעראַכטונג צום יודענטום, ווי מען בעגעגענט זיי זעלטען אפילו אין אייראָפּאַ. עס איז ניט קיין שרייענדער אַנטיסעמיטיזם, נאָר אַ שטילער, וואָס נראָבט אָבער טיעף, ווייל ער איז פֿערשפּרייט צווישען אַלע פֿאָלקס־שיכטען. ער וואַקסט ווי אויף הייוועז, ער האָט ניט די טבע פֿיעל צו רעדען, נאָר גערט שנעל איבער לויט'ן „פּראַקטישען" זין און מיט דער ברוטאַליטעט פֿון די זיד־אַמעריקאַנער פֿון דער מחשבה למעשה. בעת דעם בעלאַגערונגס־צושטאַנד, וואָס איז אין דער לעצטער צייט צוויי מאָל ערקלערט געוואָרען שנעל איינער נאָכ'ן אַנדערען, האָט מען ביים ערשטען מאָל שטיל גערעדט וועגען אָנפֿאַלען אויפֿ'ן אידישען קוואַרטעל און דעם צווייטען מאָל האָט מען זיי טאַקי דורכגעפֿיהרט. דאָס איז געווען אַ פּאָגראָם אין קליינעם. די אידישע אַרבייטער, וועלכע זענען געווען מאַסענווייז בעשעפֿטיגט אין ניט־אידישע אונטערנעהמונגען, האָט מען גענומען באָיקאָטירען, און צו די אַנדערע אידישע פֿאָלקס־שיכטען בעציהט מען זיך ניט בעסער. פֿון אַרגענטינאַ קייקעלט זיך אַריבער די אַנטיסעמיטישע חוואַלע אין די שכנה'שע רעפּובליקען. הלואי זאָל איך ליגען זאָגען: אין דער נאָהענטער צוקונפֿט זענען צו ערוואַרטען די שווערסטע קאַטאַסטראָפֿען פֿאַר'ן זיד־אַמעריקאַנישען יודענטום.

ווען בכלל איז עס אַ פּליאה, ווי אַזוי דער אַנטיסעמיטיזם איז ענטשטאַנען אַזוי פֿריה אין אַרגענטינאַ, איז זיין העפֿטיגקייט, זיין אינטענסיוויטעט אויפֿ'ן ערשטען קוק דאָס גרעסטע רעטעניש. אָהן אַ נאָהענטע בעקאַנטשאַפֿט מיט'ן אַרגענטינישען לעבען קען מען זיך דיזע ערשיינונג אויך ניט ערקלערען, סיידען מען שטעהט אויפֿ'ן ריינעם ראַסען־שטאַנדפּונקט און זעהט אין'ם אַנטיסעמיטיזם פֿון די אַרגענטינער דעם גרונדלאָזען האַס פֿון דער לאַטייניִשער ראַסע צו די סעמיטען. עס איז דאָ ניט דער אָרט און איז אויך גאַנץ צוועקלאָז צו פּאָלעמיזירען געגען אַזאַ פֿעראַלטעטע אַנשויאונג. זעהענדיג די וואָרצעל פֿון די נאַציאָנאַלע קאָנפֿליקטען אין ווירטשאַפֿטליכע סבות און קאָנקורענץ־טעמים, מוזען מיר זוכען אַנדערסוואו אַ בעפֿרידיגענדע ערקלערונג פֿאַר דער ערשיינונג.

אין אַרגענטינאַ אַלס לאַנד מיט אונבעגרענצטע ענטוויקלונגס־מעגליכקייטען, אַלס לאַנד, וואָס בעגינסטיגט די איינוואַנדערונג און לאָזט פֿאַר איהר פֿיעל פּראָפּאַגאַנדירען אין אויסלאַנד, מיט אַ בעפֿעלקערונג, וואָס איז פֿון דער היים מייסט מיט'ן אַנטיסעמיטיזם אָדער בכלל מיט

די אידען גאר ניט בעקאנט (איטאליענער און שפאניער). אין ארגענטינא האבען געמוזט ווירקען גאנץ בעזונדערע סבות פאר דער ענטשטעהונג פון אזא שטארקער אידענפיינדליכער בעוועגונג, וואס איז אונבעקאנט אין די נייע לענדער פון מעבר לים, וועלכע געפינען זיך אין א ענהנ־ליכער לאגע ווי די זיד־אמעריקאנישע רעפובליקען. בעזונדערע סבות עקזיסטירען אין דער אמת׳ן. זיי ליגען אין דער צו גרויסער אנזאמלונג פון די אידען אין די שטעדט, בעזונדערס אין דער הויפט־שטאדט, וועלכע גיט אן דעם טאן פאר׳ן גאנצען לאנד. אין דער אונגעזונדער פראפעסיאנעלער גלידערונג און אין קראנקהאפטע ערשיינונגען פון דער דארטיגער אידישער בעפעלקערונג — מאמענטען, וועלכע שטעהען אלע אין א ענגען צוזאמענהאנג מיט דער טעטיגקייט פון יק״א. ביי דער אונטערזוכונג בין איך געצוואונגען אנצורירען טיפע וואונדען פונ׳ם אידישען לעבען אין ארגענטינא, וואונדען, וואס אונזערע פויגעל־שטרויס־פאליטיקער, וועלכע פעהלען אויך ניט אין דעם לאנד ביים „זיסען ים״, זוכען צו פערשווייגען און פערגלעטען, וואס מוזען אבער אויפגעדעקט ווערען אינ׳ם אינטערעס פונ׳ם אמת אין כדי ניט דורכצולאזען דעם שווערסטען פונקט אינ׳ם בעשולדיגונגס־אקט געגען יק״א.

ביים ארגענטינישען אנטיסעמיטיזם דארפען מיר, ווי איבעראל, פונאנדערטיילען צווישען זיין אידעאלאגיע און זיינע אמת׳ע סבות. זיין אידעאלאגיע איז קורץ און שארף, פאר איהם זענען די אידען אויסער ווייניג אויסנאהמען שאכערער, שווינדלער, פרויען־הענדלער און אנאר־כיסטען. עס וואלט נאטירליך הייסען דאס יודענטום בעליידיגען, ווען מען וואלט זיך נעהמען אויפווייזען די פאלשקייט פון דיזער בעהויפ־טונג. ווי אין דער גאנצער וועלט, אזוי בעשטעהט אויך דער רוב מנין ורוב בנין פונ׳ם ארגענטינישען יודענטום פון פרידליכע מענשען, וואס פער־דינען שווער און עהרליך זייער ברויט, צו אלס ארבייטער צו אלס סוחרים און אונטערנעהמער. ווי האט אבער געקענט ענטשטעהן אזא מורא׳דיגע און אלגעמיינע פערשפרייטע פארשטעלונג איבער׳ן יודענטום אין די מוחות פון דער ארגענטינישער בעפעלקערונג, א פארשטעלונג, וואס אפילו דער אייראפעאישער אנטיסעמיטיזם וואלט געפונען פאר איבערטריבען? מחמת א קליינעם, אבער אונפערהעלטניסמעסיגען און גענוג קענטיגען טייל, וואס איז ניט עהרליך, ניט ארבייטזאם, און וואס ווארפט זיך צו שטארק אין די אויגען פון די ניט־אידען. ווי פיעל טרויעריגער אמת ליגט אין הערצעל׳ס ווערטער, אז שטארקע פעלקער ווערען בעאורטיילט לויט זייערע בעסטע זיהן און שוואכע פעלקער לויט זייערע שלעכטעסטע קינדער! וואס די אידען אין ארגענטינא זענען א ווירטשאפטליך און בירגערליך שוואכער עלעמענט און וואס ביי זיי

גיט עס אַ היבש ביסעל פּערזאָנען, וועלכע מאַכען אונזער פֿאָלק ניט קיין עהרע — דאָ ליגט יק"א'ס אונאויסלעשבאַרע שולד.

די אידישע שטאָדט־בעפֿעלקערונג אין אַרגענטינאַ שטייגט לויט די וואַהרשיינליכסטע שאַצונגען אויף 5 מאָל אריבער די אידישע קאָלאָניזאַציאָנס־בעפֿעלקערונג. ווען לויט יק"א'ס מעלדונגען גיט עס אין גאַנצען אַרום 40 טויזענד אידען אין דער אַרגענטינישער רעפּובליק, דאַן ווייזט זי דערמיט, אַז זי ווייסט ניט צו זאָגען פֿון איהרע הענד אין פֿיס און מאַכט זיך צום נאַרען אין די אויגען פֿון אַלע, וואָס זענען נאָר עפּיס בעקאַנט מיט די דאָרטיגע פֿערהעלטניסען. אויף 40 טויזענד ווערט אַליין געשאַצט די אידישע בעפֿעלקערונג אין בוענאָס איירעס, אין גאַנצען לאַנד ווערט עס געבען, קנאַפּ גערעכענט, 100 טויזענד אידישע נפשות. די אָפֿיציעלע וועלט אין אַרגענטינאַ איז ניט געגען די אידישע איינוואַנדערונג, זי וויל אָבער, אַז די אידען זאָלען זיך ניט ווענדען צופֿיעל אין די שטעדט, נאָר הויפּטזעכליך אין די קאָלאָניען, כדי צו העלפֿען ענטוויקלען די פּראָדוקטיוו־כחות פֿון לאַנד. די איינוואַנדערונג צוליעב קאָלאָניזאַציאָנס־צוועקען איז זי אויך איצט גרייט צו בעגינסטיגען, דאַגעגען אין אַ אידישער שטאָדט־איינוואַנדערונג, וועלכע מוז מאַכען די אַנדערע איינוואָהנער קאָנקורענץ, האָט זי ניט קיין איבעריגען בעדערפֿניס און זוכט איהר הײַנט אָבצוהאַלטען. עס ווערען שוין פּראָיעקטירט געזעצען געגען די אימיגראַציע, וואָס ווילען, ווי קיינער ספּק'ט זיך ניט, טרעפֿען אַם מייסטען די אידען. וואָרום אָבער האָבען זיך צונויפֿגעזאַמעלט אַזויפֿיעל אידען אין די שטעדט? ניט בלויז דערפֿאַר, וואָס די נײַע איינוואַנדערער האָבען ניט וואָס צו טהון אין די קאָלאָניען, נאָר הויפּטזעכליך ווײַל אין דער גאַנצער צײַט, וואָס יק"א אַרבייט אין אַרגענטינאַ, האָט זי אָנגעצויגען מאַסען מענשען פֿון רוסלאַנד, וועלכע זי האָט שפּעטער פֿערשטויסען און אויף אַזאַ אופֿן געצוואונגען זיך צו בעזעצען אין די שטעדט, אויף אַזוי ווײַט ווי זיי האָבען ניט איינגאַנצען פֿערלאָזען דאָס לאַנד. די אידישע שטאָדט־בעפֿעלקערונג אין אַרגענטינאַ איז אַ פּראָדוקט פֿון יק"א. מיט איהר האָט זיך אָנגעהויבען אַ קינסטליכע אידישע איינוואַנדערונג אין דער לאַ־פּלאַטאַ־רעפּובליק און דורך איהר איז געקומען נאָך דיזער איינוואַנדערונג צו קאָלאָניזאַציאָנס־צוועקען און פּאַראַלעל מיט איהר אַ מאַסענהאַפֿטע אָבוואַנדערונג אין די שטעדט, וועלכע האָט ערשט גע־לעגט דעם יסוד פֿון דער דאָרטיגער אידישער שטאָדט־בעפֿעלקערונג.

אויסער אַ גאַנץ קליינעם מעוט זענען אַלע אידישע שטאָדט־איינוואָהנער אין אַרגענטינאַ פֿון די פֿריהערדיגע יאָהרען געוועזענע קאָלאָניסטען אָדער אימיגראַנטען פֿון יק"א. אינדירעקט האָט יק"א געגרינדעט מעהר־

שטאָדטישע געהעטאָס ווי קאָלאָניען אין איהר נייען ארץ ישראל.

ווי בכלל אויף די ענטשטעהונג פֿון די אידישע געהעטאָס אין זיד־אַמעריקאַ, אַזוי האָט אויך יק"א געהאַט אַ אינדירעקטען שעדליכען איינפֿלוס אויף די איינזייטיגע בערופֿס־גלידערונג און די מאָראַלישע דעגראַדאַציע אין זייערע מויערען.

די אָבוואַנדערונג אין די שטעדט איז ניט געוועזן קיין פֿאַמעלעכע, בהדרגה'דיגע, בערעכענטע, וועלכע וואָלט מעגליך געמאַכט זיך צוצופּאַסען צו די נייע לעבענס־בעדינגונגען און צו שאַפֿען ספּעציפֿיש אידישע געזונדע פּראָדוקציאָנס־צווייגען ווי, למשל, די קאָנפֿעקציאָנס־בּראַנש אין ענגלאַנד און נאָרד־אַמעריקאַ. זי איז געוועזן אַ האַסטיגע, אונבערעכענטע, פּאַנישע און האָט די מענשען ניט געלאָזט קיין צייט און מיטלען אויף אַ ישוב הדעת, אויף אַרומצוקוקען זיך אין זייער נייען וואוינאָרט און אויסצואוואַרטען אויף עפּיס פּאַסענדעס. מיר האָבען דאָ צו טהון ניט מיט אַ סאָציאַלער ענטוויקלונג, נאָר מיט סאָציאַלע קאַטאַסטראָפֿען, וועלכע האָבען נאַטורנויטווענדיג געפֿאָדערט פֿיעל קרבּנות.

די מענשען, וועלכע פֿלעגען אין זייער פֿערצווייפֿלונג און האַסט פֿערלאָזען די קאָלאָניען, אונבעקאַנט מיט די בעדינגונגען פֿונ'ם לאַנד, אָהן אַ מלאכה אין דער האַנד, האָבען זיך אַ וואָרף געטהון מאַסענהאַפֿט אויף איין מסחר־צווייג, אויף אַ מין פּעדלעריי, אַ הויזירער־האַנדעל אויף באָרג, און מאַכען זיך דאָ אַ טויטליכע קאָנקורענץ. נעבען דיזען פֿערשפּרייטעסטען אידישען פֿאַך האָט נאָר די שטאָלעריי, וואָס ליגט מייסט אין אידישע הענד, אַ קענטיגע בעדייטונג פֿאַר דער אידישער ווירטשאַפֿטס־טעטיגקייט אין אַרגענטינאַ. די פּעדלעריי אויף קרעדיט אָדער דער „קווענטאָ־מסחר" ברענגט אַפֿילו דעם לאַנד געוויסע נוצען, ווייל ער פֿערלייכטערט דער אָרימער אימיגראַנטען־מאַסע זיך איינצושאַפֿען אַלערליי הויז־חפצים, וועלכע זי איז ניט בכח צו קויפֿען במזומנים. אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם, זענען די פּעדלער אָדער „קווענטאָניקעס" גאַנץ אונבעליעבט. דאָס איז אויך בעגרייפֿליך, האָטש די הענדלער זענען דערין בכלל נענומען אונשולדיג.

מחמת דער גרויסער ריזיקע פֿון דיזען מסחר, דאָס הייסט מחמת דעם, וואָס פֿיעלע קויפֿער צאָהלען ניט אָב זייערע חובות, מוזען זיך די הענדלער שטעלען גרויסע פּרייזען, אַזוי אַז שליעסליך בעצאָהלט דער עהרליכער קויפֿער פֿאַר'ן ניט עהרליכען. דער אידישער הענדלער ווערט דערפֿון ניט רייך, אָבער אין די אויגען פֿון די קריסטליכע קויפֿער איז ער אַ בערייסער און אַ שווינדלער. ביי דער לאַגע פֿון די זאַכען און ביי דער פֿערצווייפֿעלטער קאָנקורענץ אינ'ם פֿאַך האָבען מאַנכע ניט פֿערשטאַנען זיך צו האַלטען אין די ערלויבטע ראַהמען און בענוצען זיך

מיט פֿאַלשע פּראַקטיקען. דורך דעם ווערט די אונפֿריינדליכע מיינונג איבער דעם סאָרט מסחר נאָך אונגינסטיגער בעאיינפֿלוסט און צווישען דער פֿאָלקס־מאַסע, וואָס איז שטענדיג נוטה צו פֿעראַלגעמיינערונגען, בעזונדערס געגען אַ קלאַס מענשען, וואָס זייער וועזען איז איהר פֿרעמד, זאַמעלט זיך אויף אַזאַ אופן אָן פֿיעל צינדשטאָף געגען דאָס יודענטום.

נעבען דעם אידישען קוינטאָ־מסחר, וועלכער האָט זיך פֿערשפּרייט אין אַלע ווינקעלעך פֿון אַרגענטינאַ ביז אַריבער די גרענעצען פֿון טשילע און אורוגוואַי זענען ענטשטאַנען „אידישע" „פּראָפֿעסיאָנען", וואָס דענקענדיג וועגען זיי ווערט פֿערגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן: דער האַנדעל מיט גע'גנב'טע סחורה אין בוענאָס איירעס און די וויַיט פֿערשפּרייטע פּראָסטיטוציע. מיר מוזען מיט אַ פֿלאַמענדער בושה אין פּנים מודה זיַין, אַז די אידען נעהמען אַ פֿערהעלטניסמעסיג צו גרויסען אַנטייל אין דיזע „פּרנסות". די סבה דערפֿון איז פֿון איין זיַיט, וואָס דער אידישער לומפּענפּראָלעטאַריאַט פֿון רוסלאַנד און גאַליציען, וועלכער איז ענטשטאַנען דורך די ערשיטערנדע ווירטשאַפֿטליכע פֿערעלענדונג און קולטורעלע פֿערלאָזענקייט פֿון די אונטערסטע אידישע פֿאָלקס־שיכטען אין יענע לענדער, האָט זיך געווענדעט מאַסענהאַפֿט נאָך אַרגענטינאַ און בראַזיליען, די גרעסטע מערק פֿון דער ווייַסער שקלאַפֿעריי. פֿון דער אַנדער זיַיט האָט יק"א אין דער ע ר ש ט ע ר פּ ע ר י אָ ד ע פֿון איהר טעטיגקייט אָנגעריכטעט ניט נאָר ווירטשאַפֿטליכע, נאָר אויך מאָראַלישע חורבנות צווישען די יעניגע, וועמען זי האָט געזאָלט דערהויבען און בעגליקען. מאָראַלישע חורבנות אַלס פֿאָלגע פֿון די ווירטשאַפֿטליכע און פֿון די שרעקליכע אונטערדריקונגען און פּייניגונגען, וואָס די קאָלאָניסטען האָבען געהאַט אויסצושטעהן פֿון דער אונפֿעהיגער פֿערברעכערישער בעאַמטענשאַפֿט. ניט וועניגע פֿון די, וועלכע זענען אָנגעצויגען געוואָרען דורך פֿאַלשע האָפֿנונגען און זענען דערנאָך געשליידערט געוואָרען אין תהום פֿון עלענד און יאוש, האָבען שטעהענדיג פֿאַר'ן הונגער־טויט אין'ם בוכשטעבליכען זין פֿון'ם וואָרט, פֿערלאָרען דעם מאָראַלישען גלייכגעוויכט און זיך אַ לאָז געטהון אויפֿ'ן גליטשיגען וועג פֿון פֿערדינסט און מאָראַלישען טויט, כדי צו ראַטעווען זייער גוף.

דעם אַנטייל פֿון די געוועזענע יק"א־קאָלאָניסטען אָדער עמיגראַנטען אין דער פּראָסטיטוציאָן און פֿרויען־האַנדעל בין איך לייַדער ניט אימשטאַנד גענוי אָנצוגעבען. דאָס איז בכלל אַ געביעט, וועלכער לאָזט זיך שווער אויספֿאָרשען. די עהרליכע אידישע בעפֿעלקערונג אין בוענאָס איירעס, וועלכע האָט קיין בעציהונגען ניט מיט דער אָרגאַניזאַציאָן פֿון די פֿרויען־הענדלער, קען דאָ ניט געבען קיין אויסקונפֿט. איך וואָלט

פֿילייכט אויך ניט ערפֿאַהרען פֿון דיזען פֿאַקט, ווען ניט אַ „גליקליכער" צופֿאַל וואָלט מיך פֿאָר מיין געצוואונגענער אָפּרייזע פֿון אַרגענטינאַ צונויפֿגעפֿיהרט מיט פֿרויען־הענדלער. אויפֿ'ן שיף „גוואַרדיאַ נאַציאָנאַל" אין בוענאָס איירעסער פּאָרט, וואו איך בין געקומען דורך יק"א'ס ליבערענסווירדיגקייט, האָב איך זיך צונויפֿגעטראָפֿען מיט אַ 30 מאַן זייערע און זיי האָבען מיט איין קול מיר ערצעהלט, אַז צווישען זייערע „חברים פֿון פּראָפֿעסיאָן" גיט עס אַ סך געוועזענע קאָלאָניסטען און עמיגראַנטען פֿון יק"א. ווי וועניג מען קען בכלל בויען אויף אַזוינע עדות, זעה איך דאָך ניט איין, וואָרום מען זאָל דאָ צווייפֿלען אין זייער איינשטימיגער פּערזיכערונג, זיי האָבען ניט קיין גרונד אויסצוטראַכטען בלבולים אויף יק"א, זיי רעדען פֿון איהר אָהן שנאה און אָהן קריטיק און קוקען בכלל אויף זיך ניט ווי אויף אַ געפֿאַלענעם עלעמענט. זיי זענען געווען „מסיח לפני תמו", האָבען גערעדט אין דער וועלט אַריין און כל זמן זייערע בעהויפּטונגען וועלען ניט ווערען אָפּגעלייקענט דורך גלויבווירדיגע פּערזאָנען, בלייב איך ביי מיין איבערציינגונג פֿון זייער וואַהרהייט. זיי האָבען מיר אָנגעגעבען די צאָהל פֿון דיזע הענדלער און סקאַפּטאַנס (קאַדעטען, אַלפֿאָנסען) אויף 5 הונדערט, דאָס זענען 25 פּראָצענט פֿון אַלע אידישע פּאַרשוינען, וואָס זענען בעטייליגט אין בוענאָס איירעס אין דעם פּראָסטיטוציאָנס־„געשעפֿט" (2000 אידען אויף די אַלגעמיינע סומע פֿון 6000). זיי האָבען מיר אָנגערופֿען פֿיעל נעמען. *)

כדי אויסצומיידען מיספֿערשטענדניסען, בעמערק איך אויסדריקליך, אַז פֿון דער נייער צייט זענען מיר ניט בעקאַנט קיין פֿאַלען, ווען קאָלאָניסטען זאָלען זיין אַריינגעפֿאַלען אין די נעצען פֿונ'ם פֿרויען־האַנדעל. בכלל לויפֿען די אַלטע קאָלאָניסטען, ווי מיר ווייסען, ניט מעהר פֿון די קאָלאָניען, און זייערע קינדער, וועלכע קענען די לאַנדעס־שפּראַך זענען מעהר פֿערטרויט מיט די אָרטיגע בעדינגונגען, געפֿינען אַזוי אָדער אַנדערס אַ עהרליכע פּרנסה, הגם ערשט „נאָך פֿיעל מאַטערנישען. זיי פֿערגרעסערען די רייהען פֿון די אונגעווינשטע סוחרים, אָבער זיי זינקען ניט מאָראַליש.

דורך די מיטגעטיילטע פֿאַקטען זאָל ניט אָנגערירט ווערען אויף אַ האָהר דער קאָלאָניסטישער כבוד. דערפֿון בין איך הימעלוויַיט. די יעניגע, וועלכע זענען געבליבען אונטער יק"א'ס טיראַניי האָבען אַרויסגעוויזען אַן אמת'ן העראָאיזם פֿון סבלנות און קענען דאָך לחלוטין ניט זיין פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר די אַנדערע, וועלכע האָבען ניט אויסגעהאַל־

*) צווישען אַנדערע: „משה אימיגראַנט", בעזיצער פֿון אַ עפֿענטליכען הויז אין בוענאָס איירעס און שפּירא שניידער, אַלפֿאָנס, וועלכער האָט פּראָסטיטואירט זיינע אייגענע 4 טעכטער.

טען דעם נסיון, בפרט נאָך, אַז די לעצטע זענען אַליין אויך גאַנץ אונשולדיג אין זייער מאָראַלישען אונטערגאַנג.

אינ'ם לעבען פֿונ'ם אַרגענטינישען יודענטום גיט'ס אַלזאָ פֿיעלע אונגעזונדע ערשיינונגען, וועלכע ווערען פֿעראַלגעמיינערט און פֿון וועלכע די אַנטיסעמיטישע מיינונג פֿלעכט אַ שטריק פֿאַר דער גאַנצער אידישער פֿאָלקס־מאַסע, אַ שטריק פֿון שנאה און מאָראַלישען עקעל. די גרויסע מעהרהייט פֿון די עהרליך אַרבייטענדע אידען וואָלט ניט געוואָרפֿען געוואָרען אין איין טאָפּ מיט'ן אידישען אויסוואורף, ווען די אידען וואָלטען בעזעסען אַ געוויסע קראַפֿט אין לאַנד און ווען די מאַסגעבענדע פֿאַקטאָרען וואָלטען זיך גערעכענט מיט זייער ווילען און מיינונג. אַזאַ קראַפֿט פֿערמאָגען זיי אָבער ניט און ווידער דורך די שולד פֿון יק"א. ווען די צאָהל פֿון די אידישע קאָלאָניסטען וואָלט געווען אַ בעדייטענדע און ווען זיי וואָלטען געווען נאַטוראַליזירט, וואָלטען די פּאָליטישע פּאַרטייען זיך גערעכענט מיט זייער שטימע און זיי וואָלטען אויף אַזאַ אופֿן געווען אַ שטאַרקע שטיצע פֿאַר דער אידישער שטאָדט־בעפֿעלקערונג. קליין איז צאָהל און רעכטלאָז ווי די ציגיינער, קוקט קיינער ניט אין זייער ווינקעל. יק"א'ס "אַנטי־נאַטוראַליזאַציאָנס־פּאָליטיק" איז שולדיג אין דער אידישער אָהנמאַכט. עס איז בעקאַנט, אַז אין נאָרד־אַמעריקאַ עקזיסטירט אַ געוויסער געזעלשאַפֿטליכער אַנטיסעמיטיזם און דאָך דערוועגט ער זיך ניט אַרויסצוטרעטען אין דער פּאָליטיק און דער מלוכה־פֿערוואַלטונג, ווייל מען רעספּעקטירט ניט בלויז די אידישע ווירטשאַפֿטליכע קראַפֿט, נאָר אויך ניט ווייניגער דעם כח פֿונ'ם אידישען שטים־צעטעל. מען ווייס אין די מאַסגעבענדע קרייזען, אַז די קלענסטע צוריקזעצונג פֿון די אידען וואָלט אַרויסרופֿען אַ שטורם פֿון צאָרן מצד די זעלבסטבעוואוסטע אידישע בירגער. דאָס אַרגענטינישע יודענטום דאַגעגען ציטערט ביים קלענסטען ווינד־הויך ווי אַ בלאַט, ווייל די יק"א האָט איהם ערצויגען צו פּאָליטישער בעדייטונגסלאָזיגקייט און פחדנות. דעריבער וואַגען עס די רעאַקציאָנערע רעגירונג און דער "פּאַטריאָטיזם" זיך צו בענוצען מיט די אידען לויט'ן רומענישען און רוסישען מוסטער אַלס שעיר לעזאזל און אויפֿצוהעצען געגען זיי די פֿאָלקס־מאַסען יעדעס מאָל, ווען עס קומט פֿאָר אַ פּאָליטישער צוזאַמענשטויס, כדי אויף אַזאַ אופֿן אַראָבצוציהען פֿון זיך דעם פֿאָלקס־האַס און איהם אַרויפֿצווואַרפֿען אויף די שוצלאָזע פֿרעמדע. די געשיכטע חזר'ט זיך איבער.

יק"א ריהמט זיך אין איהרע יאָהר־בעריכטען, אַז אַ דאַנק איהר איז ענטשטאַנען אַ אידישע שטאָדט־בעפֿעלקערונג אין אַרגענטינאַ. דעם מאָל האָט זי רעכט, הגם ניט אין איהר אייגענעם זין. יאָ, אַ "דאַנק" איהר

איז דיזע בעפֿעלקערונג ענטשטאַנען, אַ „ראַנק“ איהר ווערט זי גע'רודפ'ט, אַ „ראַנק“ איהר שטעהט זי פֿאַר אַ מורא'דיגער קאַטאַסטראָפֿע. דער ראַנק פֿונ'ם אידישען פֿאָלק קען ניט זיין קיין אַנדערער ווי אַ מורא'דיגע קללה דער געזעלשאַפֿט, וואָס האָט איהם ניט בלויז אַזוי פֿיעל פֿערשפּראָכען און אַזוי ווייניג געהאַלטען, נאָר וואָס שלעפּט נאָך מיט אַ שטיק יודענטום אין איהר מאָראַלישען באַנקראָט, וואָס בעדעקט דעם אידישען נאָמען אין דער דרום־העלפֿט פֿון דער נייער וועלט מיט חרפּה און שפּאָט אָהן אַ גלייכען.

VIII. וואָס זאָל געשעהן?

די צושטענדע אין אַרגענטינאַ שרייען נאָך ענדערונג. ווען מען וויל ניט, אַז די אידישע קאָלאָניסטען זאָלען אויסגעהן אין נאָמענלאָזען עלענד און אונטערדריקונג; ווען מען וויל ניט, אַז די קאָלאָניען זאָלען ווייטער אויסשפּייען זייערע איינוואָהנער און אַלץ מעהר בעפֿעלקערן די שטאָדטישע גהעטאָס; ווען מען וויל ניט ענדליך, אַז די גאַנצע אידישע קאָלאָניזאַציאָנס־אונטערנעהמונג אין זיד־אַמעריקאַ זאָל סוף כל סוף צונויפֿקראַכען ווי אַ קאָרטען־הייזעל און דער אידישער נאָמען זאָל אין די זיד־אַמעריקאַנישע רעפּובליקען נאָך מעהר געשענדעט ווערען; ווען מען וויל פֿערקעהרט אַ לעבענס־פֿעהיגען קאָלאָניזאַציאָנס־אָרגאַניזם צו דער פֿערלייכטערונג פֿון דער פֿאָלקס־נויט, צו דער ענטפֿעלקערונג פֿון די שטאָדטישע גהעטאָס, צום כבוד פֿונ'ם יודענטום — מוז מען טראַכטען וועגען גרינדליכע רעפֿאָרמען אין אונזער אַרגענטינישער קאָלאָניזאַציע, מוז דער קאָלאָניזאַציאָנס־אופֿן געענדערט ווערען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. עס קען ניט זיין די רעד זיך בכלל אָבצוזאָגען פֿון דער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינאַ. איך וואָלט אין דעם געזעהן איינע פֿון די גרעסטע נאַציאָנאַלע אונגליקען. צו עס איז געוועזן היסטאָריש ריכטיג אָנצוהויבען בעזעצען אידען אין דיזען לאַנד, איז אַן'אַנדער פֿראַגע. היינט עקזיסטירט אָבער דיזע קאָלאָניזאַציע, היינט עקזיסטירט אַ גרויסע אידישע שטאָדט־בעפֿעלקערונג אין דער לאַ־פּלאַטאַ־רעפּובליק, אויף וועלכע מען קוקט מיט גרויסע אויגען, און ווען די קאָלאָניזאַציע זאָל אָבגעלאָזט ווערען, דאַן וואָלט די קריסטליכע בעפֿעלקערונג נאָך מעהר פֿערשטאַרקט ווערען אין איהרע פֿאָראורטיילען געגען אונזער פֿאָלק, דאַן וואָלט עס הייסען איבערלאָזען דאָס יודענטום אין אַרגענטינאַ אויף אַ פֿייערשפּייענדען באַרג. ניין, די, וואָס טראַכטען דערפֿון מעגען האָבען די בעסטע כונות, זיי פֿערשטעהען אָבער שלעכט די אידישע פֿאָלקס־אינטערעסען.

נאַטירליך איז שוין פֿיעלעס פֿערדאָרבען געוואָרען אויף אייביג.

אָבער ניט אַליין איז נאָך פּערלאָרען. אין די קאָלאָניסטען שטעקט אַ געזונדער קערן, וואָס קען און מוז געראַטעוועט ווערען. דער ברענענדער ערד־הונגער צווישען די קאָלאָניסטען־קינדער און די „אימיגראַנטען", דער גרויסער קאָלאָניזאַציאָנס־דראַנג אויף דער אידישער גאַס אין די אַרגענטינער שטעדט אַליין וואָלטען אויפגעטהון אונגעהויערעס, ווען עס וואָלט ענדליך געענדערט ווערען דער קאָלאָניזאַציאָנס־קורס. מיר ווע־לען דעריבער, כדי זיך ניט צו בעשרענקען אויף די קריטיק, פונאַנדערוויקלען אין קורצע שטריכען אַ רעפאָרם־פּראָגראַם, אָנווייזען די נויטווענדיגע און מעגליכע ריכטונג פאַר אַ נ'ערפאָלגרייכער פאָרטזעצונג פון דער קאָלאָניזאַציאָנס־אַרבייט און פאַר די אויסבעסערונג פון די געמאַכטע פעהלערן. דערמיט אַליין איז אָבער נאָך גאָרניכט געוואונען. די יק"א אַדמיניסטראַציאָן ליידעט ניט אַזוי אויף אַ מאַנגעל אין אידעען ווי אויף אַ מאַנגעל אין אידעאַלען. איהר פערקנעכערטער ביוראָקראַטיזם, איהר אונערשיטערליכער איגנדיפּערענטיזם וואָלטען מאַכען אַלע פּלענער צו גאָרנישט. זי מוז געצוואונגען ווערען צו דער ענדערונג פון איהר קאָלאָניזאַציאָנס־אופן, יעדער שריט פאָרווערטס וועט מוזען אַרויסגעריסען ווערען מיט פיעל מאַטערניש פון איהרע ציינער. דערצו איז נויטווענדיג פון איין זייט אַ פעסטע אָרגאַניזאַציע פון די קאָלאָניסטען און פון דער אַנדער זייט די ענערגישע אַריינמישונג פון דער אידישער עפענטליכער מיינונג. די קאָלאָניסטען מוזען ערפילען זייערע פפליכטען געגען זיך און דאָס אַלוועלטליכע יודענטום, דאָס אַלוועלטליכע יודענטום דאַרף זיך ענדליך דערמאָהנען אָן זיינע פפליכטען צו זיך און צו זיינע פּיאָנירען אין'ם לאַנד פון די קאָרדילערען. נאָר דורכ'ן צוזאַמענווירקען פון דיזעביידע פאַקטאָרען וועט יק"א זיין גענויטיגט צו מאַכען הנחות צום מזרח־יודענטום, צום מענשענפערשטאַנד און צו דער מענשליכקייט.

1. רעפאָרם־פּראָגראַם.

ווי זאָל אונזער אַרגענטינישע קאָלאָניזאַציע אַרויסגעפיהרט ווערען אויפ'ן וועג פון אמת'ן פאָרטשריט און בליהונג? דיזע פראַגע בעשטעהט פון צוויי טיילען: ווי זאָלען אויסגעבעסערט ווערען די ביזאַהעריגע פעהלערן, אויף אַזוי וויט ווי זיי לאָזען זיך בכלל אויסבעסערען, און ווי זאָלען נייע קאָלאָניסטען בעזעצט ווערען?

מיר האָבען זיך בעקאַנט געמאַכט אין III. קאַפּיטאַל מיט'ן האַראַקטער פון'ם אידישען קאָלאָניזאַציאָנס־מאַטעריאַל און האָבען זיך איבערצייגט, אַז צווישען זיינע חסרונות און מעלות קען געשאַפען ווערען אַנ'אויסגלייך. דיזען אויסגלייך אַרויסצוגעפינען איז די אייגענטליכע אויפגאַבע פון דער ציעלבעוואוסטער קאָלאָניזאַציאָנס־טעטיגקייט. ענטשפּרעכענד די אויבען פונאַנדערגעלעגטע אידעען קענען מיר מיט

א פאר ווערטער אויסדריקען די יסודות פון אנ'ערפאלגרייכער קאלאניזאציע ביי די אידען. זיי זענען: פרייהייט, ביליגער קרעדיט, פיעל אגראר־קענטניסען, קאאפעראציאן, מעגליכסט נאהענטעס צוזאמענלעבען און געזעלשאפטליכקייט.

די גאנצע אפוטרפסות־פאליטיק מוז אויפהערען. יק"א מוז זיך אבזאגען פון איהר איינגעבילדעטער ראלע אלס מענשען־פערבעסערין. זי דארף קאלאניזירען לויט קאפיטאליסטישע פרינציפען אהן קאפיטאליסטישע ציעלען. די מענשען, וועלכע זי ארדענט איין, דארפען ניט בעטראכט ווערען ווי ביזאהער בלויז פאר אנ'אביעקט פון דער קאלאניזאציע, אלס טויטע געגענשטענדע אהן ווילען און פערשטאנד, וואס קענען געצויגען און געשטויסען ווערען, וואוהין מען וויל. נאר מוזען אנגעזעהן ווערען אלס סוביעקט פון דער קאלאניזאציע, זייער ווילען און נייגונגען מוזען אויף יעדען אופן רעספעקטירט ווערען. זיי מוזען בעקומען צוזאמען מיט די אחריות פאר זייערע מעשים אויך די בעוועגונגס־פרייהייט. א קלארען, נאהענטען ציעל פאר זיך, וואס זיין דערגרייכונג מוז אבהענגען אויסשליסליך פון זייער ענערגיע און אנשטרענגונגען. וואס פריהער דער קאלאניסט קען דערגרייכען דאס אייגענטומס־רעכט אויף זיין פארם, אלץ בעסער; דערין זאל ער ניט בעגעגנען קיין שטערונגען, נאר פערקעהרט אונטערשטיצט ווערען. ער דארף וויסען, אז די יאהרען פון די שווערסטע מאטערנישען וועלען ווערען רייך בעלוינט דורך די הנאה פונ'ם אייגענעם בעזיץ, דורך דעם שטאלצען געפיהל צו זיין אנ'איינענער בעל הבית. עס מעג זיין, אז דער אדער יענער וועט ניט מאכען פון דער פרייהייט דעם נויטיגען געברויך, די פאלגען דערפון וועלען אבער זיין א לעהרע פאר די אנדערע. וואס פאר א גייסט פון ארבייט און פלייס וועט אויפלעבען, ווען די קאלאניסטען וועלען וויסען, אז אן זיי אליין ווענדט עס זיך, צו זיי זאלען זיין אונאבהענגיג אדער ניט! די ראלע פון דער קאלאניזירענדער יק"א מוז זיך אלזא בעשרענקען אויף „אריסטאקראטישע מיטהילף", וואס איז ניט פערבונדען מיט קיין דערנידעריגונג פאר'ן געהאלפענעם און וואס זעצט איהם אין שטאנד, וואס שנעלער צו שטעהן אויף די אייגענע פיס.

א ביליגער און לייכט דערגרייכבארער קרעדיט אין גרויסען ווי אין קליינעם, פאר לאנגע און קורצע טערמינען אינאיינעם מיט געניטקייט אין דער אגריקולטור און א גוט ענטוויקעלטער קאאפעראטיווער בעוועגונג, וואס וועט מעגליך מאכען ביליגער צו קויפען און טייערער צו פערקויפען, וועלען דעם אידישען קאלאניסט מאכען פאלשטענדיג קאנקורענצפעהיג מיט די ניט־אידישע פארמער.

אלזא: יק"א דארף וועניגער אויפטרעטען אלס קאלאניזאטארין

אין איהר איצטיגער פארם און הויפטזעכליך זיך אבגעבען מיט דער שאפונג פון גוט פונקציאנירענדע קרעדיט־איינריכטונגען און פון אגראר־שול־וועזען, וואס זאל ענטשפרעכען די בעדערפניסען. דאס וועט איבריגענס צוברענגען דער קאלאניזאציע נייע כחות אויך פון אנ׳אנדער זייט.

היינט קענען די אידען אין ארגענטינא איבערגעהן צו דער לאנדווירטשאפט אין צוויי עקסטרעמע פאלען: ווען זיי זענען אדער גאר ארים אדער גאר רייך. אין ערשטען פאל מוז מען זיך פריהער אנלייידען שבעה מדורי גהנום ביי יק״א, אין צווייטען פאל קען מען זיך ערווערבען א פארם מיט אייגענע מיטלען. וויל די וואהל־האבענדע אידען טראכטען ניט צו ווערען קאלאניסטען, בלייבט די קאלאניזאציע בעשרענקט אויף די, וואס בעזיצען גארנישט. פאר די פערשידענע אבשטופונגען אין דעם קלענערען פערמעגענס־בעזיץ איז ניטא קיין פלאץ אין דער אגריקולטור. קומט איינער מיט א ביסעל קאפיטאל צו יק״א, מוז ער איהם פריהער אנווערען, כדי אין א זעלטענעם פאל צו ווערען קאלאניזירט אלס פאלשטענדיגער קבצן און ערשט נאך פיעל עינויים. נאר אין איין „באראן הירש" קען צונויץ קומען דער קאפיטאל, וואס מען ברענגט מיט, אבער דארט מוז אויך דער קאפיטאל זיין גענוי אבגעוועגען און אבגעמאסטען. דער ניי־בעזעצטער קאלאניסט מוז די איינריכטונג זיך איינשאפען אויף דעם אייגענעם חשבון. וואס טהוט ער, ווען ער האט מעהר געלד? דאן קען ער עס אוועקלעגען אויף די באנק. אין זיין אונטערנעהמונג קען ער עס ניט פערווענדען. דאס איז נאטירליך גאנץ אוננארמאל. אנשטאט אבצושטויסען מוז מען די בעזיצער פון קלענערען אדער גרעסערען קאפיטאל צוציהען. צו דעם צוועק מוז אויפגעגעבען ווערען דער שאבלאניזם פון יק״א און אלע קרעפטען, וואס קענען נוצען דער קאלאניזאציאנס־בעוועגונג מוזען בעקומען די מעגליכקייט פריי זיך צו בעטהעטיגען און צו ענטוויקלען. ווען די יעניגע, וואס פערמאגען עפיס, וועלען קענען רעכענען אויף מיטהילף פון יק״א, וועט צופליסען א נייער בלוט־שטראם צו איהר קאלאניזאציע.

דער רעפארם־פלאן פאר נייע קאלאניסטען בעשטעהט אלזא אין דעם: יק״א טרעט אויף אלס פארצעלירונגס־באנק, דאס הייסט זי קויפט־אויף גרויסע ערד־שטיקער אויף א מאל און ביליג און פערטיילט זיי צווישען די, וועלכע ענטשליסען זיך צו ווערען קאלאניסטען. די יעניגע, וועלכע בעזיצען גענוג געלד־מיטלען פאר דעם בעוועגליכען אינווענטאר און לעבענס־מיטלען פאר דער ערשטער צייט און דערצו פאר א טייל פונ׳ם קויף־פרייז פון דער ערד ווי פון די הוצאות אויף דעם אונבעוועגליכען אינווענטאר, זאגען מיר $1/4$, ווערען גלייך ערקלערט אלס איי־

בענטימער. דער רעשט געלד דאַגעגען, וואָס יק״א האָט אויסגעלעגט, ווערט פֿערוואַנדעלט אין אַ היפּאָטהעק־שולד. יק״א ריזיקירט דערביי גאָר נישט, ווייל ביי די שנעל וואַקסענדע ערד־פּרייזען איז די מיט איהר געלד אין יעדען פֿאַל זיכער. כדי אָבצוהיטען דעם אידישען האַראַקטער פֿון דער קאָלאָניע און צו פֿערמיידען אַ פֿאָרם־ספּעקולאַציע, בעקומט די פֿאַרצעלירונגס־באַנק דעם פֿאָרקויפֿס־רעכט. די יעניגע קויפֿער ווידער, וועלכע זענען אָהן מיטלען, בעקומען גלייך דאָס אייגענטומס־רעכט, ווען זיי האָבען אויסגעצאָהלט דעם חוב פֿאַר דעם בעוועגליכען אינוועטאַר און אַ $1/4$ פֿון דעם רעשט, ד. ה. ווען זיי קומען אין די לאַגע פֿון די וואָהלהאַבענדערע קויפֿער. זעלבסטפֿער־שטענדליך טאָרען ניט געמאַכט ווערען קיין קינסטליכע שטערונגען פֿריהער צו קוויטירען די חובות, פֿערקעהרט דאָס מוז דערמונטערט ווערען. דער קאָלאָניסט מוז וויסען, אַז זיין אונאָבהענגיגקייט ווערט ניט דערזעסען דורך יאָהרען, נאָר ערוואָרבען דורך פֿלייס, ער מוז אָבער אויך האָבען די געוויסהייט, אַז זיין פֿלייס וועט איהם פֿיהרען צום זיכערען ציעל. דאַן וועט ער וואונדער אויפֿטהון.

נעבען דער פֿאַרצעלירונגס־באַנק מוזען פֿונקציאָנירען נאָך אַנדערע קרעדיט־אינסטיטוציאָנען, בעזונדערס פֿאַר די צוועקען פֿונ׳ם קליינעם קרעדיט צו דער בעטריבס־פֿיהרונג. אַם בעסטען איז צו בעגינסטיגען די גרינדונג פֿון לעבענספֿעהיגע קרעדיט־פֿעראיינען פֿון די קאָלאָניסטען זעלבסט, וועלכע זאָלען בעקומען גענוגענדע הלוואות פֿון דער יק״א און זאָלען זיי אויטאָנאָם פֿערטיילען צווישען די קאָלאָניסטען מיט אַ קאָלעקטיווער אחריות. די הויפּט־בעדינגונג פֿון דיזען סאָרט קרעדיט איז, ער זאָל זיין לייכט און צו יעדער צייט צו דערגרייכען און גענוגענד. בנוגע דעם צינז, וואָס יק״א נעהמט, קען אַליך בלייבען ווי ביזאַהער. 4 פּראָצענט איז פֿאַר די אַרגענטינישע בעדינגונגען ניט טייער. מען זעהט, יק״א וואָלט ביי דיזער ענדערונג פֿונ׳ם סיסטעם גאָר נישט פֿערלוירען, דאַגעגען וואָלט זי קענען פֿיעל שפּאָרען אין פֿערוואַלטונגס־קאָסטען, ווייל צו דעם קאָלאָניזאַציאָנס־אופֿן וועט זיך פֿאָדערן אַ פֿערהעלטניסמעסיג פֿיעל קלענערער און אַלזאָ ביליגערער בעאַמטען־פּערסאָנאַל

בנוגע די אַלטע קאָלאָניסטען ליגט די זאַך פֿערפּלאָנטערטער. נאַטירליך מוז געפֿאָדערט ווערען זייער פֿריילאָזונג, נאָר וועט מען מוזען זאָרגען דערפֿאַר, אַז די פֿרייהייט זאָל זיי ניט טרעפֿען איבער־ראַשענד און אונפֿאָרגעגרייט, וואָס מאַנכע פֿון זיי וואָלטען בעצאָהלען מיט דער ווירטשאַפֿטליכער עקזיסטענץ. מיר ווייסען, וואָס פֿאַר טיעפֿע שפּורען עס האָט איבערגעלאָזט דער ביזאהעריגער סיסטעם פֿון יק״א.

די פעהלערן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען דורך לאַנגע יאָהרען, קענען מיט איין מאָל אַרויסטרעטען. איך דענק דאָ הויפּטזעכליך וועגען דער פערשולדונג פון די קאָלאָניסטען. מאַנכע פון זיי שטעקען אַזוי טיעף אין חובות, אַז ווען זיי וועלען בעקומען די אייגענטומס־טיטלען, וועלען זיך פון אַלע זייטען מעלדען די בעלי־חובות מיט׳ן עקזעקוטאָר הינטער׳ן רוקען און וועלען ליציטירען די פאַרמס. מען מוז דעריבער פריהער זעהן, אַז די חובות זאָלען פערגליכען ווערען אָדער פערקלענערט ווערען אויף אַנ׳ערטרעגליכע מדרגה, בעת ביי דעם איצטיגען סיסטעם מוזען זיי אַלץ מעהר וואַקסען. דער בעסטער אויסוועג איז: די יעניגע קאָלאָניסטען, וואָס די אייגענטומס־רעכטען קענען ווערען אַ סכנה פאַר זייער עקזיסטענץ, בעקומען אַ גענוגענדען קרעדיט פאַר דער פיהרונג פון דער ווירטשאַפט, ווען נויטיג אויך אַ גרויסען, און גלייכצייטיג ווערט זיי געגעבען די צוזיכערונג, אַז זיי וועלען ערקלערט ווערען אַלס אייגענטיע־מער, ווי באַלד זיי צאָהלען זיך אָרום מיט די חובות. ווען זיי וועלען זיין אימשטאַנד איניגע יאָהר צו פיהרען אַ פערשטענדיגע ווירטשאַפט, וועט זיי געלינגען זיך אַרויסצורייסען פון דער שולדען־קנעכטשאַפט. אויך אַנדערע קאָמבינאַציאָנען זענען דאָ דענקבאַר.

אַלע קאָלאָניסטען פון יק״א, די נייע ווי די אַלטע, די זעלבסט־שטענדיגע ווי די אונזעלבסטשטענדיגע, מעגען זיך בענוצען מיט אַ קרע־דיט אין איהרע בענק אָדער אין די קאָלאָניסטישע קרעדיט־פעראיינען, וואָס זי העלפט שאַפען, אויך פאַר די אַנדערע אידישע קאָלאָניסטען־גרופען, וועלכע זענען דורך איהר ניט געגרינדעט געוואָרען, דאַרף גע־עפענט ווערען אַ ביליגער און אַ בעקוועמער קרעדיט אויף אַזוי ווייט ווי זיי געבען אַ גענוגענדע גאַראַנטיע פאַר׳ן אויסגעליהענעם געלד.

האַנד אין האַנד מיט דעם קרעדיט־וועזען דאַרף געהן די גרינדונג פון פאַרם־שולען, מוסטער־פאַרמס און די אונטערשטיצונג פון אַלע אונטערנעהמונגען צו דער פערשפרייטונג פון אַגראַר־וויסען.

אין אַלע בעריהרטע ווי אונבעריהרטע פראַגען טאָר יק״א זיך ניט בענעהמען אויטאָקראַטיש. געוועהלטע פערטרויענס־מענער פון די קאָלאָניסטען מוזען בילדען אַ בייראַט ביי די לאָקאַלע אַדמיניסטראַציעס ווי אין דער בוענאָס איירעסער דירעקציע, און מיט זייער מיינונג מוז מען זיך רעכענען אין יעדער בעציהונג. די אינערע ענינים פון די קאָ־לאָניען מוזען אויטאָנאָם פערוואַלטעט ווערען דורך די קאָלאָניסטען גופא. נאָר דער קאָלעקטיווער שכל פון די קאָלאָניסטען וועט קענען אָבפלאָנטערען דעם קנויל, וואָס די אונפעהיגקייט פון יק״א האָט פער־פלאָנטערט אין פערלויף פון צוויי צעהנדליג יאָהר, נאָר ביי דער

טעטיגער מיטווירקונג פֿון די קאָלאָניסטען וועט זיך די קאָלאָניזאַציע לאָזען פֿיהרען אויף אַ בעסערען וועג ווי ביזאהער.

אין די צענטראַלען פֿון יק"א מוז אָבער אויך אַריין אַ נייער לופֿט-צוג. איך גלויב ניט, אַז די אַלטע מענער וועלען זיין גרייט און פֿעהיג צו ענדערן דעם סיסטעם און זיך צוצופּאַסען צום נייען קורס. מיט דער ענדערונג פֿון דער פֿיהרונג מוזען אויך געביטען ווערען די פֿיהרער. צו דער דיקטאַטור פֿון די זאָנענפֿעלד'ס, מייערסאָהנ'ס, קאַזועס'ס מוז עס נעהמען אַ סוף. פֿון דער בוענאָס איירעסער דירעקציע מוזען פֿערטריבען ווערען די געדאַנקען- און געפֿיהללאָזע מאָס'ס, די בלינדע ווערקציינג פֿון דער צענטראַל-אַדמיניסטראַציע. פֿון די קאָלאָניען מוזען פֿעריאָגט ווערען די געסנעראָוו'ס, די קליינע מענשעלעך און גרויסע שופֿטען. די בעאַמטשאַפֿט מוז בענייט ווערען פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. נאָר מענשען, וועלכע געניסען דעם פֿערטרויען פֿון די קאָלאָניסטען, וועלכע האָבען פֿערדינסטע געגען דעם יודענטום, וועלכע זענען אידעעל פֿעראינטערעסירט אין דער קרעפֿטיגער אויפֿבליכע פֿון אַ אידישען אַקערבויערן-קלאַס, מענשען מיט אידעלע געזינונגען און אַ לויטערען האַראַקטער דאַרפֿען געשטעלט ווערען בראש פֿון דער קאָלאָניזאַציאָנס-בעוועגונג.

2. די אָרגאַניזאַציאָן פֿון די קאָלאָניסטען.

די אייניגקייטס-בעשטרעבונגען פֿון די קאָלאָניסטען זענען אַלט ווי די קאָלאָניזאַציע גופא. יק"א איז אָבער געלונגען צו צערייסען זייער איינהייטס-געפֿיהל. דאָרט, וואו עס עקזיסטירען קאָלאָניסטישע פֿעראייניגונגען, זענען עס זעלטען אמת'ע פֿערטרעטונגען פֿון די קאָלאָניסטען. יק"א האָט איבעראַל איהר האַנד, איבעראַל האָט זי אַריינגעזעצט איהרע נפשות אָדער יענעם טיפּ פֿון „דיפּלאָמאַטען", וועלכע געהען ניט אָפֿען מיט איהר, אָבער לאָזען אויך ניט איינרייסען מיט דער עקזיסטירענדער מאַכט.

ווי שטאַרק איז אַ מאָל געוועזען די קאָלאָניסטישע אחדות! ווי הערליך קלינגען די ערצעהלונגען פֿון יענער צייט, ווען די קאָלאָניסטען פֿלעגען זיך ווי איין מאַן שטעלען פֿאַר זייערע רעכטען, בעזונדערס ביים קאַמפּף פֿאַר גוטע קאָנטראַקטען, ווי זיי פֿלעגען אין טלית און תפילין שווערען ניט אָבצולאָזען פֿון זייערע גערעכטע פֿאָדערונגען און טאַקי שטאָהל און אייזען האַלטען איינע צו די אַנדערע! אַ טייל פֿון יענע קעמפּפֿער האָט יק"א, ווי מיר ווייסען שוין, גרויזאַם פֿערטריבען, אַ טייל קאָרומפּירט, אויף אַנדערע ווידער אָנגעוואָרפֿען אַ פּחד, וועלכער שטעקט זיי נאָך היינט אין אַלע אברים. זייט יענער שטורם- און דראַנג-פּעריאָדע, וואָס איהר געשיכטע פֿערדינט אויסגע-

פֿאָרשט און בעשרײַבען צו ווערען אין אַלע איהרע אײנצעלהײטען, בעשטעהט יק״א׳ס פּאָליטיק אין צעמאָלען די חאַראַקטאָר-ען, אין אויפֿציהען האָזען. אַלעס גרויסע, וואָס קומט צו איהר, מוז קלײן ווערען, אַלעס האַרטע ווערט געבראָכען אָדער געבויגען, אַלעס געזונדע ווערט אָנגעשטעקט מיט איהרע באַצילען. און דאָך ווי אונשווער איז עס נאָך הײַנט צו אָרגאַניזירען די קאָלאָניסטען! עס דאַרף זיך נאָר מעלדען אַן׳אונאָבהענגיגע, ציעלבעוואוסטע אינטעליגענץ אין די קאָלאָניען און מיט קנירשענדע צעהן וועט יק״א מוזען צוקוקען, וואָס פֿאַר אַ ווידערשטאַנד די קאָלאָניסטען וועלען איהר געבען.

אײביג וועט מיר בלײַבען אין זכרון דער אַרגענטינישער פֿריהלינג פֿון 1909. וואָס פֿאַר אַ שכרות פֿון בעגײַסטערונג איז עס געגאַנגען דורך די פֿערזאַמלונגען, צו וועלכע די קאָלאָניסטען פֿלעגען זיך צונויפֿפֿאָהרען מאַסענהאַפֿט פֿון די פֿערוואָרפֿענסטע ווינקעלעך, בײַ די ווערטער „אונאָבהענגיגקײַט״, „קאָנגרעס״ „פֿערבאַנד״! זײ גאַרען צונויפֿצורופֿען אַ קאָנגרעס, עפֿענטליך צו בעראַטען איבער זײערע ענינים, צו מעלדען דער יק״א און דער וועלט זײערע בעדערפֿניסען און פֿאָדערונגען, נאָר פֿעהלט זײ אַ פֿיהרענדע האַנד, ווײַל יק״א זוכט מיט די געמײנסטע מיטלען אונשעדליך צו מאַכען אַלע, וואָס זענען איהר אונבעקוועם און צו דערווײַטערן דעם „דריטען עלעמענט״.

עס איז די פֿליכט פֿון דער אידישער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ צו שיקען איהרע פֿערטרעטער אין אַרגענטינאַ, כדי מיטצוהעלפֿען און אָנצופֿיהרען די קאָלאָניסטישע בעוועגונג.

זעלבסטפֿערשטענדליך מוז די פּראָיעקטירטע אָרגאַניזאַציע פֿון די קאָלאָניסטען זײַן דעמאָקראַטיש און מוז אָהן קאָמפּראָמיסען פֿערטײדיגען די אינטערעסען פֿון די קאָלאָניסטען. יק״א זוכט צו שטעלען געגען אַזאַ פֿעראײניגונג אַ „פֿעדעראַציע״ פֿון איהרע רעדעל-פֿיהרער און „דיפּלאָמאַטען״. דאָס דאַרף ניט דערלאָזען ווערען.

די אויפֿגאַבען פֿון דעם קאָלאָניסטישען פֿערבאַנד זענען דאָפּעלטע. פֿון אײן זײַט דאַרף ער דורכפֿיהרען די קאָלאָניסטישע פֿאָדערונגען געגען יק״א, צו וועלכען צוועק ער דאַרף אַפּעלירען איבער די קעפּ פֿון די בעאַמטע צום אַדמיניסטראַציאָנס-ראַט און, ווען נויטיג, צו די געמײנדען און חברות, וואָס בעזיצען די אַקציעס פֿון יק״א און צו דער עפֿענטליכער מײנונג. פֿון דער אַנדער זײַט וועט ער אויך זעלבסטשטענדיג קענען אַרבײטען אויפֿ׳ן קאָלאָניזאַציאָנס-געביעט, גרינדענדיג אַ אינפֿאָרמאַציאָנס-ביוראָ פֿאַר קאָלאָניזאַציאָנס-צוועקען מיט אַן׳אַגראָנאָמישען און יורידישען בײראַט און אַ פֿערמיטלונגס-שטעלע, וואָס זאָל פֿערמיטלען צווישען אײנצעלנע ערד-קויפֿער און-פֿערקויפֿער, בעזונדערס

צווישען גאנצע גרופען אידען און די קאלאניזאטארישע ניט־אידישע חברות און אונטערשטיצענדיג אלע אונטערנעהמונגען צו דער פערשפרייטונג פון אגראר־וויסען און אויפצוהויבען דעם קאלאניזאציאנס־גייסט, וואלט ער קענען אונגעהויער פיעל אויפטהון.

3. די פפליכטען פונ׳ם יודענטום.

אהן די קרעפטיגע אריינמישונג פון דער אידישער עפענטליכקייט וועט די דעספאטיע פון דער יק״א־אדמיניסטראציע ניט געבראכען ווערען, די קאלאניסטישע אונאבהענגיגקייטס־בעוועגונג קען נאר דאן רעכענען אויף אנ׳ערפאלג, ווען זי וועט אונטערגעהאלטען ווערען דורך א שטארקען דעת הקהל. אמת, אז יק״א רעכענט זיך ווייניג מיט דער אידישער עפענטליכקייט, דאך ווען איהר מיינונג וועט זיין גענוג שארף אויסגעדריקט, ווען דער אידישער פאלקס־ווילען וועט זיין גוט ארגאניזירט און וועט זיך לאזען שטארק הערען, וועלען די מאסגעבענדע פאקטארען פון יק״א ניט קענען אריבער־געהן איבער איהם גלייכגילטיג צו דער טאגעס־ארדנונג. די מאכט פון די היינטיגע בעלי בתים פון יק״א שטיצט זיך אויף זייער צביעות. ווען די מאסקע ארונטערגעריסען ווערען פון זייערע פנים׳ער, דאן וועלען זיי לענגער ניט בלייבען ביי דער הערשאפט.

איך בין ניט אזוי איינגעבילדעט צו ערווארטען, אז אויפ׳ן יסוד פון דער פארליגענדער שריפט אליין וועט די אידישע עפענטליכקייט ארויסטראגען איהר ענדגילטיגען אורטייל איבער דעם בעהאנדעלטען געגענשטאנד און אויפהויבען א שטורם געגען די יק״א־פערוואלטונג. זי איז די ארבייט פון א יחיד. מיין בעשולדיגונגס־אקט מוז פריהער אונטערזוכט ווערען אויפ׳ן ארט און שטעל דורך פערטרויענס־מענער פונ׳ם יודענטום. צו דעם צוועק וועט נויטיג זיין צו שיקען אנ׳ א ו נ ט ע ר ז ו כ ו נ ג ס ־ ע ק ס פ ע ד י צ י ע אין ארגענטינא, וואס זאל בעשטעהן פון איינינע בעקאנטע און פערטרויענסווערטע פערזענליכקייטען, וועלכע דארפען בערייזען די קאלאניען און איבערגעבען דער עפענטליכקייט זייערע איינדריקע און אורטיילען. דער געדאנק וועגען אזא עקספעדיציע איז ניט נייע. שוין דער פערשטארבענער צעדערבוים, דער רעדאקטאר פון „המליץ”, האט איהם פארגעלעגט אין אנהויב פון די נייינציגער יאהרען פונ׳ם פערגאנגענעם יאהר־הונדערט, בעת עס האבען זיך געפיהרט אין דער אידישער פרעסע היציגע דיסקוסיאנען ארום ארגענטינא. דער פאקט, אז דער געדאנק איז ביזאהער געבליבען ניט אויסגעפיהרט, איז אנ׳ארימקייטס־צייגניס פאר׳ן יודענטום, בעזונדערס פאר דער אידישער אינטעליגענץ. דאך וואס איז ביזאהער ניט געשעהן, וועט זיך היינט ניכער לאזען דורכפיהרען, צו רעדען וועגען די איינצעלהייטען פונ׳ם

פראָיעקט וועגען דער עקספּעדיציע וועט זיין, דער אָרט אין דער פּער־ריאָדישער פּרעסע.

עס איז ניט נויטיג צו זאָגען, אַז עס איז די גרעסטע נאַציאָנאַלע פפליכט בייצושטעהן אונזערע אַרגענטינישע קאָלאָניסטען אין זייער נויט. די מענשען וועגען אמת'ע פּיאָנירען פונ'ם יודענטום, אין זיי לעבען די אידעאַלען פון אונזער פאָלק, פאַר וועלכע זיי ברענגען אונענדליך פיעל, אָבער אומזיסטיגע קרבנות, ווייל זיי זענען אָהן נוצען פאַר'ן יודענטום, זיי האָבען בעוויזען די זעלטענע סבלנות פון אונזער ראַסע, וואָס זיי האָבען דערטראָגען דעם יאָך פון זייערע פילאַנטראָפּישע אונ־טערדריקער און האָבען קיין מאָל ניט אָבגעגענטפערט אויף די שענדליכע מעשים פון יק"א מיט געוואַלט־אַקטען, ווען אויף זייער אָרט וואָלט געווען אַנ'אַנדער פאָלקס־עלעמענט, דאַן וואָלט עס ניט איינמאָל געקומען צו בלוטיגע צוזאַמענשטויסונגען, דורך וועלכע די וועלט וואָלט אויפמערק־זאַם געוואָרען אויף די צושטענדע אין די קאָלאָניען און וועלכע וואָלטען גע־צוואונגען די קאָלאָניזאַטאָרען צו מענשליכערע בעציהונגען. ווען אַרגענטינאַ וואָלט פון דער אַנדער זייט געווען נעהנטער צו די אידישע צענטרען, וואָלט זי געשטאַנען אונטער דער געזעלשאַפטליכער קאָנט־אָלע אין יק"א וואָלט ניט געוואַגט אַזוי אָהן בושה זיך צו פערזינדיגען געגען די עפּענטליכע מיינונג. ניט קוקענדיג אויף דעם קאָלאָסאַלען מרחק, מוז יק"א'ס אַרגענ־טינישע קאָלאָניזאַציע געשטעלט ווערען אונטער דער קאָנטראָלע פון דער אידישער דעמאָקראַטיע פון דער גאַנצער וועלט. אַ שטיק יודענטום בלוטעט אָהן אַנ'אויפהער אין זיד־אַמעריקאַ, — דאָס אַלוועלטליכע יודענטום וועט זיך פאַר איהם אָננעהמען, געגען אויסערע פיינד זענען מיר אָפט אָהנמעכטיג ווי געגען די נאַטור־געוואַלט. אָבער אַז אידען זאָלען אונטערדריקט ווערען דורך אידען און דורך אַזוינע, וואָס זענען זייערע כלומר'שטע בעלי טובות, — צו דיזען גרויזאַמען שפּיעל, דאָס בייעסטע אין אונזער לייידענספולער געשיכטע, מוז וואָס פריהער געמאַכט ווערען אַ סוף, דאָס קען און זאָל געשעהן.

אינהאלט.

פארוואָרט 3

I. דאָס רעזולטאַט פון צוויי צעהנדליג יאָהר. 1. די ערוואַרטונגען פונ'ם פאָלק און פון זיין וואוילטעטער. 2. די ערפילונגען 11

II. אַרגענטינאַ אַלס קאָלאָניזאַציאָנס-לאַנד פאַר אידען. 1. די ווילדקייט פון דער נאַטור. 2. די עקסטענסיוויטעט פון דער אַגריקולטור 25

III. די אידען אַלס קאָלאָניזאַציאָנס-מאַטעריאַל. 1. מיינונגען און ערפאַהרונגען. 2. פאָראויסזעצונגען און כללים פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע 37

IV. דער פילאַנטראָפישער פעאָדאַליזם. 1. די קאָנטראַקטען. 2. אַנדערע פאָרמען פונ'ם פילאַנטראָפישען פעאָדאַליזם. 3. די גוטע כונות און שלעכטע רעזולטאַטען פון דער פילאַנטראָפיע. 4. יק"א אַלס ערציהערין 51

V. דער בעאַמטען-אַבסאָלוטיזם 80

VI. יק"א'ס מוסטער-קאָלאָניען. 1. „באַראָן הירש". 2. מויריציאָ. 97

VII. יק"א און דער אַנטיסעמיטיזם 107

VIII. וואָס זאָל געשעהן? 1. רעפאָרם-פראָגראַם. 2. די אָרגאַניזאַציע פון די קאָלאָניסטען. 3. די פפליכטען פונ'ם יודענטום 117

ביבליאטעק און לעזעצימער פון אידיש
נאציאנאלען ארבייטער פערבאנד
LIBRARY AND READING ROOM OF THE
Jewish National Workers' Alliance